YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i29

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 29
August 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 29)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/38

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אָ: מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּלאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו-וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 29. New York, Friday, Aug. 1, 1919, פרייטאג, דעם 1טען אויגוסט PRICE 3 CENTS

א סטרייק פון וויסט מאכער אין סקענעקטעדי

אין סקענעקטעדי, ניו יארק, קומט איצט פאר א סטרייק אין א וויסט שאפּ, וואס האט דארט אויפגערודערט די גאנצע שטעדטעל. דער סטרייק איז א גאנץ כאראקטעריסטישער.

די ניו יארקער וויסט פירמע, מאקס קורזראק, האט אין סקענעקטעדי א וויסט שאפּ אונטער'ן נאמען „ע. און ל. וויסט שאפּ", און ווי עס איז דער שטייגער אין די שאפּקעס פון קליינע שטעדטלעך, איז דארט אנגעגאנגען די גרעסטע עקספּלואטאציע. אין דעם שאפּ ארבייטען א צוויי הונדערט מיידלאך און זיי האבען דארטען שרעקליך געליטען. פאר יעדער קלייניגקייט איז מען געשטראפט און באליידיגט געווארען, און וואס אנבאלאנגט די פארדיענסטען איז גאר געווען גרויסע צרות.

די שכירות זיינען דארט געווען אזוי: די ערשטע פאר וואכען האט מען געצאהלט 7 דאלאר א וואך. נאכדעם 10 דאלאר א וואך, און מען איז דערגאנגען ביז 15 דאלאר א וואך. אבער ווי די מיידלעך דערצעהלען, האבען גאנץ ווייניגע זיך געקענט ארויפארבייטען ביז 15 דאלאר א וואך ווייל די פירמע פלעגט אימער אוועקשיקען די אלטע „הענט" און כסדר אננעמען נייע פאר 7 דאלאר א וואך, און אויך איצלכע וואס האבען געקראגען צו 5 און צו 3 דאלאר א וואך. דער שאפּ איז, פארשטעהט זיך, גאר ניט געווען ארגאניזירט און קיינער האט ניט געוואוסט וואס דארטען טוט זיך.

האט זיך געמאכט אזא געשיכטע: א קליינע עלף יעהריגע מיידעל, וואס האט געארבייט אין דעם שאפּ, האט אפּגעזוכט טאמאס דזשיי. פורסעל, דעם ארגאנייזער פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר אין יענער געגענד און איהם דערצעהלט פון דער שקלאפערייי וואס געהט אן אין דעם ע. און ל. וויסט שאפּ. ער האט איהר געהייסען איינרופען א מיטינג פון די מיידלאך פון שאפּ און עטליכע און דרייסיג מיידלעך זיינען צו דעם מיטינג געקומען.

גלייך נאכדעם איז איינגערופען געווארען א צווייטער מיטינג און צו דעם מיטינג זיינען שוין געקומען 60 מיידלאך. אבער די פירמע האט זיך שוין געהאט דערוואוסט דערפון און איהרער אן אגענט איז געשטאנען ביי דעם פלאץ פון'ם מיטינג און פארשריבען די נעמען פון די מיידלאך וואס זיינען געקומען אהין. דאס האט אבער די מיידלאך דאך ניט אפּגעשראקען פון געהן צו דעם מיטינג. דער רעזולטאט איז געווען, דאס גלייך נאך יענעם מיטינג, דעם 12טען דזשולי, האט די פירמע אוועקגעשיקט 23 מיידלאך פון די וואס זיינען געווען אויף דעם מיטינג. די מיידלעך פון דעם שאפּ האבען אויף דעם גלייך געענטפערט מיט א סטרייק און די גאנצע שטעדטעל איז איצט פול מיט דער פּאסירונג.

סקענעקטעדי איז א פאבריק-שטאדט, דארט זיינען דא אייניגע יוניאנס פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר און די יוניאנס האבען זיך פאראינטערעסירט מיט דעם סטרייק. זיי האבען געמאכט אן אונטערזוכונג וועגען די ארבייטס-באדינגונגען אין דעם שאפּ און זיי שטיצען דעם סטרייק מאראליש און פינאנציעל. זיי האבען שוין ביינעשטייערט צום סטרייק איבער פינף הונדערט דאלאר. מר. פורסעל, דער ארגאנייזער פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר האט גערופען די פירמע צו ארביטריישאן, האט זי זיך ענטזאגט צו קומען. אויך דער מעיאר פון שטאדט האט זיך אריינגעמישט און גערופען דער פירמע צו ארביטריישאן, האט זי זיך ווידער ענטזאגט.

איצטער איז דער סטרייק אונטער'ן אויפזיכט פון דער פעדעריישאן, צוזאמען מיט אונזער אינטערנעשאנאל. שוועסטער רזשעני מייטעס, פון לאקאל 25, איז אהין געשיקט געווארען צו העלפען פיהרען דעם סטרייק און צו ארגאניזירען די דארטיגע וויסטמאכער, צו מאכען זיי פאר מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאנאל. די סטרייקערינס האבען די סימפאטיע פון דער גאנצער שטאדט און די פירמע וועט מוזען ענטוועדער זיך אונטערגעבען, אדער צומאכען דעם שאפּ און מופען ערגעץ אנדערש.

אויפ'ן וואגשאל

די לאגע אין שיקאגא אין דעם סכסוך אין דער וויסט-אינדוסטריע צווישען דער יוניאן און די מאנופעקטשורערס נאך אלץ אונבאשטימט.—פון דעם בריעף אבער פון פרעזידענט שלעזינגער, מיטוואך, דעם 30טען דזשולי, זעהט אויס, אז גיכער ווי ניט, וועלען די מאנופעקטשורערס פרידליך נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון דער יוניאן.—עס האלט דערביי, אז די וויסט אינדוסטריע אין שיקאגא זאל געבראכט ווערען אויף דיזעלבע מדרגה פון ארדנונג און ארגאניזאציאן, ווי די וויסט-אינדוסטריע אין ניו יארק.

„וועט עס קומען צו א דזשענעראל סטרייק, אדער וועט עס געסעטעלט ווערען פריעדליך?" — דיעזע פראגע ליגט יעצט אויף די ליפען פון די ארבייטער און מאנופעקטשורערס אין דער סקוירט און דרעס-אינדוסטריע פון שיקאגא.

ענטפערען אויף דיעזער פראגע וועט מען ערשט קענען אין א פאר טעג ארום. עס ווענדט זיך ווי אזוי די מאנופעקטשורערס וועלען האנדלען דורך דעם היינטיגען טאג און דורך דעם מארגענדיגען טאג. פארלויפיג מאכט אונזער לאקאל 100 אלע נויטיגע פארברייטונגען פאר א דזשענעראל סטרייק.

די בראווע מיידלעך פון לאקאל 100 מאכען אלע אראנזשמענטס, אז אויב עס וועט קומען צו א סטרייק, זאלען זיי זיך ניט דארפען שעהמען פאר זייערע שוועסטער אין ניו יארק, פילאדעלפיא, באסטאן, ברידזשפארט און אנדערע שטעדט.

דער לעטער, וועלכען פרעזידענט שלעזינגער האט לעצטע וואך, ארויסגעשיקט צו די שיקאגא'ר מאנופעקטשורערס, האט געבראכט די פאלגענדע רעזולטאטען: עס האבען זיך געגרינדעט צוויי מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס, און ביידע האבען געלאזט וויסען אז זיי זיינען בערייט צו קאנפערירען מיט קאמיטעס פון אונזער יוניאן און צו מאכען מיט אונזער אינטערנעשאנאל קאלעקטיווע אגרימענטס.

די ערשטע אסאסיאיישאן רופט זיך „די שיקאגא סקוירט און דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן" און זי באשטעהט פון א גרויסער צאהל מאנופעקטשורערס, וואס האבען זייערע פעקטארים אין דעם „לופ" דיסטריקט; און די צווייטע אסאסיאיישאן רופט זיך „די יונייטעד לײדיעס גארמענט מאנופעקטשורערס" און זי באשטעהט פון א באדייטענדער צאהל מאנופעקטשורערס, וואס האבען זייערע פעקטארים אויף דער נארד-וועסט סאיד.

מאנטאג 10 אוהר אין דער פריה איז אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ מיט דער ערשטער אסאסיאיישאן און דינסטאג 1 אוהר נאכמיטאג מיט דער צווייטער אסאסיאיישאן. פרעזידענט שלעזינגער האט אויף ביידע קאנפערענצען פארגעלעגט די פאדערונגען, וואס זיינען פריהער אויסגעארבייט געווארען פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון אונזער לאקאל 100.

די שטימונג אויף ביידע קאנפערענצען איז געווען א פריינדליכע. די מאנופעקטשורערס האבען ערקלעהרט, אז זינט דעם סטרייק פון פאר צוויי יאהרען האבען זיי אין גאנצען געביטען זייערע מיינונגען וועגען יוניאנס; אז פיעלע פון זיי זיינען געקומען צום שלום, אז איידער צו ספענדען צעהנדליגע טויזענדע דאלארס אויף סטרייק-ברעכערס, אויף אינדזשאנקשאנס און אויף שארלאטאנסקע לאיערס, איז גלייכער צו ספענדען דאס געלד אויף די ארבייטער, אין גרעסערע וויידזשעס און קירצערע ארבייטס-שטונדען.

אין דיעזען מאמענט קען מען נאך אבער ניט וויסען צו א סטרייק וועט אויסגעמידען ווערען, צו ניט. עס ווענדעט זיך אין דעם ענטפער וואס די אסאסיאיישאנס וועלען געבען אויף אונזערע פאדערונגען. (מיר פאדערען די פרעפערענשעל יוניאן-שאפּ, העכערונגען אין וויידזשעס פאר אלע ארבייטער, און א מאשינערי אויסצוגלייכען סכסוכים.)

היינט אווענד דארפען די אסאסיאיישאנס מיט אונז ווייטער קאנפערירען און אונז געבען זייערע לעצטע ענטפערס. אויב זייערע ענטפערס וועלען זיין פריינדליכע, וועט אלעס זיין געסעטעלט פרידליך; אויב אבער זייערע ענטפערס וועלען זיין אזעלכע וואס אונזערע ארבייטער וועלען ניט קענען אננעהמען, וועט די גאנצע סקוירט און דרעס-אינדוסטריע פון שיקאגא, אין אייניגע טעג ארום, זיין אין סטרייק.

איינער א „לאיער" מיט'ן נאמען דזשייקאבסאן, וועלכער האט אין אונזער קאמפף מיט צוויי און א האלב יאהר צוריק, דורך די עקלהאפטסטע פארלוימדונגען אויף אונזער יוניאן, ארויסגעקראגען אינדזשאנקשאנס און 1500 פון אונזערע בראווע סטרייקערס זיינען ארעסטירט געווארען, איז יעצט אויך „אן דהי דזשאב". ער האט ארגאניזירט אן „אסאסיאיישאן" פון 6 מאנופעקטשורערס צו פייטען אונזער יוניאן, און ער האט אונז דורך זיינעם אן אגענט געלאזט וויסען שריפטליך, אז ער וועט ווייטער ארויסנעהמען אן אינדזשאנקשאן געגען אונזער יוניאן. דיעזען קערל, וועלכער איז פאראכטעט פון דער גאנצער שיקאגא'ר באפעלקערונג, געפעלט ניט אונזער יוניאן, ווייל זי איז מעהרסטענטיילס אידיש, און ער געהט ארום צווישען די מאנופעקטשורערס און ראט זיי אז זיי זאלען די אידישע מיידלעך ארויסווארפען פון זייערע שעפער. אבער מעהר ווי זעקס אדער זיעבען „העכט" איז איהם ניט געלונגען צו קעטשען. ניינציג פראצענט פון די מאנופעקטשורערס ווילען מיט איהם קיין מגע ומשא ניט האבען און לאזען איהם אין זייערע אפיסעס ניט אריין.

אלזא, אין א פאר טעג ארום וועלען מיר וויסען באשטימטעס וועגען שיקאגא. אויב אין שיקאגא וועט געסעטעלט ווערען פריעדליך, וועט פרעזידענט שלעזינגער דיעזען שבת זיין צוריק ביי זיין עסק אין ניו יארק.

גרויסער זיעג פאר 5000 קארסעט ארבייטער

די סטרייקס אין אלע קארסעט פעקטאריס פון ברידזשפארט און דענבורי, קאנעקטיקוט, וואס זיינען אנגעפיהרט געווארען פון אונזער אינטערנעשיאנעל, האבען זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגען זיעג פאר די איבער 5000 קארסעט ארבייטער פון יענע פעקטאריס.

די פאדערונגען וואס יענע ארבייטער האבען דורך דעם סטרייק געוואונען, איז שוין געווען געמעלדעט לעצטע וואך אין אונזער פרעסע. איין פונקט אבער, די ארבייטס-צייט, איז לעצטע וואך נאך ניט באשטימט געווען. וועגען דעם האט מען געדארפט געהן צו ארביטריישאן.

אבער אויך דער פונקט איז פאלשטענדיג געוואונען געווארען. די קארסעט-מאכער פון ברידזשפארט און דענבורי, איבער 5000 אין צאהל, האבען באקומען א 44 שטונדיגע ארבייטס וואך! איהר קאנט זיך קוים פארשטעלען וואס דאס מיינט פאר יענע ארבייטער, און וויפיעל אונזער אינטערנעשיאנעל יוניאן האט דורכדעם געוואונען.

פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, האבען זיך אין די סטרייקס באטייליגט די וויים פרעזידענטען, סאול זיידמאן, עלמאר ראזענבערג און פאניא מ. קאהן. אונזערע וויים פרעזידענטען האבען אבער געהאט די פולע מיטווירקונג פון די ארטיגע מענשען אין דער ארבייטער באוועגונג. עס האט א סך מיטגעהאלפען אירא מ. ארנבורען, סעקרעטער פון דער קאנעקטיקוט פעדעריישאן אוו לייבאר, פעני ג. פעפער, סעקרעטער פון דער קארסעט ארבייטער יוניאן, מרס. טשיין, פרעזידענטין פון דער יוניאן, מר. קירנאן, פרעזידענטין פון לאקאל 34 און נאך אייניגע אנדערע.

עס איז קיין צווייפעל ניט, דאס אלע דיעזע יוניאן טוער זיינען איצט שטאלץ אויף זייער ארבייט און זיי באקומען די ברכה פון אלע ארבייטער אין יענע קארסעט פעקטאריס, וועמעס לאגע עס איז באדייטענד פארבעסערט געווארען.

אינהאלט-פארצייכנים

נומער 29 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך — ש. י.
זייט 3. פינאנציעלער באריכט פון דעם דזשענעראל סטרייק פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25 — פ. נייטען וואלף. די לײדיס טיילארס יוניאן, לאקאל 80 — ה. הילפמאן.
זייט 4. די מעמבערשיפ פון די נויארקער דזשאינט באארד לאקאלס — נ. מ. מיניקאוו. עקזאמינערס און בושלערס יוניאן לאקאל 82 — מ. י. אשפיז.
זייט 5. דער מיטינג פון'ם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. בריעף צום רעדאקטאר.
זייט 6. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — א סטעף רעפארטער.
זייט 7. די קליוולאנדער קלאוקמאכער פייערן זייער זיעג דורך א באנקעט. דער סטרייק פון די קלאוקמאכער אין שיקאגא—(איינדריקע) דר. מאקס געטנער.
זייט 8. לינדעלין — יאנאס ליע. (אידיש פון זישי לאנדוי).
זייט 9. לינדעליען. די קאסטאם דרעסמאכער יוניאן לאקאל 90 — ס. זילבערמאן.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר — ש. יאנאווסקי.
זייט 12. ראסען שטרייט אין אמעריקא — נ. בוכוואלד. שיסען מיר נעגערס. (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. אין א הייסען טאג.—מ. שמואלזאן.
זייט 14. מיר חלומ'ט זיך... (געדיכט) — י. אדלער. א רייזע איבער מיינע אייגענע קעשענעס — א. קראפעווע.
זייט 15. שטימונגען — בן הרב. קורצע שמועסען.
זייט 16. יוניאנס קומען צו הילף די רענד סקול.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. די פרויען-וועלט — דאס בערדיק בלינדער.

פילאַדעלפיער אָפּטיילונג

נאָך אַ בריעף פון פילאַדעלפיא

פון א. סילווער

עס איז אייער שולד, געג. רעדאקטאָר, וואָס איך נעם זיך דאָס רעכט אַזוי אָפט צו באַזוכען די קאָלומנס פון דער „גערעכטינקייט“.

אז מען גיט אַ אידען אַזאַ פראָמינענטען פּלאַץ ווי די לעצטע פּיידזש, אויף וועלכער יעדער איינציגער, ווילענדיג צי ניט ווילענדיג, וואַרפט אַ בליק, און דערזעהט און ערקונדיגט זיך אַז אין אַזאַ מין און אַזאַ מין שטאָדט, אין אַזאַ און אַזאַ גובערניע, וואָהנט אַ איד סילווער, וועלכער לעבט, שטרעבט, פאַנטאַזירט און וויל שרייבען... ווערט דעם דאָזיגען אידענס כח הדמיון שטאַרק צופּעשטשעט און ער פאַנגט טאַקע אָן צו גלויבען אַז ער האָט די מעלה פון צו זיין אינטערעסאַנט.

איז אויב איך ווער אייך אביסעל איבערדריסיג, פריינד רעדאקטאָר, טאָ פאַרפאַהרט־זשע מיר אַזוי ריכטיג מיט אייער „בריעף קאַסטען“ קאַנטשיק און איך וועל מיט פאַרביסענע ליפּען, פאַרשווינדען אין דער וועלט פון פאַרגעסענהייט — פּאַיאַוועט זיך אַ מעטעאָר... און פאַרשווינדעט.

ווי שטעהט דאָס דען געשריבען אַז אַ יוניאָן פאַרשטעהער מוז בכלל קענען שרייבען?

אידען מוזען זיך טאַקע שלאָגען אייבער פּרנסה?

וואָס וועלען די סעקרעטערע פון די געווערקשאַפטען די פאַראייניגטע טאָן, אויב די אָפּיסערס פון די פאַרשידענע יוניאָנס וועלען אַליין קענען שרייבען — זייערע באַריכטען?

און פון וואָס וועט דער לייבאָר עדיטאָר פון „פאָרווערטס“ ציהען זיין חיונה, אויב יעדער יוניאָן־ליוטענאַנט וועט אויך ווערען אַ מייסטער דער פּענע? (ערלויבט מיר פאַר פּאַטריאָטישע אורזאַכען זיך נוקם זיין אין'ם דייטש).

איז צוליעב וואָס זשע זאָג איך דאָס? ווער בעט מיך דען צו שרייבען? איז דער תירוץ: אייער שולד, געג. יאַנאָווסקי! ווי זאָגט מען דאָס: אונטערגעגעבען חשק!

איז ווענען פילאַדעלפיא פּראָפּער וועל איך אייך שרייבען דאָס פאָלגענדע:

מיר געהען ברעכען אונזער אגרימענט מיט די בעלי בתים.

מיר טוען דאָס מיט אַ דאָפּעלטען צוועק: ערשטענס אין'ם אגרימענט אונזערען געפינט זיך אַ קליין ניט וויכטיג פּונקטעל וועגען קאַטערס ווייזדזשעס, וועלכען עס וויל זיך אונז צוליעב עקאָנאָמישע אורזאַכען אביסעל אַ פּיקס טאָן... און צווייטענס, ווייל עס איז אין אַלגעמיין זיס צו ברעכען... אגרימענטס. ס'איז מאָדערנע, פאַרשטעהט איהר מיך!

מיט אַזאַ טאַקטיק נעמט מען שטאַרק אויס ביים עולם.

ווארים ווען איז נאָך דאָ אין מיטען סיזאָן, ווען אַלעס געהט כשורה, אַזאַ גערעגענהייט צו פאַרדאַמען די יעצטיגע געזעלשאַפט מיט די בעלי בתים אַלס איהרע זיילען, ווי ווען מען פאַנגט זיך אָן צוגרייטען... פאַר אַ רעיז?

נו, גרייטען מיר זיך, מיט דער הסכּמה פון דער פּמליא של מטה... פאַר גרויסע געשעהעניסען... (מי לנו גדול פון אַ פּינף דאָלערדיגען רייז?)

און מיר האָבען שוין אָפּגעהאַלטען מיטינגען — אַי ווי הייס!

און היינט, מאָנטאַג דעם 14טען דזשולאַי, צוויי טעג נאָכדעם, ווי אַ בלייז האָט דאָ פאַרניכטעט אשר „אַ מיליאָן דאָלער וואָירטה אָף פּראָפּערטי“. (און אצבע אלהים צו אונזערע בעלי בתים) איז אין האָטעל ווערסאַיל... אָפּגעהאַלטען געוואָרען דער ערשטער קאָנפערענץ צווישען ביידע צדדים.

מיר, פון אונזער זייט, האָבען ניט אַנדערש ווי געוואָלט אַ דריי־עקיגיגען טיש — האָט מען אַזעלכען אין האָטעל ניט געקאָנט קריגען.

האָבען מיר נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג צווישען זיך איינגעוויליגט צו אַ גלייכען טיש.

איינער פון אונזערע... האָט על פּי טעות אַריינגעשמוגעלט זיין טשער צווישען די בעלי בתים — אַ רמז אויף אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע.

און דאַן האָט אַ האַמער דעם קאָנפערענץ ערעפענט.

דער „ראש הקהל“ פון דער אַסס'ן (פּרעזידענט בל"ז) האָט מיך געבעטען זיי צו ערקלערען וואָס מיר ווילען, האָב איך זיך ניט שטאַרק געלאָזט בעטען און זיי באַלד ערקלערט וויפיעל מיר ווילען...

האָבען מיר דאָס געהערט אַ פּאַרציע מיט מוסר! אזש די האָר אין קאָפּ האָבען זיך קאַפּויר געשטעלט.

און אַ ספּיקער האָבען זיי דאָס אַרויסגעשטעלט — שוין איינמאָל אַ ספּיקער! אַ איד קאַטאַרי וואָס איז אַליין אַ פּיהרער פון ברידער אַרבייטער געוועזען אַמאָל — אַמאָל ווען ער האָט נאָך קיין צובראָכענעם סענט ביי דער נשמה ניט געהאַט...

איהם פאַרשטעהט איהר מיך, קען מען ניט בלאָפען... ער ווייסט אַלע טריקס פון דער יוניאָן... יו־נאָו. די בעלי בתים דיינקען, אַז זיי האָבען אין איהם אַ גאַנצען אוצר! — גאָר אַ קלייניגקייט: וואָן פראָם די אינסייד! —

אָט דער איד האָט דאָס אונז כמעט ווי מיט אונזער שפּראַך... אַריינגעצימבעלט...

— חברה, — זאָגט ער צו אונז, — געדענקט, איהר ברעכט היינט דעם הייליגען פּרינציפּ פון קאָלעקטיוו באַרגעניגג!

— געדענקט, — זאָגט ער, — איהר צושמעטערט היינט מיין אייגענע אמונה אין יוניאָן־אגרימענטס.

— די מעמבערס פון אונזער אַסס'ן, — זאָגט ער, — וועלען זיך נאָך חלילה אָפּלערנען פון אייך די שלעכטע מדה פון „וויאָלייטען דעפעניט אַנדערסטענדינגס“. (זיי דאַרפען זיך ערשט לערנען). און נאָך און נאָך האָט ער געזאָגט, און זיין אַרט זאָגען איז געווען אַזוי מאַיעסטעטיש און זיין שטימע איז געווען אַזוי טיעף דרינגענד — אזש הערצער האָבען אָנגעפאַנגען צו קלאַפּען!

אַ גליק וואָס אונזער שטימונג איז געווען אַ גוטע. מיר וואָלטען זיך נאָך, אַ קשיא, געווען צעוויינט!...

אונזער פּראָלעטאַרישע קלאַסען־באַוואוסטזיניגקייט האָט אונז אָבער ניט פאַרלאָזט און ווען מיר האָבען אונזערע פּיילען אין זייער לאַנגער אָנגעפאַנגען צו שליידערן, האָבען מיר דאָרטען אַ גאַנצען חורבן אָנגעמאַכט און איך האָב בפועל ממש געזעהן אַז דער אַמאָליגער „לייבאָר־ליעדער“ האָט נעבאָך זעהר שטאַרק באַדויערט זיין יעצטיגע לאַגע...

עס ווילט זיך מיר שטאַרק גלויבען, אַז אונזערע „זאַקראַיסטשיקעס“ וועלען קריגען אַ רעיז אָהן „חרב ורכב“, די פראַגע איז נאָר צו וועט אַזאַ מין רעיז לויט'ן יעצטיגען שלחן ערוך זיין כשר?...

און יעצט קום איך אייך צו לאָזען וויסען, ידידי רעדאַקטאָר, אַז אונזער עקז. באָארד, האָט געהאַט די חוצפּה צו באַשליסען אַז סעקרעטנע מיטינגען אין אונזער יוניאָן זיינען ניט ערלויבט. אָבער ניט וועגען דעם באַשלוס גופא וויל איך אייך דערצעהלען, נאָר וועגען דער אָרט און ווייזע ווי אַזוי דיזע כמעט ווי דזשאַבהאָלדערס האָבען די פראַגע באַהאַנדעלט!

און איהר מעגט מיר באַמנות גלויבען אז מיין פּנים האָט מיר פון חרפּה געברענט.

אזעלכע רעאַקציאָנערע אַרגומענטען וואָלטען זיך געפּאַסט פאַר סטאַליפּינס, פאָן פּלעוועס און נאָך אַזעלכע משרתים ואנשי משרתים פון גאָט־געזאַלבטע מאָנאַרכען, אָבער ניט פאַר רעפּרעזענטאַנטען פון דער אַרבייטער זאַכע...

הערט, איך בעט אייך, אַרגומענטען! זיינער זאָגט בזה הלשון: „אונזער יוניאָן האָט אַן אָפּענע פּלאַטפאָרמע! אַלע באַשליסע פון דער עקזעקוטיווע ווערען פאָרגעבראַכט פאַר אונזער מעמבערשיפּ; די מעמבערס ווערען ניט געצוואונגען די באַשליסע אָנצונעמען; זיי קענען די באַשליסע צוריקווייזען, אויב זיי באַטראַכטען זיי פאַר שעדליך פאַר דער אָרגאַניזאַציאָן! געגנערשאַפט. ווי לעבערליך די געגנערשאַפט זאָל ניט זיין, ווערט ביי אונז ניט אונטערדריקט, און עס איז ניט פאַראַנען קיין אורזאַכע וואָרום אַ פּאָר היסטערישע קאָפּ־לעפעל זאָלען רופען סעקרעטנע מיטינגליך אום צו אָרגאַניזירען פּרינציפּיעלע „אונענסטערס“...

אַ צווייטע לעבערט מיר מיין הערן־אַפּאַראַט מיט די פאָלגענדע ווערטער!

— „וואָס, זאָגט זי, וואָלטען דיזע איניציאַטאָרס פון דער קאָנספּיראַטיווער טעטיגקייט אין אונזער יוניאָן געזאָגט, ווען למשל מיר זאָלען רופען אַ מיטינג און זיי ניט אַריינגעלאָזט?“ און דערביי בלייבט זי! איהר פראַגע ווערט ניט אַרויסגעבראַכט גאַנץ דייטליך, אָבער עפּעס אַ שטיקעל שייכות מיט אַ גערעכטער טענה פיהלט זיך אין איהר פראַגע.. אַ סימן האָט איהר, עס צייגט זיך אפילו אַ טרער אין איהרע אויגען... און אז איינער וויינט מן הסתמא טוט איהם וועה...

בלויז איין זונען־שטראַהלכעל באַלייכט אביסעל די רעאַקציאָנערע פינסטערניש אין וועלכער די עקז. באָארד איז אָנגעוויקעלט די גאַנצע צייט, ווען די דיסקוסיאָן געהט אָן.

דאָס איז דאַן, ווען איינער פון דער באָארד (מע זאָגט יאקבי, אַז ער האָט זיך געפּלעדזשט צו אַ נייער פּלאַטפאָרמע) האָט געהאַלטען אַ פּאַרטיידיגונגס רעדע פאַר דיזע סעקרעטנע מיטינגען...

אָט דאָס איז געווען אַ רעדע! אָט דאָס איז געווען אַ שפּראַך! עס האָט ממש געוואַרעמט ביים האַרצען!

— „רעדע פרייהייט; פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען; פּאַרפּאַלינע אַרבייט; קיינע אונטערדריקונגען; גיוועס אַ טשענס“; — און נאָך און נאָך... אָט דאָס הייסט לשון, פאַרשטעהט איהר מיך! וואָ דען אַזוי ווי יענע שאַבלאָניקעס?

און ער האָט טאַקע איבערצייגט אויך!

— הערסט אַ מעשה, זאָגט ער, אויב זיי זאָלען ניט האָבען קיין קאָנספּיראַטיווע מיטינגען, ס'הייסט אָהן די פיהרערס, ווי אַזוי זשע וועלען זיי קענען אָרגאַניזירען די אָפּאָזיציע? די לידערס וועלען זיי דען געבען אַ טשענס? זיי, די לידערס, וועלען דאָך מיט זייערע ויסע רייד (קוילע מיר די געגנז) ווידער פאַרבלענדען די מאַסען...

און אין אָט דעם ליגט טאַקע דער ריכטיגער פּסוק! און איך בין טאַקע מיט איהם איינפאַרשטאַנען אויך!

וואָס הייסט עפּעס גאָר געבען די פיהרערס פון דער יוניאָן אַ געלעגענהייט צו ערקלערען דעם שטאַנדפּונקט פון דער יוניאָן אז די גאַנצע יוניאָן טויג דאָך ניט! שוין אַ כל־שכן די פיהרערס...

אָבער געה שריי חי וקים! סע האָט אונז ביידען ניט געהאָלפען! די עקז. באָארד האָט דאָך באַשלאָסען (על פּי דעם אַלטען פאַרשימעלטען מאַדזשאָריטי כּלל) אזעלכע מיטינגען ניט מעהר צו ערלויבען... און מאָרגען געהט דאָס איבער צו די מעמבערס...

נאָך אַ פּאָר שורה'לעך, פריינד רעדאקטאָר, און דאַן וועל איך אייך וואינשען אַ זיי־געזונד.

ביי אונז אין שטעדטיל איז יעצט ביי־ביי ווייסט און דרעסעס. די בעלי בתים אונזערע גרייטען זיך גאָר ניט פאַר קיין סלעק.

זאָגען אונזערע מעמבערס: אויב עס איז יאָ אַזוי, ווילען מיר אביסעל מעהר געלד פאַר אונזער פּראַצע! ביז וואָס ווען, ביז אַלעס וועט באַלאַנגען צו אונז... לאָמיר דערווייל פאָדערען אַ רעיז אויפ'ן סטיטש, באַטען, באַטענהאָל, טאַק און אויף דער שטונדע... ווייטער גאָרניט!...

שרייען די בעלי בתים: געוואַלד, עס איז דאָך אַ דזשענעראַל רעיז, און עס שטעהט דאָך בפירוש אין אגרימענט אַז מען טאָר ניט?

נו, נו...

איך האָב, פאַרשטעהט איהר מיך, אוּרמיסטענע געמאַכט אַ מחיצה צווישען די פאָדערונג פון די קאַטערס און די איבריגע אַרבייטער, ווייל פאַר די ערשטע פאָדערען מיר אין קאָנפערענץ, פאַר די צווייטע — אין די שעפּער!

סטראַטעגיקע! — ווי זאָגט אונזער מומחה אין מלחמה־ענינים — ליבערמאַן.

אייער ערגעבענסטער,

א. סילווער.

ביי די קלאָוקמאַכער אין פילאַדעלפיא

זייטשיק בראָס. שאָפּ געסעטעלט.

די לעצטע פעסטונג פון קלאָוק טרייד אין פילאַדעלפיא וואו עס האָט נאָך נישט עקזיסטירט קיינע יוניאָן קאָנדישאָנס, איז לעצטע וואָך געפאַלען. דאָס זיינען זייטשיק'ס שעפּער, איינער פון די גרעסטע דזשאָבערס אין פילאַדעלפיא, וועלכער באַשעפטיגט 14 קאָנטראַקטאָרס און איבער 500 אַרבייטער. די פירמא האָט געסיינט אַן אגרימענט מיט דער יוניאָן, נאָכגעבענדיג אַלע פּונקטען פון דער יוניאָן און האָט אויך געגעבען 2 טויזענד דאָלער סעקיוריטי אַז דער אגרימענט וועט אָפּגעהיט ווערען.

די הויפּט פּונקטען פון'ם אגרימענט זיינען ווי פאָלגט:

וואָך אַרבייט פאַר די אָפּרייטאָרס; 20 פּראָצענט אינקריעז אין די ווייזדזשעס; דער מינימום ווייזדזש סקייל פאַר אָפּרייטאָרס 49 דאָלער אַ וואָך; די פּרעסערס קריגען אַ רעיז פון 12 ביז אַ האַלב סענט אויף יעדען גאַרמענט; קלאָוק פינישערס קריגען אַ רעיז פון 15 ביז 20 פּראָצענט; סקוירט פינישערס קריגען 20 דאָלער אַ וואָך; קאַטערס זאָלען קריגען איין מינימום ווייזדזש פון 40 דאָלער אַ וואָך; אַלע אַרבייטער מוזען זיין גוטשטעהענדע מיטגלידער אין דער יוניאָן; נייע קאָנטראַקטאָרס מוזען זיך רעדזשיסטרירען אין דער יוניאָן; די אַרבייט אין סלעק טיים מוז גלייך איינגעטיילט ווערען; קיינע אַרבייטער טאָר נישט געמאַכט ווערען פאַר פּירמעס וועמעס אַרבייטער זיינען אין סטרייק. אַ פּאַרטרעטער פון דער יוניאָן זאָל קענען באַזוכען די שעפּער צו יעדער צייט ווען דאָס איז נויטיג.

ווי איהר זעהט איז דאָס אַן אגרימענט אויף וועלכען יעדער קלאָוק מאַכער אין פילאַדעלפיא האָט שוין לאַנג געוואַרט. ענדליך איז אַלזאָ, געפאַלען די לעצטע פעסטונג אין פילאַדעלפיא, צו וועלכער אונזער יוניאָן האָט בעפאָר ניט געהאַט קיין צוטריט. אונזער יוניאָן האָט נישט גערוהט ביז עס איז געקומען דער מאָמענט, וועלכע די יוניאָן האָט געפּונען פאַר פּאַסענד און אַ סטרייק איז גערופען געוואָרען אין אַלע 14 שעפּער פון דער פירמא. נאָך אַ וואָך סטרייק איז אונז געלונגען צו סעטלען, ווי עס איז שוין דאָ אויבען אָנגעוויזען געוואָרען.

לעצטען פרייטאג האָבען זיך די אַרבייטער פון דער פירמא צוריקגעקעהרט אין די שעפּער זיעגרייך, אַלס פאָלקאָמענע יוניאָן לייטע. מיר האָפען, אז די אַרבייטער וועלען פאַרשטעהן די באַדייטונג פון דעם זיעג און אויסנוצען דעם אגרימענט אין דעם נייכט אין וועלכען ער איז געבוירענט געוואָרען.

גאָפריעד'ס שאָפּ אויך געסעטעלט.

וועלכען אַרבייטער פון קלאָוק טרייד אין פילאַדעלפיא איז נישט באַקאַנט דער שאָפּ פון גאָטפריעד בראָס.? וויפיעל עס איז נישט געטרייט געוואָרען דיזען שאָפּ צו אָרגאַניזירען נאָך פאַר אונזער לעצטען דזשענעראַל סטרייק אין 1913, ווען די באָסעס האָבען מיט פאַרשידענע מיטלען געטרייעט צו האַלטען דיזען שאָפּ אַלס אַ סקעב־נעסט. אַלזאָ, אויך דער שאָפּ איז יעצט אָרגאַניזירט געוואָרען, אַ דאַנק אונזער פריינד ב. קאַרפּ. דער סטרייק אין דעם שאָפּ איז לעצטע וואָך געסעטעלט געוואָרען. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען וואָך־אַרבייט. די „פּאַרט“־אַרבייט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען און מיר האָבען באַקומען די פולע אָנערקענונג פון דער יוניאָן. די פירמא האָט אויך געגעבען 500 דאָלער סעקיוריטי אַז זיי וועלען דעם אגרימענט ריכטיג אויספאָלגען.

א. נייבאַער, סעקרעטער.

...עלענם ווערען. ער
...אבען באוויזע, וואס
...ין אנדערע סטיימס,
...מען דעם טשארטער
...ל. אויף דעם האט
...ער לאיער אונטער־
...בען א בריעף, ווי
...טען. ער האט אין
...זוי ווענינ געשאנע־
...יומאן וואלט געווען
...טעלע עהרען־געפיהל,
...ודער אונטערמייער'ן
...בריעף לייענט איהם
...פאר א גאנצען צע־
...ם און אוננעוועזליכ־
...האט באגאנגען, אלס
..., אלס דיענער פון

...ול טריעל וועט אפ־
...קטאבער, צו ער וועט
... דאס וויסען מיר
...אבער איין זאך איז
...בער ניומאן האט גע־
... רענד־סקול זאל צו־
... טשארטער (און ער
...סנעפיהרם, ווען אונ־
... נים אריין!), אין
...האט נים געהאט אין
...רעסטען באוויז פאר
...און אזא האנדלונג.

...רט ווענען מוני'ן
...האנגרעס

...ף דער קאנגרעס שוין
...ושאהן ב. דענסמאר,
...ח פון דעם דעפארט־
... דער קאנגרעס האט
...יינצעלהייטען ווענען
...ער האט איצט מעהר
...נשען. ווארים דער
...אר מאכט קלאר, אז
...אמאס מוני איז גע־
...קאמעדיע; ער בא־
...האט דורך זיינע בא־
...שיעדענע קארפארייד־
...ט זיין דער, וועלכער
...ן עהרליכען טריעל.
...ן א דיקטאפאן, וועל־
... אריינגעשטעלט אין
...ם סאן פראנציסקא'ר
... פיקערט, איז קלאר
..., אז פיקערט, אנ־
... דיסטריקט אטורני,
...אנג באדארפט זיצען
...יינער פון די ערנסטע
...דיקטאפאן נים איבער
...פיקערט האט גערעדט
...יענע מענשען, און די
..., אז דער רעגירונגס־
...ים געקענט דרוקען.
...עוען פול מיט אלער־
...פאסירונגען, און ער
...געשטעלט ווערען צום
... אמת'ען געשטאלט.
...וב הדעת מיט דעם
...נס איז דער רעפארט
...ען, און אט ערשט אין
...ארמע איז עס צוגע־
...ום קאנגרעס. וואס
...ן טאן אין דעם פאל
...ען. דערווייל האבען
... קאנגרעסמאן און א
... האבען אטאקירט
...רעטערי אוו לייבאר
... האבען זיך אריינגע־
...צער אנגעלעגענהיים.
...אס האט מען געקענט
...אנגרעסמאן בלאנטאן
...רמאן. דער ערשטער
...קאנגרעסמאן, וועלכער
... זיינער א רעדע אטא־
...ן ל., אלס א באלשע־
...ציע. דאס מאל האט
... אלע די, וואס האבען
... מוני'ן, אלס אנאר־

...העז צום פרעס, דערווי־
...נטער מאקאדאו האט צו־
...נע קלאגע, און די רענד
...הר טשארטער.

פינאנציעלער באריכט פון'ם דזשענעראל סטרייק פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25

דער סטרייק איז ערקלעהרט געווארען דינסטאג, דעם 21טען יאנואר, און האט זיך געענדיגט, נאך א פעריאדע פון 11 וואכען, דעם 7טען אפריל, 1919. עס איז געווען איינער פון די ביטערסטע קעמפע וואס די אינטערנעשיאנעל לידיעס גאר־מענט וואירקערס יוניאן האט ווען דורכ־געמאכט. אונצעהליגע שעפער זיינען פארבליבען אין סטרייק וואכען לאנג נאך דעם ווי מען איז געקומען צו א פאר־שטענדניס מיט דער דרעס און ווייסט מא־נופעקטשורערס אסאסיאיישאן. דאס איז די אורזאכע ווארום דיעזער באריכט האט נים געקענט פארעפענטליכט ווערען ביז יעצט.

דער קאמפף האט געקאסט אן אונ־געהייער גרויסע סומע געלד, ווי עס ווערט אונטען אנגעצייגט.

באריכט פון איינאהמען און אויסגאבען

פון דעם דזשענעראל סטרייק פון דער לידיעס ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25

(די געוועהנליכע אויסגאבען פון 1טען ביז'ן 24טען מאי, 1919, זיינען דא אריינגערעכנט)

איינאהמען.

פון מיטגליעדער:	
פאר דיוס	$96,894.40
איינטריטס געלד	73,961.35
אסעסמענטס, פיינס א. ז. וו.	18,438.12
10 פראצ. סטרייק־טעקס	213,070.08
פארשידענעס	689.14
קאלעקטירטע געוידזשעס פאר מיטגליעדער	1,167.67
רייזעס פאר מעמבערס וואס די בעלי בתים האבען איינגע־צאהלט אין דער יוניאן	7,780.64
געצויגען פון חתרימען נעשאנאל באנק (ספעציעלער סטרייק־פאנד)	5,300.00
הלואות פון אינטערנעשאנאל לא־קאלס און אנדערע קוועלען	69,481.00
געקראגען פון דער אינטערנע־שאנאל, פון נ. י. דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער און פון אנדערע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנעל	15,000.00
טאטאל איינאהמען	637,287.40
באלאנס יאנואר 1, 1919	668.48
גרענד טאטאל	638,450.88

אויסגאבען.

צאהלונגען צו דער אינטערנעשא־נאל און צענטראלע קערפער־שאפטען	25,300.00
געוועהנליכע אפיס און אדמיני־סטריישאן אויסגאבען (סאלא־רים א. ז. וו. אריינגערעכנט)	46,114.64
די געוועהנליכע ארגאניזאציאנס־גאבען (לאיער, ציימונגען און מיטינג אויסגאבען אריינגע־רעכנט)	7,038.70
געוועהנליכע ביישטייערונגען און סטרייק אויסגאבען	2,029.40
עקספענסעס וואס זיינען געמאכט געווארען און נים אויסגע־צאהלט געווארען אין 1918	2,203.47
צוריקצאהלונגען צו מיטגלידער (דיוס, איינטריט־געלד א. ז. וו.)	912.04
בייל באנדס (געלדער וואס דאר־פען קאלעקטעט ווערען)	1,225.00
רעוואלווינג פאנדס (געלדער וואס דארפען קאלעקטירט ווערען)	1,200.00
הלואות (געלדער וואס דארפען קאלעקטירט ווערען)	897.00
צוריקגעקעהרטע טשעקס (וואס דארפען נאך א מאל דעפאזי־טעט ווערען)	3,211.87
פארשיעדענעס	805.04
הלואה צו די „וזארקערס יוניטי	
דזשענעראל סטרייק עקספענסעס און סטרייק בענעפיטס (אויס־צעלחייטען ווערען אנגעגעבען אונטען)	511,294.33
טאטאל אויסגאבען	606,290.06
באלאנס מאי 24, 1919	32,160.82
גרענד טאטאל	638,450.88

דזשענעראל סטרייק אויסגאבען.

בראנקס און הארלעם קאמיטעס	10,281.31
ברוקלין קאמיטעס	5,332.48
בראנזוויל קאמיטעס	4,433.68
עקסטרא אנגעשטעלטע	8,135.11
פינאנץ קאמיטע	.28.70
האל קאמיטע	7,942.76
רענט פאר האלס	16,548.00
אינפארמיישאן ביורא	194.65
אינוועסטיגיישאן קאמיטע (סא־לארים נים אריינגערעכנט)	58.85
לאא און קאורט קאמיטע (לא־יערס' שכירות, פיינס, ביילס א. ז. וו.)	30,833.09
מעדיסאן סקוועאר גארדען מיטינג	2,041.16
פארשיעדענעס	1,102.06
ארגאניזאציאן און פיקעט קאמ.	49,581.92
אוט אוו טאון קאמיטע	36,226.41
פאסטיידזש	354.31
פרעס קאמיטע	227.10
פרינטינג און סטיישאנערי	5.000.19
סעטלמענט קאמיטע	497.29
ספיקערס און ענטערטיינמענטס קאמיטע	414.41
סטרייק רעליעף קאמיטע	1,208.48
באצאהלט דער אינטערנעשאנאל אויף'ן רעכנונג פון סטרייק־עקספענסעס	2,000.00
טעלעפאנס	222.12

סטרייק בענעפיט.

אוט אוו טאון:	
דזשוירזי	4,509.00
לאנג איילאנד	2,644.00
פליינפיעלד	1,357.00
נוארק	2,474.00
מאונט ווערנאן	1,860.00
וועסט האבאקען	114.75
פערטה עמבאי	4,734.00
טראי	2,627.00
קינגסטאן	727.00
ניו הייווען און הארטפארד	13,404.00
טאטאל אויסער שטאדט	34,450.75
ניו יארק:	
הארלעם און בראנקס	8,790.00
בראנזוויל	9,210.00
ברוקלין	6,764.00
ניו יארק	269,415.50
טאטאל סטרייק בענעפיטס	328,630.25
טאטאל דזשענעראל סטרייק אויס־גאבען	182,664.08
טאטאל סטרייק בענעפיטס	328,630.25
גרענד טאטאל סטרייק אויס־גאבען און סטרייק בע־נעפיט	511,294.33

די סעקיוריטי געלדער ווערען דא נים אריינגערעכנט, ווייל זיי ווערען געהאלטען אויף א ספעציעלען אקאונט.

דיעזער סטייטמענט ווערט פאר־עפענטליכט נאך דעם ווי א פאלקאמענער אודיט פון די איינאהמען און אויסגא־בען פון לאקאל איז געמאכט געווארען און די ריכטיגקייט דערפון ווערט היער־מיט באשטעטיגט.

אונטערשריבען:
פ. נייטען וואלף,
דזש. אודיטאר א. ל. ג. וו. י.

ביי די לידיעס טיילארס און אלטערײשאן ארביי־טער יוניאן לאקאל 80

מים דער אריינטרעטונג פון דעם נייעם עקזעקוטיוו באארד אין אונזער אפיס פאנגט זיך אן א נייע טעטיגקייט בעפאר דעם קומענדען סיזאן.

די הויפט־פראגע אויף דער טאגעס־ארדנונג פון דער יוניאן איז יעצט די פאדערונגען פאר דעם נעקסטען סיזאן, ווייל דער צוויי־יעהרליכער אגרימענט, וועלכען מיר האבען מיט די מאנופעק־טשורערס, ענדיגט זיך דיעזען סעפטעמ־בער, און נייע פאדערונגען, אין איינ־קלאנג מיט די יעצטיגע אומשטענדען, דארפען באטראכט ווערען. מען דארף זעהן, אז אונזערע מעמבערס זאלען קע־נען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען.

דער עקזעקוטיוו באארד האט דאס אלעס גענומען אין אנבאטראכט. עס איז שוין אויסגעארבייט געווארען א נייער אגרימענט, וועלכער וועט פארגעבראכט ווערען פאר די מעמבערס אויף דעם מי־טינג, דיענסטאג, דעם 5טען אויגוסט, אין מאונט מאריס האל, 1362 5טע עוועניו, צום דיסקוטירען און באשליסען. אונזע־רע מעמבערס זיינען זיכער פאראינטע־רעסירט אין די נייע פאדערונגען, וועל־כע דארפען ארויסגעשטעלט ווערען, און וועלען געווים קומען אין א גרויסער צאהל צום מיטינג און אנטייל נעהמען אין די פארהאנדלונגען.

* * *

לעצטענס האט אונזער לאקאל גאנץ אין דער שטיל פארצייכענט איינעם פון די גרעסטע זיעגע, און דאס איז די יוני־יאניזירונג פון דעם באוואוסטען גרויסען שאפ פון דער פירמע מילגרים בראדערס.

עס איז אלעמען באוואוסט דער סטרייק, וואס מיר האבען געהאט ביי ריעזער פירמע מים א צייט צוריק. דריי לאנגע מאנאטען האבען מיר געקעמפפט מיט דיעזער־ פארביסענער פירמע, און דער יוניאן האט דאס אפגעקאסט ארום זעקס טויזענד דאלאר. דער סטרייק איז רעמאלט פארלארען געגאנגען.

אכטצעהן מאנאטען זיינען פארביי־געלאפען זייט דאן. צופיעל אנשטרענ־גונג צו ארגאניזירען דעם שאפ האבען מיר נים געפונען פאר נויטיג. מיר זיי־נען געווען זיכער, אז סוף כל סוף וועלען די ארבייטער קומען און שלאגען זיך חטאתי, צוגעבען אז זיי האבען געזינ־דיגט, און — דאס ערווארטעטע איז גע־שעהן. קאמיטעס נאך קאמיטעס זיינען געקומען אין אפיס פון דער יוניאן, פאר־לאנגענדיג צו יוניאניזירען דעם שאפ, ווייל די קאנדישאנס זיינען געווען אונ־ערטרעגליך, אבוואהל די פירמע האט זיי אליין געגעבען די 44 שטונדיגע ארבייטס וואך.

די פירמע, זעהענדיג דעם שטארקען ווילען פון די ארבייטער צו האבען א יוניאן־שאפ און אויך האבענדיג מן הסתם אין זינען, אז ווען א סטרייק זאל אונטערנומען ווערען, וועט זי ווידער דארפען פארלירען ארום 40 טויזענד דא־לאר, — האבען זיי בעסער געגומען זו־כען מיטלען און וועגען ווי אזוי צו קו־מען אין באריהרונג מיט דער יוניאן, און דורך דער מיה פון דעם באוואוסטען קלאוק־מאנופעקטשורער, מר. סאדאווסקי, און ברודער זיגמאן, מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, איז א קאנפע־רענץ ארראנזשירט געווארען צווישען דער פירמע און אונזער יוניאן.

די יוניאן איז געווען פארטראטען דורך אונזער ארגאנייזער בערנארד חא־זאנאף און דורך אונזער ליגעל אדווייזער, מאריס ראטהענבערג. די פירמע איז גע־ווען פארטראטען דורך דזשאדזש אהראן דזשיי. ליוויי. נאך איינינע קאנפערענ־צען, איז געלונגען צו סעטלען דעם שאפ פון צוויי הונדערט ארבייטער אהן א סטרייק. דערביי האבען די ארבייטער באקומען א גאנץ באדייטענדען רייז פון 30 ביז 40 פראצענט אויף די יעצטיגע שכירות. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז געגוג ארבייטער האבען דארט אי גע־סקעבט, אי געארבייט פאר קלענליכע שכירות. דעם רייז האבען די ארבייטער באקומען ווי פאלגט: די וואס האבען באקומען קלענערע שכירות, באקומען גע־העכערט 40 פראצענט; און די וואס הא־בען באקומען גרעסערע שכירות, האבען באקומען 30 פראצענט העכערונג.

ה. הילפמאן, סעק.

דאנקען א ביזנעס־איידזשענט

מיר, די ארבייטער פון גאלדשטיין און בראון'ס קלאוק־שאפ, באדאנקען דעם ביזנעס־איידזשענט פון דער קלאוק־מאכער יוניאן, ברודער גאלוב, פון לא־קאל 17. ברודער גאלוב האט פיעל גע־האלפען אונז פארבעסערען די לאגע. ער האט פיעל געטאן פאר אונזער שאפ, און מיר האבען באשלאסען איהם דערפאר עפענטליך צו באדאנקען.

היימאן קאס, שאפ־טשערמאן.
משה צרייעוו,
דזש. קרוגער,
לואיס טאמבערג, פרעזידענט.

GERECHTIGKEIT Maintained by and ... of the Internationa... ment Workers Union, Office, 31 Union Square, New ... B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Bar... Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 29. New York, Friday, ...

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at th... New York, N. Y., under the Act of March 3, ... Acceptance for mailing at special rate of postage pro... Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on Jan...

די וואך

פון ש. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City on August 1, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די מלחמה צווישען די ווייסע און די שווארצע אמעריקאנער צופלאקערט זיך.

צי דאס איז בלויז א צופאל, צי דער גייסט פון נבואה האט פון אונז ארויסגערעדט, אבער עס האט פאסירט פונקט אזוי ווי מיר האבען פאראויסגעזאגט, ווען מיר האבען איבערגעגעבען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" די העכסט־אויפרעגענדע נייעס פון דער מלחמה צווישען די ווייסע און די שווארצע אין וואשינגטאן. מיר האבען געשריבען: „דערפאר קען זעהר מעגליך זיין, אז דאס, וואס האט די וואך פאסירט אין וואשינגטאן, זאל זיך ווידערהאלען אין פארשידענע פארמען איבער'ן גאנצען לאנד". איז עס דערוויילע נאך צום גאנצען לאנד ניט געקומען. אבער אין שיקאגא קומען שוין פאר פון זונטאג אן רעגעלע שלאכטען צווישען די שווארצע און ווייסע, און ביז איצט, מיטוואך, דעם 30טען דזשולי, זיינען שוין דא 28 געטויטעטע פון ביידע זייטען און אהן א שיער פארוואונדעטע.

אויך אין שיקאגא האט זיך די שרעקליכע הריגה אנגעפאנגען פון א קלייניגקייט. אויף דעם ים־ברעג, וואו מענשען באדען זיך, האט מען באמערקט איינעם שווארצע נאהענט פון דעם פלאץ, וואו די ווייסע באדען זיך. דאס האבען באטראכט די ווייסע, אלס א גרויסע חוצפה פון דער זייט פון די שווארצע, און מען האט אנגעהויבען ווארפען אויף זיי מיט שטיינער. די שווארצע האבען דאס מאל דוקא געענטפערט, און פון דאן אן האלט דער קאמפף אין איין צופלאקערען זיך.

עס איז ווערטה צו באמערקען, אז דער קאמפף קומט פאר מייסטענס אין דער געגענד, וואו די ניגערס וואוינען. דאס מיינט, אז די ווייסע קומען אין גאנצע מאבס צו די ניגערס זיך שלאגען, און די ניגערס פארטיידיגען זיך אזוי גוט ווי זיי קענען.

די ארט און ווייזע, ווי די מלחמה ווערט געפיהרט פון די ווייסע געגען די שווארצע, איז א שוידערליכע. אט איז איין ביישפיעל. א ניגער איז געפאהרען אויף א בייסיקעל; איז איהם א מאב ווייסע באפאלען, מען האט אין איהם אריינגעשאסען זעכצעהן קוילען. דאן האט מען איהם באגאסען מיט קעראסין און איהם אונטערגעצונדען. די פאליס האט ארויסגעראטעוועט פון די הענד פון די ווייסע רוצחים דעם האלב־פארברענטען קערפער, אבער קיינער פון די, וואס האבען דאס געטאן, איז ניט ארעסטירט געווארען.

פארשטעהט זיך, אז דאס וואס האט פאסירט אויפ'ן ביטש, איז נאר געוועזען א צוטשעפעניש. די אורזאכע פון דעם קאמפף איז פיעל טיעפער. מאנכע זאגען, אז אין די לעצטע עטליכע מאנאטען זיינען אין שיקאגא אנגעקומען פיעלע ניגער־ארבייטער, וועלכע זיינען גאנץ שטארקע קאנקורענטען געגען די ווייסע. די אורזאכע, לויט דער מיינונג אלזא, איז אן עכט־עקאנאמישע. אנדערע זעהען אין דעם נאר די האנד פון באלשעוויזם. די ניגערס ווערען אויפגעהעצט געגען די ווייסע, כדי די ווייסע זאלען מוזען נעבאך זיך דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון דער וועלט, ווארים לאזען דעם ניגער פאררייסען די נאז, דאס איז דאך אונמעגליך. ער קען דאך נאך טאקע מיינען, אז ער איז גלייך מיט'ן ווייסען.

און דערצו דארף זיך נאך מאכען, אז אין שיקאגא זאל גראדע אויסברעכען א סטרייק פון 15 טויזענד ארבייטער אויף די קארס און עלעווייטעדס, ווי עס הייסט. איז דער סטרייק אויסגעבראכען און ווערט אנגעפיהרט איבער די קעפ פון די אלטע פיהרער. א 4, 5 הונדערט ראדיקאלען, הייסט עס, האבען פארכאפט די מאכט און האבען פארשריען יעדען פארנינפטיגען פארשלאג. אזוי טענה'ן ווענינסטענס די פרעזידענטען פון די קאר־ און עלעווייטער־קאמפאניעס. די אלטע פיהרער זיינען איינשטימיג מיט זיי. ווי דאס זאל אבער ניט זיין, האט דער סטרייק נאך פיעל פארגרעסערט די איצטיגע נעגער־מלחמה אין שיקאגא. הונ־

דערטע, טויזענדע קענען ניט קומען אין ציים צו זייער ארבייט אדער צו זייערע ביזנעס. די גאסען זיינען פול מיט פוסגעהער, וועלכע זיינען מוכן ומזומן צוצושטעהן צו אזא אמיוזמענט, ווי מאכען יאגד אויף ניגערס.

די שיקאגא'ער פאליס האט ביז איצט ווייניג־וואס געקענט אויספיהרען, אום אפצושטעלען די בלוטיגען רייאטען. לויט די לעצטע נאכריכטען זאל די פאליס האבען דאך געבראכט צו א שטיקעל ארדנונג. אבער קיינער וואגט ניט צו זאגען נביאות, וואס דער מארגען קען מיט זיך ברענגען.

וועגען דעם, ווי די ניגערס אליין פיהלען, געפינען מיר פאר דעם אן ענטפער אין א מיטינג, וואס א צוויי טויזענד שווארצע אין ניו יארק האבען אפגעהאלטען לעצטען שבת. די מייסטע רעדנער האבען זיך געפיהלט געהויבען פון דעם פאקט, ווי די ניגערס אין וואשינגטאן האבען זיך געשטעלט געגען די ווייסע. איינער פון די רעדנער האט זיך אזוי אויסגעדריקט: „די צייט צו ריידען האט אויפגעהערט. אויב מיר ווילען נאכפאלגען דער קאנסטרוקטיווער ארבייט, וואס די שווארצע האבען אויפגעטאן אין וואשינגטאן, ווילען מיר זיין בעסער אפ." און אט זיינען אייניגע פראזען פון די אנדערע רעדנער, וועלכע זיינען זעהר שטארק אפלאדירט געווארען: „געברויכט אלע מעטאדען צו געווינען אייערע רעכטע, אפילו געוואלט!" „פאדערט ניט אייערע רעכטע, נעהמט זיי!" „מאכט דעם ראדיקאליזם פאר דעם סאמע עיקר פון אייער פראפאגאנדע!" „אויב א מיליאן מענשען זאלען מוזען שטארבען פאר דער זאך, טו קעמפפט ווי די טייוואלים, יעדער איינער, יעדער איינער!"

עס שיינט, אז אט דאס איז דער סענטימענט ניט בלויז פון די רעדנער אויף דער ניו יארקער פארזאמלונג, און ניט בלויז פון די פאר טויזענד אנוועזענדע, נאר פון אלע ניגערס איבער'ן לאנד. איינער פון די רעדנער האט עס אויסגעדריקט אין פאלגענדע ווערטער: „סיידען דער ווייסער וועט זיך אויפפיהרען ריכטיג; אויב ניט, וועט ער אויסגעפינען, דאס לערנענדיג אונזערע באיעס צו טויטען פאר איהם, האט ער אנגעפאנגען עטוואס, וואס ער וועט ניט קענען אפשטעלען".

דער אינטערנאציאנאלער טרייד־יוניאן קאנגרעס אין אמסטערדאם

דארט, אין אמסטערדאם, האלאנד, ווערט איצט געשלאסען דער אמת'ער פריעדען. דארט זיינען די וואך צוזאמענגעקומען די פארשטעהער פון די ארבייטער פון פארשידענע לענדער, פון די לענדער פון דעם שונא איינגעשלאסען, און צום ערשטען מאל נאך פינף יאהר צייט, זיינען זיי צוזאמען אין איין צימער. מען קען ניט זאגען, אז זיי האבען זיך שוין דערלאנגט ברידערליך די הענד. דערצו איז עס נאך ווייט. די שנאה, וואס האט געברענט אין די הערצער אזוי מורא'דיג פאר גאנצע 5 יאהר, קען ניט אויסגעלאשען ווערען מיט איין מאל. נאך קוקען זיי איינע אויף די אנדערע, ווי די איינציגע שולדיגע אין דעם שוידערליכען מאסען־מארד. נאך זיינען די מענשען פארטשאדעט פון דעם מלחמה־רויך, און קענען ניט זעהן דעם ווירקליכען אמת. אזוי דאס ווען איינער פון די דעלעגאטען, אום צו לעשען דעם פייער פון געגענזייטיגער שנאה, האט אנגעגעבען די געוועהנליכע ערקלעהרונג, אז עס איז דער קאפיטאליזם, וואס האט געבראכט די מלחמה, האט אולהער דעלעגאט פון דער א. פ. און ל., מר. טאבין, געהאלטען א פייערדיגע רעדע און פארטיידיגט דעם קאפיטאליזם. דאס איז געוויס זעהר נאריש. ווארים, אויב ניט דער קאפיטאליזם, טו ווער איז שולדיג? אפשר טאקע די ארבייטער? אבער ווי קענען די ארבייטער זיין שולדיג, אז זיי האבען ערגעץ ניט געהאט די מינדעסטע דעה? ווער האט דען ביי זיי אנגעפרעגט? העכסטענס קען מען באשולדיגען די ארבייטער, וואס זיי זיינען געווען גלייכגילטיג, וואס זיי האבען אלעס אזוי געגלויבט און געפאלגט. אבער קיינער קען דאך ניט זאגען, אז זיי האבען פאראורזאכט די מלחמה. אפילו וועגען די ארבייטער פון דייטשלאנד קען דאס קיינער ניט זאגען. נא־

טירליך, מען קען זאגען, אז שולדיג אין דער מלחמה איז דער מיליטאריזם; אבער וואס איז דען דער מיליטאריזם, אויב ניט בלויז אן אנדער אויסדרוק פון דעם איצטיגען אימפעריאליזם און קאפיטאליזם?

איז דערוויילע געהט אן אויף דעם קאנגרעס די גרויסע פראגע, ווער איז שולדיג אין דער מלחמה. און עס איז גוט אזוי. זאל זיך יעדער אפריידען פון הארצען. דערוויילע וועט דער כעס איינגעשטילט ווערען, און, ווי זאגט מען דאס, עס וועט זיך אויספרעסען. די ארבייטער וועלען זיך ווידער דערלאנגען די הענד, ווי אמת'ע ברידער. אבער דאס מאל, נאך דעם שרעקליכען לעסאן, וואס מיר אלע האבען געהאט, וועלען זיי געוויס אויפבויען זייער ברידערליכקייט, זייער אינטערנאציאנאליזם אויף א פעסטערען פונדאמענט, ווי זיי האבען עס געהאט, איידער די מלחמה האט אויסגעבראכען. די ליגע פון די ארבייטער פון דער גאנצער וועלט וועט און בלייבט דער איינציגער מיטעל געגען די ווידערהאלונג פון אזא בלוט־מבול, וועלכען מיר האבען נאר־וואס איבערגעקומען.

א מאדנער טייטש אויף דאס „רעכט פון זעלבסט־באשטימונג פאר יעדען פאלק".

ווי באקאנט, האט אונגארן מיט אייניגע מאנאטען צוריק איינגעפיהרט ביי זיך א סאוועטען־רעגירונג, לויט דעם רוסישען מוסטער, אן דער שפיצע פון וועלכער עס שטעהט איינער בעלא קון, א געטרייער תלמיד פון לענין, און וועגען וועלכען מען גלויבט, אז ער טויג זיך זעהר גוט צו דער ארבייט. אבער טאקע דערפאר איז ער זעהר ניט קיין אנגענעהמער פארשוין אין די אויגען פון די עליים. זיי האבען צו איהם טענות, אז ער האט ניט אפגעהיט די באדינגונגען פון דעם וואפען־שטילשטאנד, פיהרענדיג מלחמות מיט די סאלדאטען פון טשעכא־סלאוואקיא און יוגא־סלאוויע. האט אבער בעלא קון אויף דעם א תירוץ, אז ער איז ניט נעקראכען מיט זיינע סאלדאטען צו די טשעכא־סלאוואקען און יוגא־סלאווען, נאר זיי צו איהם. זיי זיינען אריבערגעטראטען דעם גרענעץ, וואס די עליים האבען אליין באשטימט אין די באדינגונגען פון וואפען־שטילשטאנד.

קען זיין, אז דאס וואלט געווען א גוטער תירוץ, ווען בעלא קון וואלט געווען איינער, לויט דער הארץ פון די עליים. ער איז עס אבער ניט. ער איז א באלשעוויק. די רעגירונג, וואס ער האט עטאבלירט אין אונגארן, איז א באלשעוויסטישע; די עקאנאמישע ארדנונג, וואס ער טרייט איינצופיהרען, איז א קאמוניסטישע, פאלגליך קען ער דאך ניט טויגען.

איז דערפאר האבען די עליים די וואך ארייגעשיקט צום אונגארישען פאלק א נאטע, אין וועלכער זיי לאזען איהם וויסען, אז אויב זיי ווילען קריגען שפייז פון די עליים (נאטירליך, ניט אומזיסט; דערפון איז אפגערעדט), אויב זיי ווילען ניט שטארבען פון הונגער, אויב זיי ווילען שטארק מען זאל ארונטערנעהמען די בלאקאדע, דאן מוזען זיי פטור ווערען פון זייער בעלא קון און פון דער גאנצער איצטיגער ארדנונג, וואס זיי האבען דארט אין אונגארן, און איינפיהרען א רעגירונגס־ארדנונג, ווי די עליים ווילען.

צי די אונגארישע באפעלקערונג וועט פאלגען די עליים אדער ניט, דאס בלייבט צו זעהן. מעגליך, אז דער הונגער וועט גובר זיין אלע אנדערע געפיהלען, און זיי וועלען זיך אונטערגעבען. מעגליך אויך, אז זיי וועלען ענטפערען מיט לענין'ס ווערטער, אז „פאר דער רעוואלוציע מעגען מיר הונגערען נאך א יאהר". אבער, ווי זיי זאלען ניט ענטפערען, וויכטיג איז אין דער שטיקעל נייעס, ווי שעהן עס האבען אויסגעטייטשט די עליים אין באצוג צו אונגארן דאס גרויסע רעכט פון זעלבסט־באשטימונג פאר יעדען פאלק.

א הונדערט טויזענד דאלאר פאנד פאר א קאמפף געגען דער הערשענדער רעאקציע.

לעצטע וואך איז אין רענד סקול אפגעהאלטען געווארען א זעהר וויכטיגער מיטינג פון די פארשטעהער פון אלע ראדיקאלע יוניאנס און אנדערע פארטשריטליכע ארגאניזאציאנען מיט דעם צוועק צו שאפען א פאנד פון הונדערט טויזענד דאלאר, אום צו באקעמפפען די ארבייט פון די פינסטערע כחות, וועלכע האבען זיך אזוי ווי פארשווארען אויסצולעשען אלץ, וואס איז ליכטיג און פארטגעשריטען.

אויף דעם מיטינג זיינען געווען פארטרעטען עטליכע און זיבעציג ארגאניזאציעס און יוניאנס. קורצע רעדען האבען געהאלטען טשארלז אוירווין, רעדאקטאר פון דער „קאלל"; אלדזשערנאן לי, אלדערמען און מענעדזשער פון דער רענד סקול; יוסף שלאסבערג, סעק־טרעזש. פון דער אמאלגאמייטעד; אב. באראף, סעק־טרעזש. פון דער א. ל. ג. וו. י.; ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט"; נערמער, סעקרעטער פון דער ס. פ. און אנדערע.

זיי אלע האבען אנגעוויזען אויף דער גרויסער וויכטיגקייט פון אנפיהרען איצט א גרויסע אגיטאציע, און דאס דער פאנד מוז געשאפען ווערען, אויב מען וויל ניט זעהן צושטערט אלעס, וואס איז ביז איצט אויפגעטאן געווארען אין דעם משך פון די לעצטע דריי־צעהנדליג יאהר אויף דעם געביט פון אויפקלעהרונג.

די גאנצע פארזאמלונג האט אויסגעדריקט איהר פולסטע איינשטימיגקייט. עס איז אויסערוועהלט געווארען א זעהר טיכטיגע קאמיטע, און, ווי עס זעהט אויס, וועט ניט נעהמען זעהר לאנג, און דער פאנד וועט געשאפען ווערען. ווי פריינד באראף האט זיך אויסגעדריקט גאנץ ריכטיג, ווען יעדער יוניאן מיטגליעד זאל זיך טעקסען בלויז מיט א קוואדער, קען דער פאנד געשאפען ווערען אריבער און אריבער. עס איז זיכער, אז די קאמיטע וועט טאן אלעס אין איהרע כחות, אז די גרויסע מאסען דענקענדע און פארטגעשריטענע ארבייטער זאלען טאן זייער פליכט.

א שעהנער קבלת פנים פאר לואי מארשאל.

מר. לואי מארשאל, איינער פון די שלוחים פון דעם אידישען קאנגרעס, וואס איז אפגעהאלטען געווארען מיט אייניגע מאנאטען צוריק אין פילאדעלפיא, צו דער פריעדענס־קאנפערענץ אין פאריז, אום אויסצופיהרען פאר די אידען אין פוילען, אין גאליציען, רומעניען א. ז. וו. גלייכע ציווילע און קולטורעלע רעכטע, און אין וואס ער האט אויך געהאט א גרויסען ערפאלג, ווייל אין די טריטים מיט די לענדער האבען די עליים ווירקליך אריינגעשטעלט די פונקטען, וועלכע פארזיכערען די מינאריטעטען אלע זייערע רעכטע — איז די טעג צוריקגעקומען פון פראנקרייך. פארשטעהט זיך, אז עס איז פאראנשטאלט געווארען לכבוד איהם א באנקעט און א גרויסע פארזאמלונג אין קארנעגיע האל. מר. מארשאל איז אויפגענומען געווארען פון דעם גאנצען ניו יארקער אידענטום, ווי אויך פון דער פרעסע, מיט דעם גרעסטען כבוד. ער האט דעם כבוד כשר פארדיענט.

די לוסק־קאמיטע נאך אימער טעטיג

וואס, וואס, אבער אין פויל־זיין קען מען דער לוסק־קאמיטע ניט באשולדיגען. זי פארגינט זיך ניט דעם מינדעסטען אפרוה, וואס דאס וואלט געווען נאר צו ענטשולדיגען אין אזעלכע היצען, אין זי האלט אין איין יאגען זיך אויף דעם באלשעוויזם. עס קומט אויס, אז טאמער טוט זי עס ניט, קען נאך נעהמען דער באלשעוויזם און פארשווינדען גאר אינגאנצען. טאר עס ניט געשעהן. מען מוז איהם כאפען, אזוי לאנג ווי מען איז אויף זיין סליאד. נאר וואס זי האט ביז איצט אויפגעטאן, אויסער דעם וואס זי איז באפאלען די רוסישע סאוועטען־ביורא, דאן די רענד סקול, איז נאך אלץ א סוד. דאס וועלען מיר זיך ערשט דערוויסען דעם 11טען אויגוסט, ווען עס וועט זיך עפענען א ספעציעלער קאורט פאר די באלשעוויסטישע פארברעכער. די לוסק־קאמיטע ערקלעהרט, אז צו פארעפענטליכען די נעמען פון אלע פארברעכער, וואס זי האט שוין אויף איהר צעטעל, קען שטארק שעדיגען די ציעלען פון גערעכטיגקייט. האלט זי עס דערווייל בסוד. דאך די צייטונגען זיינען פול מיט איהר. זי קריגט אלע מאל נייע עדות, וועלכע דערצעהלען איהר וואס פאר א געפעהרליכע מענשען דאס זיינען די באלשעוויקעס אין רוסלאנד; און, נאטירליך, ווי עס זיינען די באלשעוויקעס אין רוסלאנד, אזוי זיינען אויך די באלשעוויקעס אין אמעריקא, און די באלשעוויקעס אין אמעריקא זיינען עס אונזערע א. וו. וו. און נאך אזעלכע אנשיקענישען. וועט מען זיך מיט זיי שוין אפרעכענען.

וועהרענד די צייזען ווערען געשריבען, וויסען מיר נאך ניט דעם רעזולטאט פון דעם טרייעל פון דער רענד סקול אין דער טשארטער־אנגעלעגענהייט פאר ריכטער מעקאוואי. דער אטוירני דזשענעראל ניוטאן טרייט זיין בעסט, אז

מעמבערשיפ פון די נויארקער דזש. ב. לאקאלס

פון דער קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער אינדוסטריע

פון נ. מ. מינקאוו.

פון די 24 לאקאל יוניאנס וועלכע די אינטערנײשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן צעהלט אין גרייטער ניו יארק זיינען די פאלגענדע 13 לאקאלס וועמעס מעמבערס זיינען דירעקט באשעפטיגט אין דער קלאוק, סוט, סקוירט און ריפערמאכער אינדוסטריע, פאראייניגט אין א געמיינשאפטליכע אדמיניסטרציאנס קערפערשאפט באוואוסט אלס די דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

לאקאל 1 אפערייטארס.
" 3 שטיק שניידער און סעמפעל מאכער.
" 9 פינישערס.
" 10 קאטערס.
" 11 בראנזווילער קלאוקמאכער.
" 17 ריפער מאכער.
" 21 נוארקער קלאוק מאכער.
" 23 סקוירט און דרעס מאכער.
" 35 פרעסער.
" 45 דעזיינערס.
" 48 איטאליענישע קלאוק מאכער.
" 64 באטאנהאל מאכער.
" 82 עקזאמינערס און בושלערס.

מערסטע פון דיזע זיינען די שטארקסטע און בעסט־ארגאניזירטסטע לאקאלס וועלכע אונזער אינטערנײשאנאל פארמאגט און דאס איז א דאנק די טהעטיגקייט פון די אפיסערס פון דער יוניאן און די לאיאליטעט פון די מעמבערס גופא.

עס וועט פיליכט ניט זיין איבעריג צו ערקלערען איידער מיר גייען ווייטער וואס עס ווערט פארשטאנען אונטער דעם ווארט „מעמבערשיפ" און די באדייטונג פון די שפעטערדיגע קלאסיפיצירונגען. — א) עס זיינען דא אזעלכע מעמבערס אין דער יוניאן — אפטמאל גאנצע שעפער — וועלכע זיינען באמת פאראינטערעסירט אין דער ארגאניזאציאן און אונטערשטיצען ניט די בענעפיטס וואס די מעמבערס ציהען פון איהר. דיזער קלאס מעמבערס זיינען מעהרסטע מאל באצאהלט אין פאראויס מיט זייערע וועכענטליכע בייטרעגע (דיוס) צו דער יוניאן און זיינען זעלטען הינטערשטעליג. דיזע און אלע אנדערע מעמבערס, וועמעס שולדען עס גרייכען ניט מעהר פון 13 וואכען ווערען אפיציעל אנערקענט אלס גוטשטעהענדע מיטגלידער פון דער יוניאן.

ב) מעמבערס וועלכע זיינען שולדיג מעהר פון 13 און ווייניגער פון 52 וואכען ווערען אויפגעהאלטען אויף די ביכער פון דער יוניאן אבוואהל זיי זיינען ניט בארעכטיגט צו די פארשידענע בענעפיטס, ביז וואנען זיי ווערען ווידער גוטשטעהענד. דיזע ווערען אויך פאררעכענט אלס „דיוס צאהלענדע מעמבערס".

ג) עס איז דא נאך א קלאס — זייער צאהל איז אונבעדייטענד קליין — וועלכע צאהלען דיוס א פאר מאל און לאזען זיך שטרייכען אדער גלאט ווארטען ביז מען הייסט זיי פארלאזען זייערע ארבייטס פלעצער. די לעצטע קען מען אנרופען סתם „מעמבערס".

ווען מען רעדט געוועהנליך פון דער מעמבערשיפ פון דזשאינט באארד אדער דער קלאוק מאכער יוניאן ווי זי איז בעסער באקאנט, מיינט מען נאטירליך די מעמבערם פון די 13 לאקאלס וועלכע שטעלען צוזאמען דיזע קערפערשאפט, ווייל טראץ דעם וואס דיזע לאקאלס זיינען פאראייניגט אינדוסטריעל זיינען זיי דאך ארגאניזירט אין באזונדערע טרייד לאקאלס, ווי צום ביישפיעל אפרייטארס באזונדער, פינישערס באזונדער א. ז. וו. די גרויסקייט פון דער מעמבערשיפ פון דעם אדער יענעם לאקאל איז אפהענגיג אין דער צאהל פאך לייט אין טרייד און ניט דערפאר ווייל דער באטרעפענדער לאקאל איז בעסער ארגאניזירט. און אט דערפאר וואס אין דער מאנופעקטור פון קלאוקס (איבערהויפט אין דער ביליגער ליין) פאדערט זיך מעהר אפרייטארס פון פינישערס און געוויס פרעסער און קאטערס איז דער אפרייטאר לאקאל 1 דער גרעסטער אין צאהל א. ז. וו. א. ז. וו.

פאר אורזאכען וועלכע דא איז ניט נויטיג אנצוגעבען פארעפענטליכען ארבייטער ארגאניזאציאנען זעהר זעלטען דעם צאהל מעמבערס וועלכע זיי האבען. עס קימערט איבערהויפט דער אויסערליכער וועלט וויניג וויפיעל מעמבערס די אדער יענע יוניאן פארמאגט און ניט דוקא דער זייטיגער מענש נור אויך די מעמבערס פון דער יוניאן גופא נעמען לײדער א קלײנעם אינטערעס אין דער צאהל מעמבערס וועלכע די צענטראלע ארגאניזאציע פארמאגט און בלויז דער אקטיווער מעמבער איז פאראינטערעסירט אין דער מעמבערשיפ פון זיין אייגענעם לאקאל.

די קלאוק מאכער יוניאן פון ניו יארק האט אבער ביי מעהר ווי איין געלעגענהייט געוויזען דאס זי באלאנגט ניט צו דעם קלאס יוניאנס, ארום וועלכע עס שוועבט אימער ד ע ר ג ע פ י ה ל פ ו ן פ ע ר ב א ר ג ו נ ג. ערקלערונגען בנוגע די צאהל מיטגלידער און זאגאר פינאנציעלע באריכטען זיינען אייניגע מאהל פערעפענטליכט געווארען. דער באריכט, וועלכען מיר גיבען דא איבער — פארפערטיגט דורכ'ן רעקארד דעפארטמענט פון דער אינטערנײשאנאל — איז איבערהויפט אזא ערפרעהענדער און מיר ערלויבען זיך צו זאגען אויך אינטערעסאנטער אז עס וואלט פשוט געווען אן עולה עס ניט צו פארעפענטליכען.

לויט דיזער אונטערזוכונג האט די דזשאינט באארד געהאט, דעם 3טען מאי 1919 (40884) פירציג טויזענד אכט הונדערט און פיער און אכציג מעמבערס, איינגעטהיילט ווי פאלגט:

לאקאל	1	9476
"	3	1299
"	9	5522
"	10	5108
"	11	1576
"	17	2923
"	21	192
"	23	4541
"	35	5011
"	45	186
"	48	4416
"	64	325
"	82	309
טאטאל		40884

אויסער דעם וואס דער אויבען אנגעגעבענער ציפער איז אן און פאר זיך גרויס גענוג מוז מען אבער אין זינען האבען דאס דיזע ציפערען זיינען ענטנומען געווארען פון די ביכער לויט דעם 3טען מאי 1919. מיט קארגע 2 וואכען איידער דער דזשענעראל סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטרי איז ערקלעהרט געווארען. דורך דיזע 2 וואכען און די 2 וואכען נאך דער ערקלערונג פון סטרייק זיינען אלע אפיסעס פון דער יוניאן פאקטיש געווען באלאגערט פון ריקשטעהנדע און סוספענדירטע מעמבערס וועלכע זיינען גוטשטעהענד געווארען. די מעמבערשיפ פון דער קלאוק מאכער יוניאן היינט צוטאג איז איבער 43 טויזענד.

אבער ניט דאס זיינען מיר אויסען אנצואווייזען. די קלאוק מאכער יוניאן איז גרויס, איז מעכטיג, אויך איז די קלאוק אינדוסטרי גרויס. עס קען ניט זיין א גרויסע יוניאן און א קלײנער אינדוסטרי און ווען עס איז יא דא דאן איז עס אן אוננארמאלער צושטאנד און וועט פריהער אדער שפעטער פיהרען צו א קריזיס. עס קען אבער יע זיין א גרויסע אינדוסטרי און א קלײנע יוניאן און עס זיינען לײדער דא א סך אזעלכע פעלע, און דאס ברינגט אונז צום פונקט, נעמליך, דאס מיר האבען אין ניו יארק א גרויסע קלאוק אינדוסטרי און א גרויסע יוניאן. אין אנדערע ווערטער די קלאוק אינדוסטרי אין ניו יארק איז 100 פראצענט ארגאניזירט, 100 פראצענט יוניאן. אט מיט דעם שטאלצירען די קלאוק מאכער און מיט רעכט.

טאבעלע פון גוטשטעהענדע מעמבערס.

לאקאל	בעצאהלט אין פאראויס	שולדיג פון 1 ביז 13 וואכען	פראצענט
1	670	5484	65
3	166	641	62
9	410	3337	68
10	126	2190	45
11	65	830	57
17	43	1410	50
21	3	141	75
23	350	2682	67
35	656	3086	74
45	16	170	100
48	165	2356	57
64	31	197	70
82	28	205	75

אונז שיינט אז דיזע טאבעלע ענטהאלט דעם אינטערעסאנטעסטען טהייל פון אונזער באריכט. 25458 גוטשטעהענדע מיטגליעדער אדער איבער 62% פון דער גאנצער מעמבערשיפ. צווישען דיזער צאהל זיינען אויך דא די 2729 מעמבערס וועמעס דיוס זיינען באצאהלט אין פאראויס און די איבעריגע 22729 וועלכע זיינען שולדיג צו וואך 2 און 3 א. ז. וו. און קיין איינער ניט מעהר פון 13 וואכען. דאס האט נאך אונזער יוניאן ניט פארמאגט אפילו אין די בעסטע צייטען. לאקאל 35 וועמעס מעמבערס זיינען אימער געווען גוטע דיוס־צאהלערס האט געהאט קארגע 32 פראצענט גוטשטעהענדע מיטגלידער אין 1914 און 29 פראצענט אין 1916. דער פראצענט פון א גוטשטעהענדע מעמבער אין לאקאל 9 — אויך איינער פון די בעסערע ארגאניזירטע לאקאלס — האט בעטראפען 19 פראצענט אין 1916 און 24 פראצענט אין 1917, וועהרענד יעצט בעטרעפט די גוטשטעהענדע מעמבערשיפ פון לאק. 35, 74 פראצענט און לאקאל 9, 68 פראצענט. דאס גלייכען מיט ל. 1 און די אנדערע לאקאלס. און אויב מיר זאלען אויך פאררעכענען די מעמבערס וועלכע זיינען שולדיג ביז 6 מאנאט צווישען די גוטשטעהענדע מעמבערס ווי דאס ווערט אפט געטאן פין די אינדיווידועלע לאקאלס וועט די גוטשטעהענדע מעמבערשיפ פערגרעסערט ווערען אויף 10413 און וועט דאן בעטרעפען 35871 אדער 87 פראצענט פון דער גאנצער מעמבערשיפ.

לעזענדיג דיזע ציפערען קען מען שווין לייכט פארשטיין ווארום דיזע ריזיגע און פאלקאם ארגאניזירטע ארמיי האט נאך 7 טעג סטרייקען געוואונען אזא פאלקאמען זיעג, ענדערענדיג די ארבייט סיסטעם פון שטיק אויף וואך ארבייט, פארקלענערען די ארבייטסשטונדען און באקומען א באדייטענדע העכערונג אין די שכירות.

אלגעמיינע מעמבערשיפ טאבעלע

לאקאל	גוטשטעהענדע מעמבערס	דיוס צאהלענדע מעמבערס	טאטאל
1	6154	3322	9476
3	807	492	1299
9	3747	1775	5522
10	2316	2792	5108
11	895	681	1576
17	1453	1470	2923
21	144	48	192
23	3032	1509	4541
35	3742	1269	5011
45	186		186
48	2521	1895	4416
64	228	97	325
82	233	76	309
טאטאל	25458	15426	40884

צוליעב טעכנישע אורזאכען איז לײדער פאר אונז ניט מעגליך אנצוגעבען די שולדען פון די מעמבערס לויט די וואכען און מאנאטען. מיר גלויבען אבער אז פון די אויבערשטע פאר טאבעלען און אנמערקונגען קאן דער לעזער זיך שאפען א פאלקאמען בעגריף וועגען דעם צושטאנד פון דער גאנצער מעמבערשיפ בעצוג די דיוס צאהלונגען.

אויך צוליעב מאנגעל אין פלאץ קענען מיר ניט געבען א באזונדערע טאבעלע וועגען די עלטער פון די מעמבערס פון די פארשיעדענע לאקאלס ווי מיר וואלטען עס געוואלט טאן, די אונטערזוכונג ווייזט אבער דייטליך דאס די ד ו ר כ ש נ י ט ל י כ ע עלטער פון יעדען מעמבער איז עטוואס מעהר פון 33 יאהר, די יאהרען אונטערשיידען זיך נאטירליך צווישען די לאקאלס לויט דער ספעציעלער פאך פון וועלכער דער לאק. איז צוזאמענגעשטעלט. צום ביישפיעל, די קאטינג טרייד — אונטער דער יורידיקשאן פון אונזער לאקאל 10 — קען ניט אנגערופען ווערען קיין „שניידעריי" (טראץ דעם וואס זיי זיינען טאקע די אמת'ע שניידער) צוליעב דעם און אנדערע אורזאכען איז דיזער פאך פון דער אינדוסטרי מעהר אפילירענד צו דעם יונגערען מענשען וועלכער וויל אנפאנגען זיין קאריערע אין דער קלאוק טרייד. אט דארום טאקע זיינען 70 פראצענט פון דער מעמבערשיפ פון לאקאל 10 אין עלטער פון 20 ביז 30 יאהר, וועהרענד די פרעסער — א פיעל אייגפאכערע און גלייכצייטיג שווערערע מלאכה — צעהלט ניט מעהר פון 9 פראצענט מעמבערס אין דיזע יאהרען א. ז. וו.

די קלאוק אינדוסטרי ווי באוואוסט איז אויסשליסליך א דאמען אינדוסטרי. 100 פראצענט פון דער קלאוק פראדוקציאן ווערט קאנסומירט פון די פרויען. אבער די וואס ארבייטען ביי דיזער טרייד זיינען דאס רוב מענער. דאס איז צו זעהן דערפון וואס פון די 40884 מעמבערס פון די דזשאינט באארד לאקאלס זיינען דא בלויז 6622 פרויען. דאס הייסט, 16 פראצענט פרויען און 84 פראצענט מענער.

86 פראצענט פון דער גאנצער מעמבערשיפ בעשטעהט פון אידען די איבעריגע 14 פראצענט זיינען צוטהיילט צווישען אנדערע נאציאנאליטעטען. פון די לעצטע זיינען דא 4963 איטאליענער און די איבעריגע 630 בעשטעהן פון אמעריקאנער, דייטשען, רוסען, פאליאקען, נעגערס, ארמעניער, טערקען און טשעכאסלאוואקען. דא האט איהר א זאמת'ע „ליגע אוו ניישאנס."

מיר וועלען אין דער נאהענטער צוקונפט באשפרעכען דעם צושטאנד בנוגע דער מעמבערשיפ פון די איבעריגע 11 לאקאלס פון נויארק ווי אויך די לאקאלס פון דער „קאונטרי". מיר זיינען זיכער אז דיזע באריכטען וועלען זיין א קוואל פון באגייסטערונג פאר צעהנדליגע טויזענדער מעמבערס פון אונזער אינטערנײשאנאל יוניאן, וועלכע האט אין די לעצטע פאר מאנאטען פארצייכענט די גרעסטע זיגע אין דער ארבייטער באוועגונג.

עקזאמינערס, באנרא־דערס בושלערס יוניאן לאקאל 82

דער ערשטער מיטינג פון אונזער לאקאל יוניאן, וואס איז געהאלטען געווארען נאכ'ן סטרייק, איז ניט געווען קיין מיטינג נאר א יום טוב. ווער עס ווייס דעם צושטאנד פון אונזער יוניאן מיט א יאהר, אפילו מיט 6 מאנאטען צוריק, וועט דאריף זיך ניט וואונדערען.

אונזער יוניאן האט ניט געהאט אויף א הר גורל דורכצוקעמפפען גרויסע סענזאציאנעלע קעמפפע פאר איהר עקזיסטענץ. אבער דערפאר זיינען די שטילע אינדיווידועלע קעמפפע און די קליינע סטרייקס, וואס מיר האבען כסדר געהאט אויף אונזערע פלייצעס, געווען גענוג צו פארביטערען אונז דאס לעבען.

יעדער טאג איז געווען א קאמפף פאר דער עקזיסטענץ ביז אויף מארגען. וואס עס וועט זיין מיט א וואך אדער א מאנאט שפעטער, האבען מיר ניט געטראכט. אלע אונזערע רעיונות זיינען געווען פארנומען צו זארגען וועגען היינט.

מיט 6 מאנאטען צוריק איז די יוניאן געבליבען אהן א פעני און אהן מעגליכקייטען ערגעץ צו קריגען געלט צו קענען פארטזעצען איהר לעבען אויף ווייטער.

די פראגע איז פארגעקומען פאר די מעמבערס און די מעמבערס האבען זייער פראבע גלענצענד אויסגעהאלטען. זיי האבען געזאגט: אין עקזאמינערס טרייד זיינען באשעפטיגט ארום 1500 מענשען. זיי ארבייטען פאר קליינע ווייזשעס און אונטער מיזעראבלע קאנדישאנס. מען דארף זיי אלעמען ארגאניזירען. מיר, דער וואנגארד, וועלכע האבען די יוניאן געטראגען אויף אונזערע פלייצעס 3 יאהר, זאלען יעצט, ווען עס זעהט זיך שוין לאנד, ווען אין אייניגע מאנאטען ארום וועט זיין א סטרייק פאר א נייעם אגרימענט, אין וועלכער מיר וועלען אנערקענט ווערען אלס יוניאן, זאלען מיר ערב דיזער גרויסער פאסירונג לאזען אונזער יוניאן אונטערגעהן?

ניין! איז געווען זייער ענטפער. זיי האבען גלייך אויפ'ן פלאץ געשאפען א סומע פון 960 דאלאר אלס הלואה פון די אייגענע פאקעטס. זיי האבען אזוי געזאגט: וועט די יוניאן זיך ארויפארבייטען, איז אונזער געלט גוט; אלא ניט, איז ווערט דאס געלט, אז עס זאל ניט הייסען, אז די מעמבערס האבען אליין געלאזען זייער יוניאן אונטערגעהן. מענשען האבען גענעבען 30, 50, 100, 150 און 300 דאלאר — דאס איז פיעל מעהר, פיעל אן ארבייטער מיט אזוינע קליינע פארדינסטען קען זיך ערלויבען.

און זיי האבען קיין טעות ניט געהאט. אפפערוויליגע, ענטשלאסענע, איבערגעבענע ארבייט ווערט קיינמאל ניט פארלארען און אזוי איז עס אויך געווען אין אונזער פאל.

ביי דעם ערשטען מיטינג נאך'ן סטרייק

פון ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן

י סינאר מאבער יו־
ן 70,000 מעמבערס
ן אין סטרייק פאר
און די קאמיטע. פאר־
שטיצע. דער פאר־
טע ווערט איבערגע־
ן קאמיטע.
לעזען צושריפטען.
ארמירט אז ברודער
ערוועהלט געווארען
ד אויף דעם פלאץ
ער דעלעגאט ווערט

רעזיגנירט אלס אפי־
אין זיין רעזיגני־
ברודער, אז עס טוט
עזיגנירען, אבער מיט
ער וויטער ארביי־
יטער באוועגונג נאר
עבית.
ווערט אנגענומען
לאסען איהם צו גע־
שאן.
ין סאציאלער וויסענ־
אז דער דזשאינט
עלפען אנפיהרען דעם
אקציע, וועלכע מאכט
ען די אויבענדערמאנ־
דער צושריפט ווערט
סעקרעטער ווערט
סימפאטי רעזאלוציאן
ען אין נאמען פון
ן דאס זי זאל באקור־
לף.
ט צוריק די פאראיי־
פענדענט שעפער מיט
מענט. דער צושריפט
פאר א שטימע אין

ן פינאנץ סעקרעטערע,
עט געווארען אין בא־
ן פון דיוס ערקלערט,
ערוויל נאך ניט פאר־
יט.

**ן אפאינטמענט קא־
מיטע.**

קאמיטע, בעשטעהענד
אן, פיינבערג, לאנגער,
ערג, לעווענטאל, קאט־
ובין, קושנער, קאהען,
יין, לאפידוס, בעלסאן,
ולד, וואנדער, האנדעל־
ברעסלאווער, מעלא־
רא, מעטץ, ניסנעוויטש,
ריזאמט, ניבען אפ דעם
ט איבער דעם רעזול־
ינטמענטס פון ביזנעס
רעם קומענדען טערמין

עמבערס זיינען אפאינ־
ר ביזנעס אייזשענטס:
שייקאב רובין, דזשיי־
ניטען היינעס, טשאס.
וער, מאריס סאלאמאן,
וועטטער, לואיס פאל־
עם טוקער און דזאשהן

ישאצבערג און הענרי

ישאזעף קעסטען, הערי
אלדבערג, לואיס הייט,
ראעל בראונפעלד און

ויליאם בארקאן און י.

עווארען ,אז דורך דעם
ער מעמבערשיפ פאר־
ען, אז מיר האבען שוין
עט אלע חובות צו די
גוט ווי צום דזשאינט
י האבען שוין 2000 דא־
ע נ ע ל ט , פון יועל־
איז אוועקגעלעגט געוא־
לע סיווינגס.
דאס ניט קיין גרויסע
ן יוניאנס וואס צעהלען
אין די צעהנדליגע טוי־
וואס ווייסען דעם צו־
ר יוניאן מיט נאר 6 מא־
פעציעל אונזערע מעמ־
פאר זיי א גרויסער יום־
בען נעקענט קומען אזוי
יז יעצט איז דאס געווען
יערען קעמפפען פאר די
עניז, זועט עס פון איצ־
ען מיט א שטראהל פון
וועלען אונזער ערפאלג

י. אשפיז, מענעדזשער.

לאקאל 17 : ל. גאלוב, איזידאר סענדערס און מאריס יאקאבינסקי.

לאקאל 23 : סעמועל פריעמער, דזשאזעף ספילמאן, סעמועל ביילענסאן און אייזיק רובינבאום.

לאקאל 35 : היימאן איינשטאדט, אייזיק פריינד, הערי לובינסקי, הערי לעווין, דזשו גאלד, א. גאלדבערג און טשאס. אראנסקי.

לאקאל 48 : ארטורא וואלארדי, טשאס. קאראטענוטא, אנגעלא מאנגאטי, באזיליא דעסטי, פאסקוואלע מוציגראססי און מייק מאריקאנדא.

אפליקיישאנס פאר ביזנעס אייזשענטס האבען פארשטעהט זיך, אריינגעגעבען א סך מעהר פארזאנען, אבער די אויבענדערמאנטע האבען „געפעסט" די עקזאמענס מיט העכערע „מארקס" און פאלגליך זיינען זיי אפאינטעט געווארען.

דער אפליקיישאן פון ברודער מאריס שוסטער, א מעמבער פון לאקאל 1, איז ניט באטראכט געווארען צוליעב דער אורזאכע, ווייל ער איז ערשט א מעמבער פון דיזער ארגאניזאציאן ניט מעהר פון זעקס וואכען.

ברודער וויסמאן ווערט עלעקטעט סארדזשענט עט ארמס.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

דער רעינקאוט מאכער סטרייק און אנדערע טרייד-נייעס

דער רעינקאוט מאכער סטרייק אין ניו יארק, פון לאקאל 20, איז א גרויסער ערפאלג. דער סטרייק וועט זיך, ווי עס שיינט, ענדיגען נאך פריהער, ווי די פיהרער פון דעם סטרייק האבען אנפאנגס גערעכענט. דאס איז, נאטירליך, א דאנק די פארבערייטונגס־ארבייט פון דער יוניאן אין די לעצטע עטליכע מאנאטען איידער דער סטרייק איז גערופען געווארען.

דער רעזולטאט, דאס איצט געהט עס ווי געוואונשען. מאנופעקטשורער האבען זיך געמאלדען פאר סעטלמענטס גלייך אויפצומארגענס ווי דער סטרייק איז גערופען געווארען און איצטער האבען שוין פיעלע באדייטענדע פירמעס אין טרייד געסעטעלט מיט דער יוניאן אויף די נייע באדינגונגען.

דער סטרייק ווערט איבערהויפט געפיהרט גאנץ פלאנמעסיג. אלע קאמיטעס זיינען אימער אויפ'ן פלאץ און די סטרייק ארבייט ווערט געטאן גאנץ הארמאניש.

אין פארלויף פון דער וואך האבען אייניגע רעינקאוט מאנופעקטשורערס צוזאמענגעשטעלט „אן אסאסיאיישאן", אפילו א לאיער גענומען, און גערופען דער יוניאן צו געהן מיט איהר „פארהאנדלען קאלעקטיוו". אונזערע יוניאנס זאגען זיך קיינמאל נטי אפ פון אזעלכע זאכען און די יוניאן איז געקומען אין „האטעל אימפעריאל" צו א קאנפערענץ. די יוניאן איז דארט געווען פארטראטען דורך א קאמיטע פון די ברידער ל. וועקסלער, דער מענעדזשער פון לאקאל 20, ס. פרידמאן, דער סעקרעטער אין ראבינסאן, זאק און פיסלאוועצקי, פון'ם עקזעקוטיוו באארד. דער אינטערנעשאנעל אפיס איז דארט געווען פארטראטען דורך שוועסטער פאני'א מ. קאהען, וועלכע איז אפאינטעט געווארען אלס איינע פון דער קאמיטע צו העלפען פהירען דעם סטרייק.

פון דעם קאנפערענץ האט זיך דערוויל נארניט אויסגעלאזען. די סטרייק קאמיטע געהט ווייטער אן מיט די אינדיווידועלע סעטלמענטס און עס איז א סברה אז פון דער שנעל אויסגעבאקענער אסס'ן וועט זיך גארניט אויסלאזען. אבער אזוי צו אזוי, דער רעינקאוט סטרייק איז שוין א געוואונענער און ער וועט באלד זיין איינגאנצען געענדיגט.

רעדענדיג וועגען נייע אסאסיאיישאנס — אויך אין קליוולאנד האט זיך לעצטענס געגרינדעט א נייע אסאסיאיישאן. דאר טאבער איז עס פון קלאוקמאנופעקטשורער, אונטערן נאמען „מיטשעל מאנופעקטשורערס אסס'ן". אין דער נייער אסס'ן באלאנגען א צאהל פון די קלענערע מאנופעקטשורער, וועלכע זיינען ביז איצט געווען „אינדעפענדענטס". זיי באשעפטיגען צוזאמען ארום 8 הונדערט ארבייטער.

די וואך האט ברודער פערלשטיין דארט געהאט א קאנפערענץ מיט פארשטעהער פון דער נייער אסס'ן וועגען מאכען א קאלעקטיווען אגרימענט, אויף די נייע באדינגונגען. ווי עס שיינט, איז די אסס'ן געווען צופרידען אזא אגרימענט אונטערצושרייבען. טאמער אבער וועט זי דאס ניט טאן, איז די יוניאן דארט גרייט ארויסצורופען א סטרייק אין די שעפער פון יענע בעלי בתים. בעת מיר שרייבען די שורות, דארף נעמען א ווענדונג אהער אדער אהין.

בריעף צום רעדאקטאר

ער מיינט ס'איז א ווידערשפרוך

ווערטהער ה' רעדאקטאר!

איך לעז אויפמערקזאם די לעצטע נומערען פון „גערעכטיגקייט" און אין יעדען נומער זעה איך, פארנעמט א וויכטיגען פלאץ די אויפקלערונג און אפיעלס צו די קלאוק מאכער בנוגע דער גרויסער ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין טרייד, אבער מיין געדאנק שפירט א ווידערשפרוך אין די עדיטאריעלס אדער געשפרעכען און אפיעלס פון איין מאל ביז א צווייטען. איך וועל עס ערקלערען קלאר: דער אגרימענט איז געמאכט געווארען מיט א באשטימטען מיניממום סקייל פון וויידזשעס, אבער אין דעם זעלבען אגרימענט איז דא א פונקט, אז א געשיקטער פעהיגער ארבייטער דארף קריגען באצאהלט, ווען ער, דורך זיינע פעהיגקייטען פראדוצירט מעהר פאר דעם געוועהנליכען ארבייטער, אדער איך וועל זיך אויסדריקען מיט די ווערטער פון „רעדאקטארס נאטיץ ביכעל", „דער באס קען ניט פארלאנגען עטוואס פאר גאר ניט", דער ארבייטער מוז קריגען באצאהלט פאר נ א ט י ר ל י כ ע ש נ ע ל ק י י ט. דאס איז פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט האב איך אין די איינינע נומערען פון „גערעכטיגקייט" געזעהען ווארנונגען צו די בעלי מלאכות, ניט איבערכאפען די מאס, ניט יאגען זיך אזוי נאך דעם דאלער. ספעציעל איז ריהרענד בר. זיגמאנס ווארנונג אין „פארווערטס". זיין מורא פאר א באנוס סיסטעם. איך זעה, פריינד רעדאקטאר, אין דיזע אפיעלס און ווארנונגען א טאן פון אונרוהיגקייט און טאקע א באגרינדעטען. די פראגע איז וואס זיינען די אורזאכען וואס רופען ארויס די אינדיווידועלע יאגעניש אין די שעפער נאך אן איבריגען דאלער אנשטאט אמאליגע יאגעניש נאך א גרעסערען אדער בעסערען באנדעל. וועלכע ברענגען דיזעלבע שלעכטע רעזולטאטען וועלכע דראהען מיט צושטערונג אנשטאט נארמאלע און געזונטע ענטוויקלונג פון טרייד אין א יוניאן?

אום ניט צו פארנעמען צום ערשטען מאל צופיעל פון אייער צייט וועל איך זיך פאסען קורץ. בר. זיגמאן האט מיט אייניגע וואכען פאר'ן סטרייק ביי א סעקשאן מיטינג פון לאק. 35, ארויסגעזאגט זיין מיינונג אין באצוג דער ענדערונג פון שטיק אויף וואכען סיסטעם מיט דער באדינגונג אז פעהיגע און שנעלע בעלי־מלאכות זאלען האבען די מעגליכקייט אויסניצען זייער פעהיגקייט און פארדיענען עטליכע דאלער א וואך מעהר. איך ווייס ניט, ווי אויף אלעמען, צו מיר האט דיזע טעאריע ניט אפעלירט. ווייל מיין מיינונג, איז די סיסטעם פון יוניפארם סקייל און וויידזשעס ווי יעצט ביי פרעסער, קאטער און סעמפעל מאכערס, איז די פאסענדסטע. און דער פרינציפ, דער שטארקערער זאל פראטעקטען דעם שוואכערען, און צוזאמען שטייגען צו א גרעסערע פארדינסטען, איז דער אמת'ער יוניאן סאלידארישער פרינציפ. און פארקערט. פארשידענע פרייזען ברייננען קנאה, יאגעניש און רייסערייען.

קען דען פארוועהרט ווערען דעם סלאווען ארבייטער צו אנשטרענגען זיך ביי דער ארבייט אום צו נעמען נאך א פאר דאלער ווען דער שנעלער קריגט עס און קען מען דען מאכען א גרענעץ וואו עס ענדיגט זיך „נאטירליכע שנעלקייט" און וואו עס פאנגט זיך אן קינסטליכע?

איך בין געווען מיט דער מיינונג אז די סיסטעם פון פארשידענע פרייזען אין יעדען שאפ וועט קיין נוטעס ניט ברייננען און עס ציינט זיך יעצט ארויס. איך גלויב, אז איך בין ניט דע ב איינציגער מיט דיזען געדאנק. איך בין אבער מיט דיזען געדאנק דאמאלס עפענטליך ניט ארויס, ערשטענס, ווייל עס איז צו אזא דיסקוסיאן עפענטליך ניט געקומען, און, צווייטענס, האב איך זיך צוריקגעהאלטען פאר'ן סטרייק, ווייל די וואכען־סיסטעם מיט די פארשידענע סקיילס איז דאך בעסער ווי שטיק ארבייט. און די אגיטאציאן פאר א יוניפארם סקייל וואלט געשאדעט א ו נ ט ע ר ד י א ו מ ש ט ע נ ד ע ן דער אלגעמיינער אגיטאציאן פאר וואכען־סיסטעם אין טרייד.

דער סטרייק איז יעצט פאראיבער. די איבלען פון דיזער סיסטעם, פון די פארשידינע סקיילס זעהן זיך בולט ארויס, און עס איז איצטער די צייט מיט קאנקרעטע פאקטען צו לערנען אונזערע בעלי מלאכות ווי צו איינארדנען אין שאפ אמת'ע סאלידאריטעט און הארמאניע.

איך גלויב אז עס איז באצייטענס נוייטיג אן עפענטליכע דיסקוסיאן איבער דיזער פראגע, און אויב איהר, פריינד רעדאקטאר, טיילט מיין מיינונג, אז יעצט איז די צייט פאסענד פאר דיזער דעבאטע וואלט איך פארגעשלאגען דורכצושמועסען זיך מיט אונזערע קלאוק מאכער און מיט אייער ערלויבנים וואלט איך ארויסברייינגען אויף די זייטען פון „גערעכטיגקייט" מיין שטאנדפונקט אין מיינע ארגומענטען אין דיזער פראגע, וועלכע איך האב גענוי נאכגעפאלגט און נאכגעטראכט.

מיט טרייד יוניאניסטען גרוס,
מ. סלאווין,
מעמבער פון לאקאל 35.

וועגען באריכט פון סעקרעטער פון לאקאל 17

ווערטער גענאסע רעדאקטאר:

אין דעם לעצטען באריכט פון ברודער העלער, סעק. פון לאקאל 17, באקלאגט ער זיך, דאס מען געהט מאכען „ריקאנסטראקשאן" אין באצוג צו לאקאל 17. איך בין גראדע א מעמבער אין לאקאל 17 און איך זעה גאר ניט איין וואס ברודער העלער שרעקט זיך אזוי פאר דער „רעקאנסטראקשאן". איך גלויב, אז ווען עטוואס זאל געטאן ווערען אין דיזער היגזיכט, וואלט עס גראדע געווען פאר דער טובה פון דער גאנצער יוניאן.

איך זעה ניט איין צו וואס דארף מען היינט א באזונדער לאקאל. מיט וואס אונטערשיידען זיך אונזערע אינטערעסען פון די אינטערעסען פון די מיטגליעדער פון לאקאל 1 ? עס איז דאס זעלבע אפרייטינג און די זעלבע ארבייטער. איבערהויפט יעצט, ווען דער סיסטעם איז געענדערט געווארען אויף וואך־ארבייט, איז געוויס ניטא קיין בארעכטיגונג פאר צוויי אפרייטאר־לאקאלס.

דער נאמען „ריפער שעפער" איז א איבערהויפט זעהר קאמיש.

עס געפינען זיך הונדערטער מעמבערס פון לאקאל 17 מיט דער זעלבער מיינונג, וואס איך. עס וואלט שוין געווען די העכסטע צייט, דאס די דזשענעראל בעאמטע זאלען טרייען צוזאמענצוברענגען ביידע עקזעקוטיוו באארד פאר א פאראייניגונג. עס געפינען זיך גענוג אקטיווע און ווירקליך פעהיגע מעמבערס אין לאקאל 17, אבער זייער פעהיגקייט און אקטיוויטעט וואלט זיכער ניט פארלארען געגאנגען אין א פאראייניגטען לאקאל. און ווען זיי וואלטען נאר ניט אויסען געווען קליינליכקייטען, וואס האבען קיין באדייטונג ניט, וואלטען זיי געוויס געדארפט זיין פאר פאראייניגונג.

צום שלום וויל איך באדאנקען ברודער זיגמאן און ברודער פיינבערג פאר זייער גוטער ארבייט, וואס זיי האבען געטאן אין שאפ פון וויינשטיין בראס. עס איז זיי געלונגען צו פארבעסערען דעם שאפ און יעדען באזונדער צופריעדען צו שטעלען ווי ווייט מעגליך. ניט ווי אין די פריהעריגע צייטען, ווען א טייל ארבייטער האט געמאכט גרויסע וויידזשעס און די איבעריגע — א געמורטשעט לעבען. איך ארבייט זעקס יאהר אין דיזען שאפ און האב מיטגעמאכט ביטערע צייטען. פאר דער וועלט איז עס געווען פאררעכענט אלס דער בעסטער יוניאן־שאפ, אבער אי זאמת'ען איז דאס ניט געווען אזוי.

איך גלויב, דאס ווען מען וואלט געלאזט דעם גלייכגלייך צו די בעאמטע פון לאקאל 17, וואלט מען ניט געקומען צו אזעלכע הערליכע רעזולטאט, וואס ברודער זיגמאן, פיינבערג, מיט דער הילף פון ברודער בערקאוויטש, האבען געבראכט.

מיט גרוס,
מאריס שילד, מעמבער ל. 17.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער.

אין די רייהען פון אונזער אינטערנע־שאנאל איבער'ן גאנצען לאנד געהט איצט אן א פיבערהאפטע טעטיגקייט. אין פילע שטעטער זיינען די קעמפפע שוין געווינען, אין אנדערע ערטער קעמפפט מען נאך און אין נאך אנדערע ערטער גרייט מען זיך ערשט אין קאמפף ארויסצוגעהן. און דאס אלעס, פארשטעהט זיך, געפינט אן אפקלאנג אין דער פרעסע, אין דער ארבייטער־פרעסע און אין דער אלגעמיינער פרעסע.

מיר דרוקען דא אויסציגע, מיינונגען און סטייטמענטס בנוגע אונזער אינטערנעשאנעל, וואס וועלען זיכער אינטערעסירען אלע אונזערע מיטגליעדער.

* * *

אין טאראנטא, קענעדע, ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין, סטרייקען די קלאוקמאכער און דער סטרייק איז דארט א גאנץ פארביטערטער. די באסעס האבען זיך דארט ניט אפגעשטעלט פאר קיין מיטעל דעם סטרייק צו ברעכען. די סטרייקער קעמפפען אבער מוטיג, קיין זאך שרעקט זיי ניט אפ. אונזער וויים־פרעזידענט, לעפקאוויטש, איז איצט דארטען און ער מיט וויים פרעזידענט קאלדאזוסקי, דער מענעדזשער פון יענער יוניאן, זיינען די הויפט פיהרער פון דעם סטרייק.

וועגען דער לאגע דארטען שרייבט דער „אידישער זשורנאל" פון יענער שטאדט:

„אין פארלויף פון דער לעצטער וואך זיינען קיין ענדערונגען אין דער סטרייק לאגע ניט פארגעקומען. די בעאמטע פון דער יוניאן, מיט דער הילף פון'ם אינטערנעשאנעל וויים פרעזידענט, מר. לעפקאוויטש, קאנטראלירען די לאגע פאלשטענדיג און לויט ווי עס גיבען איבער די בעאמטע פון דער יוניאן, שטעהט דער סטרייק אין א גלענצענדען צושטאנד, די יוניאן ווייסט פון יעדען פארזוך וואס ווערט געמאכט אירגענד וואו צו מאכען קלאוקס און עס ווערען אנגענומען די ריכטיגע מיטלען דאס ניט צו דערלאזען.

„בשעת דער פארטרעטער פון'ם „אידישען זשורנאל" האט געהאלטען א געשפרעך מיט מיר קאלדאזוסקי'ן, פרייטאג פארנאכט, אין אפיס פון דער יוניאן, האט קאלדאזוסקי פלוצלונג א זאג געטאן: „זעהט איהר אט דעם שלעגער, אנווייזענדיג אויף אן אויסגעדארטען, בלייך־פנים'דיגען אידישען בחור, וואס קוקט אויס צו זיין אלט א יאהר 19. ער איז היינט באשטראפט געווארען פון מעדזשיסטרייט קאהן מיט פערציג דאלאר שטראף, אויף דער קלאגע פון האבען צומימתט צוויי גרויסע, שטארקע פאליאקען, וואס סקעבען ביי מר. קערצער, פון דער נעשאנעל דרייגודס פירמא.

„אפשר קענט איהר ענטפערען אויף דער פראבלעמע, האט מר. קאלדאזוסקי ווייטער געזאגט, ווי אזוי קען מען ערקלערען אזא מין ערשיינונג; דער בעל הבית, וואס האט געמאכט די קלאגע געגען דעם דאזיגען אידישען בחור איז א מיטגליעד פון דער פועלי־ציון פארטיי, א איד וואס קלאגט אויף דער שלעכטער אידישע לאגע אין פוילען און וואס זוכט צו באשיצען די אידען געגען דעם ווילדען בארבאריזם פון די פאליאקען, נעהמט דערזעלביגער איד דא אין דער פרייער קענעדע און שטעלט אן גרויסע געזונטע פוילישע סקעבס צו בארויבען די אידישע ארבייטער פון זייער שטיקעל ברויט. און אויפ'ן ווארט פון אזעלכע סקעבס באשטראפט א אידישער ריכטער אזא צוהויקערטען אידישען בחור פאר האבען צו'הרג'עט אזעלכע גרויסע געזונטע פאליאקען. אפשר קענט איהר ענטפערען אויף אזא ערשיינונג?"

„בעת מעדזשיסטרייט קאהן האט באשטראפט דעם „שלעגער" מיט פערציג דאלאר אדער זעכציג טעג זיצען אין אר[illegible] האט מעדזשיסטרייט קאהן געווארנט דעם אנגעקלאגטען סעם בערמאן, אז אויב די סטרייקער וועלען ניט אפשטעלען די אומרוהען, וועט מען זיי ארויסשיקען פון לאנד. דער לאיער פון מר. קערצער האט געפאדערט אז דער אנגעקלאגטער זאל דוקא פארשיקט ווערען אין געפענגניס, ווארום די געלט שטראף ווערט באצאהלט פון דער יוניאן".

ווי איהר זעהט, איז אומעטום, וואו ס'געהט נאר אן א קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט איז אלץ דיזעלבע זאך. מען מאכט „פריים־אפס" געגען סטרייקער; כשר'ע נאציאנאל־געזאנגענע אידען שטעלען אן גוי'אישע סקעבס און אידישע ריכטער גיבען אידישע סטרייקער שווערע שטראפען. אין דעם קאמפף פאר'ן דאלאר וויל די בורזשואזיע ניט וויסען פון נאציאן, רעליגיאן אדער אנדערע אזעלכע שמאכטעס.. דער דאלאר איז ביי זיי די הייליגסטע זאך אין דער וועלט, און ווען דעמיעניגען, מעג ער זיין אפילו אן אייגענער ברודער, וואס שטעלט זיך זיי אין וועג, אין דעם געיעג נאך'ן דאלאר.

* * *

דאס וואס מיר האבען דא געזאגט וועגען די קלאוקמאנופעקטשורער אין טאראנטא, קענעדע, קען אויך גילטען פאר די קלאוקמאנופעקטשורער פון לאס־אנדזשעלעס, קאליפארניא. כאטש אין שטאדט פון דער אנדערער איז אזוי ווייט. אויך ביי די אידישע קלאוק מאנופעקטשירער אין לאס־אנדזשעלעס איז רעכט ארויסצורופען ר א ס ע ן ־ ה א ס געגען זייער אייגען פאלק, אבי צו ברעכען דעם סטרייק וואס די קלאוקמאכער יוניאן, לאקאל 52 פיהרט דארטען, איינצופיהרען בעססערע ארבייטס־באדינגונגען. אויך דארטען, אין געיעג נאך'ן דאלאר, פארגעסען די מאנופעקטשורער אלעס וואס איז מענשליך און באנוצען זיך מיט נידעריגע, געמיינע מיטלען געגען זייערע ארבייטער, וועלכע זוכען אביסעל זיך צו פארלייכטערען די לאגע.

אט וואס מר. דזש. לעווויט, פון לאס־אנדזשעלעס, שרייבט וועגען דעם אין א קאנטרי אויסגאבע פון „פארווערטס":

„דער סטרייק פון די קלאוקמאכער האלט נאך אן. די מאנופעקטשורערס אין זייער פארביסענהייט זעהען ניט זייער אייגענע קליינליכקייט. זיי מיינען, אז זיי וועלען אפשרעקען די געגנז. זיי ארבייטען איינע ביי די אנדערע. זיי ארבייטען נעבעך זעהר שווער. זיי האבען שוין לאנג אזוי שווער און ביטער ניט געארבייט.

„זיי זיינען אליין געווארען זייערע אייגענע סטרייק־ברעכער.

„פארשיידענע מיטלען האבען אונזערע קלאוק־מאנופעקטשורערס אנגענומען צו ברעכען דעם סטרייק, אבער אהן ערפאלג. צוערשט האבען זיי טעלעגראפירט צו דער אינטערנעשאנאל און געזוכט איינצורעדען, אז דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען אומגעזעצליך און זיי האבען פארלאנגט, אז די אינט. זאל דעם סטרייק צוריקרופען. דער רעזולטאט איז געווען, אז נאכדעם ווי די אינטערנעשאנאל האט אלעס אונטערזוכט, האט זי געלאזט וויסען די סטרייקערס, אז זי איז מיט זיי און וועט זיי העלפען מיט אלעס מעגליכעס דעם סטרייק צו געווינען.

„נאכדעם האבען זיי געטריים די סטרייקער פאר'מסר'ן פאר די ארבייטער פיהרער פון אונזער היגען סענטראל לייבאר קאונסיל, אז זיי זיינען באלשעוויקעס, אנארכיסטען און וואס ניט... אז דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען ניט אין צייט, אז די ארבייטער האבען געבראכען דעם אגרימענט און נאך און נאך מסירות, אבער אויך דא האבען זיי זיך נאר אליין געשעדיגט. דער סענטראל לייבאר קאונסיל איז מיט די סטרייקערס.

„דערנאך האבען זיי זיך גענומען צו נאך א שמוציגערען מיטעל — צו ראססען־האס: דיזעלבינע אידען, וועלכע האבען מיט א פאר וואכען צוריק אליין פראטעסטירט געגען די פאגראמען אויף אידען אין פוילען, האבען אדווערטייזט, אז ניגערס זאלען זיך יעצט באנוצען מיט דער געלעגענהייט און פארנעמען די דזשאבס פון די ווייסע ארבייטער, ווייל די ווייסע ווילען ניט צולאזען די שווארצע אין דער אינדוסטריע. מיט גרוים מיה און מיט דער הילף פון א שווארצען גלח איז זיי קוים געלונגען צו קריגען פונקט איין שווארצען ארבייטער, וועלכער איז אויף מארגען צוגעשטאנען צום סטרייק און האט געהאלפען פיקעטען דעם שאפ.

„אט אזוי האבען נעבעך אונזער'ע קלאוק־מאנופעקטשורערס קיין מזל ניט. ניטא קיין סקעבס. און יעצט האבען זיי באשלאסען צו שפילען זייער לעצטען קארט, און זיי האבען זיך אליין גענומען צו דער ארבייט. אוועקגעזעצט זיך ביי די מאשינען ווי פשוטע ארבייטער, מען נייהט און מען פרעסט און מען פינישט אויס, אלע צוזאמען, אן אמת'ע קאמונע.

„די ארבייטער זארגען זיך גאנץ ווענוג וועגען דעם סטרייק. מען קומט זיך צוזאמען אלע טאג. די סטרייק־קאמיטע ארגאנזשירט פארשיידענע אונטערהאלטונגען. די ארבייטער זיינען הונדערט פראצענט ארגאניזירט, און עס איז פאר זיי קלאר, אז די מאנופעקטשורערס וועלען מוזען קומען אין דער יוניאן און אלעס נאכגעבען".

* * *

ווי אונזערע לעזער ווייסען, זיינען די קלאוקמאכער אין קליוולאנד זעהר צופרידען מיט דער ענטשיידונג פון ריכטער מעק, דורך וועלכער די יוניאן באקומט דארט פולע אנערקענונג און גאנץ באדייטענדע טרייד־רעפארמען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס די ארבייטער זיינען מיט דער ענטשיידונג צופרידען. ווייסען דאך אלע וואסערען שווערען קאמף די קלאוקמאכער אין קליוולאנד האבען אנגעפיהרט זינט די לעצטע 9־10 יאהר, אז זייער יוניאן זאל אנערקענט ווערען, און די רייכע קלאוק מאנופעקטשורער האבען אימער ביטער געקעמפפט געגען דעם.

אבער, ווי א שטייגער, ערקלערט מען זיך דעם פאקט, וואס די באסעס דארט זיינען מיט דער ענטשיידונג „אויך צופרידען"?...

„די אידישע וועלט" פון קליוולאנד שרייבט:

„באלד נאכדעם ווי די ענטשיידונג פון דער באארד אין דער קלאוק סיטואציע איז פארעפענטליכט געווארען, האט דער פארטרעטער פון דער „אידישער וועלט" זיך געווענדעט צו מר. מארים בלעק און איהם געפרעגט צו ער איז צופרידען מיט די רעזולטאטען. מר. בלעק האט געענטפערט:

„איך בין העכסט צופרידען מיט די רעזולטאטען און איך האב ניט קיין גענוג ווערטער איך זאל קענען אפלויבען די גאלדענע ארבייט פון דיעזע מענשען פון דער באארד אף רעפערים, וועלכע האבען אזוי אפפערוויליג אוועקגעגעבען זייער צייט און זייער מיה אום צו העלפען אויסמיידען אומרוהען אין אונזערע אינדוסטריען. מיר דארפען זיך שעצען גליקליך וואס אין אונזער לאנד געפינען זיך אזעלכע מענשען. און ווירקליך, אויב מען קען אויסמיידען מלחמות צווישען פעלקער דורך ארביטריישאן, ווארום זאל מען דעמזעלבען מיטעל ניט אנווענדען צו אויסמיידען אינדוסטריעלע מלחמות?"

איז דאס ניט א מערקווירדיגע סטייטמענט? מר. מארים בלעק איז איינער פון די איינפלוסרייכסטע מאנופעקטשורערס אין קליוולאנד, וועלכע האט אימער פיגורירט אלס „קעמפפער" געגען דער קלאוקמאכער יוניאן און אויב ער זאגט איצט עפענטליך, אז ער איז צופרידען מיט'ן סעטלמענט, אין וועלכען די קלאוקמאכער יוניאן ווערט פאלשטענדיג אנערקענט, איז דאס ווירקליך א צייכען דער צייט!

איבעריגענס, האבען שוין די בעלי־בתים אימער אזא טבע: ווען א יוניאן קעמפט יאהרענלאנג פאר געוויסע פארבעסערונגען און די בעלי בתים ווערען ענדליך געצוואונגען דאס נאכצוגעבען, קומען זיי נאכדעם ארויס מיט אן ערקלערונג, אז זיי זיינען מיט דעם „אויך צופרידען".

איז דאך א קשיא: ווארום קעמפפען זיי אזוי פארביסען געגען אלע נייע פארבעסערונגען פאר די ארבייטער, וואס די יוניאן פאדערט פון צייט צו צייט, און נאכדעם זיינען זיי אליין אויך מיט דעם צופרידען?

מיר האבען מורא, אז דאס וועט שוין בלייבען אן אייביגע קשיא...

* * *

יואל סלאנגם, א שרייבער אין „טאג", האט לעצטע וואך באזוכט די זומער יוניטי היים פון לאקאל 25 און מיר גיבען דא א פאר אויסציגע פון זיינע „איינדרוקען און שטימונגען", וואס ער האט געדרוקט לעצטען שבת אין „טאג", אונטער'ן קעפעל: „אין די בלויע בערג".

„ווער עס צווייפעלט, אז ביי אונז אין אמעריקא, ביי אונז אין דעם לאנד פון דעם דאלאר, אין דעם לאנד פון גרוים־קאפיטאל, קומט איצט פאר א שטילע רעוואלוציע, א מין גייסטיגע איבערקעהרעניש אין די הערצער און מחות פון די אידישע ארבייטער — דער דארף פאהרען באזוכען די „יוניטי הויז" פון דער ווייסטמאכער יוניאן.

„זעהט מען די וואונדערשעהנע בלומאונטיינס, וועלכע זיינען אזוי אנדערש, אזוי פיעל פרישער, אזוי פיעל גרינער און אזוי פיעל זאפטיגער איידער די קעטסקיל מאונטיינס, סיי די אמת'ע פון גרין קאונטי און סיי די פאלשע פון סאליוואן קאונטי, און זעהט מען די צעהן הייזער, וועלכע שטעלען צוזאמען די „יוניטי הויז" פון דער ווייסטמאכער יוניאן — הייזער, וועלכע זיינען געבויט געווארען פאר די מיליאנערען; הייזער, וועלכע זיינען ארטיסטיש אין זייער שעהנקייט און איינפאך אין זייער ארטיסטישקייט, און זעהט מען די הונדערטער אידישע מיידלאך שפרינגען און זינגען און טאנצען, אזוי ווי זיי וואלטען געווען די גליקליכע קינדער פון לעבען, דאן מוז מען אנהויבען פיהלען, אז אן אנדער צייט קומט אן אויף דער וועלט און אז אן אנדער צייט שפרייט זיך אוים אין אמעריקא.

„ווייל אויב עס איז מעגליך געווען פאר די אידישע ארבייטער מיידלעך אויפצובויען אזא זומער־היים, וואס איז שעהנער פון שעהן און איז אזוי פארבען־רייך, אז זי וואלט אם בעסטען געקענט געשילדערט ווערען אין א דיכטונג פון א טאלאנטפולען דיכטער, דאן איז אויך מעגליך, אז נאך שעהנערע, נאך גרעסערע זאכען זאלען אויפגעטאן ווערען און זאלען פארווירקליכט ווערען. די „יוניטי הויז" איז דער בעסטער באווייז, אז אין די הערצער פון די אידישע ארבייטער האט זיך צובראכט א פארלאנג נאך דאס שעהנע, נאך דאס פרעכטיגע, נאך דאס אומאלטעגליכע. און ווען דער פארלאנג ווערט שטארק אין די נשמות פון מענשען, דאן וועט ער פרוכטען צובליהען, דאן וועט די וועלט ווערען איין שעהנע, איין זומערדיגע „יוניטי הויז".

און אזוי, מיט דערזעלבער באגייסטערונג, באשרייבט ער אין קנאפע פיער קאלומס אלץ וואס ער האט געזעהען און דורכגעפיהלט זייענדיג אין דער יוניטי הויז, און ער פארענדיגט:

„...עס איז געווען אזוי גוט, אזוי הארציג, אז מען האט זיך אויף א ווייל פארגעסען אן די שלעכטס און צרות פון שטאדט, פארגעסען אן די ליידען פון דער וועלט, פארגעסען, אז באלד־באלד פארגעהט דער זומער און דער הערבסט וועט קומען, און דער הערבסט ווינט וועט פייפען אזוי קאלט און אזוי נאס איבער די גאסען פון שטאדט, און די חלומות און די אילוזיעס און די בענקשאפטען וועלען פארגעהן און פארשווינדען...."

ווי איהר זעהט, קען מען אונז ניט באשולדיגען, אז מיר ליבען צופיעל די זומער יוניטי היים פון לאקאל 25. ווייל דאס איז „אונזער זאך", און מיר דארפען דאך דאס טאן. ווי איהר זעהט, טוען דאס אלע, פרעמדע, ווי אייגענע. ווייל דער פלאץ איז ווירקליך אזא וואונדערבארער, אז ווער עס באזוכט איהם, קען זיך פשוט ניט גענוג אפלויבען. די זומער יוניטי היים פון לאקאל 25 אין די בלויע בערג איז ווירקליך א נאטירליכער פראכט!

א באדויערונגס־ווארט

מיר באדויערען דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער באליעבטער טשערליידי, מיס נעדי סענדלער, וועלכע איז געשטארבען דעם 17טען דזשולאי.

עהרע איהר אנדענקען!

די ארבייטער פון דער פיימאס [illegible] קא.

...ער אין קליװלאַנד פײַערען ...זיעג דורך א באַנקעט

...ער און וויס־פּרעזידענט מ. פּערלשטיין באַקומען ווערט ...ען. — שלעזינגער זאָגט אבער, אז די וואַרימע געפיה־ ...אַסען האָבען איהם דאַרט אַרויסגעוויזען זיינען איהם ...ן פּרעזידענט! — א מערקווירדיגע שמחה צווישען די ...אין קליװלאַנד.

...די קלאָוקמאַכער ...אַן אמת'ער ששון ...ויסען זיעג, וואָס ...ענדליך געוואונען. ...לאָוקמאַכער יוניאָן ...ערשטען מאָל אין ...טאַלטעט א גרויס־ ...א רייכען האָטעל, ...ג פון דער יוניאָן ...'טע מאַנופעקטשו־ ...עפייערט געוואָרען. ...פון קליװלאַנד באַ־ ..., ענטוזיאַסטישען ...ד „פּאָרווערטס".

...לאָוקמאַכער האָבען ...באַנקעט אין האָ־ ...עציינט זייער טיע־ ...ן בעאַמטע, וועלכע ...געאַרבייט פאַר דעם ...יאָן. און די זיעג־ ...האָבען אויפ'ן ריכ־ ...לט די לייסטונגען ...ן בעאַמטע מיט דעם ...טירט ברודער שלע־ ...ן דער אינטערנעי־ ...ן און טהייערע לאַ־ ...ער מ. פּערלשטיין, ...קליװלאַנדער קלאָוק ...א טשעק פון פינף ...לכע איז צוזאַמענ־ ...די מיטגלידער פון ...מען ברודער פּערל־ ...עבט געמאַכט פאַר־ ...ער נעפינט זיך אין ...ר האָט זעהר פיעל ...איצטיגען ערפאָלג ...ר וועהרענד פּערל־ ...יעבט געמאַכט ביי ...ק מאַכער איז ער ...פערהאַסט געוואָרען ...לאָוק מאַנופעקטשו־ ...עם ריידער, אן עק־ ...דער יוניאָן האָט זיך ...ריקס. דערלאַנגענ־ ...ן דעם טשעק, האָט ...פּערלשטיין, וואָס ...וערים האַסען אייך, ...ר אייך."

...רעספעקט פאַר די ...אָוקמאַכערס, וועל־ ...ען געוואָרען אין א ...ינג רום אין האָטעל ...אן אויסערגעוועהנ־ ...יי אנוועזענדע טהע־ ...ן דער קלאָוקמאַכער ..., ווייל צום ערשטען ...טע פון דער קלאָוקס ...יוולאַנד האָבען זיך ...מענגעקליבען ביי א ...א שעהנעם האָטעל ...ג — עטוואָס, וואָס ...ניט געוואוסט וואָס ...אַר די גאַנצע אכט ...סען סטרייק האָבען ...פון דער פערפאָלגונג ...צעהנדליגע פון זיי ...יטען מאַטעריעל אין ...איבערצייגונגען און ...נעהמען אין דער אָר־ ...יוניאָן. און דאַרום ...עט עטוואָס אונטער־ ...באַנקעטען מיט דעם ...ע (אבוואָהל גאַנץ ...פון די וויציגע בע־ ...טמאַסטער טשאַרלס ...געווען ערנסט, און ...דע, אויפ'ן באַנקעט, ...האָבען זיך באַנוצט ...יט און אויסגערעדט ...אַבען דערצעהלט פון ...טערעסאַנטע אינצי־ ...סעם נאָך מיט פינף ...ם איז געמאַכט גע־ ...נענער. פאַרזוך צוריק ...יאָן וועלכע איז גע־ ...ט דעם פּערלאַרענעם ...מאַנכע האָבען דער־ ...ן זיך אצינד אין די ...טע עטליכע טעג, — ...וי די האַרטנעקיג־

קייט פון די מאַנופעקטשורער איז גע־בראָכען געוואָרען.

אזוי שנעל ווי די אנוועזענדע האָבען „געטהאָן גערעכטיגקייט" צו די שפּייזען האָט טאָוסטמאַסטער קריינדלער גענומען מכבד זיין יעדען און יעדער פון די פער־זאַמעלטע מיט דער פּריוועלעגיע צו זאָגען א פּאָר ווערטער. און דאָ האָט מען געהערט אינטערעסאַנטע געשיכטעס פון דעם לע־בען פון די קלאָוקמאַכערס אין קליװלאַנד, וועלכע האָט ביז איצט געטראָגען דעם נאָמען די „בלעק ספּאָט" אין דער קלאָוק אינדוסטריע פון אמעריקא. אט דערצעהלט ברודער סאָלאָמאָן פון דעם ערשטען מי־טינג וואָס איז אבגעהאַלטען געוואָרען ביי איהם אין הויז מיט פינף יאָהר צוריק, ווען שלעזינגער מיט עטליכע איבערגעבליבע־נע יוניאָן קלאָוקמאַכער האָבען זיך בע־ראַטהען וועגען אויפלעבען צוריק די יונ־יאָן. אן אנדער מעמבער, ברודער פינקעל, האָט דערצעהלט ווי ער האָט אליין גע־זעהן ווי קלאָוקמאַכערס פלעגען אריבער־געהען אויף דעם אנדערן סיידוואָק ווען זיי פלעגען בעגעגענען פּערלשטיין'ען, אויס מורא טאָמער וועט ער זיי אפּשטע־לען און ריידען מיט זיי, וואָרים זיי זיי־נען אנגעצייכנט געוואָרען פון די באָסעס, אז זיי וועלען „געפייערט" ווערען פאַר ריידען מיט'ן „אויטסיידער", ווי די מאַ־נופעקטשורערס האָבען גערופען פּערל־שטיין'ען.

די אַרבייטערינען, וועלכע זיינען אנ־וועזענד געווען צום באַנקעט, ווי מיס עטהעל עין, מיס קאַטשערא, מיס עללא קאַלקא און די אנדערע האָבען אויך גע־האַט צו דערצעהלען וואָס זיי האָבען גע־האַט אויסצושטעהען פון די באָסעס מיט זייערע פאָרשטעהער. מיס עין, וועלכע האָט גענומען אן אקטיווען אנטייל אין דעם ערשטען סטרייק אין 1911 און פאַר וואָס זי איז עטליכע מאָל געווען ארעס־טירט, האָט ערקלעהרט, אז זי פיהלט זיך העכסט גליקליך צו זעהן ווי איהרע שוועסטער אַרבייטערינען ווערען בעשיצט פון דער יוניאָן נעגען די הארצלאָזע עקס־פּלואַטאַטאָרס און, אז זי וועט ניט רוהען ביז אלע אַרבייטערינען פון דער פּרינץ און בידערמאַן וועלען ניט זיין אין דער יוניאָן. אין א עהנליכען זינן האָט זיך אויסגעשפּראָכען מיס קאַלקא, וועלכע איז א גרויסע בריה אין אריינבריינגען א סך מיידלאך אין דער יוניאָן. „איך וויל, אז די מיידלאך זאָלען קריגען מעהר געלד פאַר זייער אַרבייט", האָט זי געזאָגט, און אויב זיי ווילען גרעסערע וויידזשעס מוזען זיי אריין אין דער יוניאָן".

מיס קאַטשערא, וועלכע אַרבייט שוין א לאַנגע צייט אין די גרויסע בלעק ענד קאָ. פעקטאָרי, האָט ערצעהלט, אז ביז איצט פלעגען די פאָרשטעהער פון דער קאָמפּאַני סטראַשען איהר אפּט מיט ענט־לאַסונג און געבען איהר אנצוהערעניש, אז זי וועט אין ליכען זיך מוזען לערנען אן אנדער טרייד, וואָרים זי וועט שוין אין קליװלאַנד ניט קריגען קיין אַרבייט ביי קלאָוקס, דערפאַר וואָס זי אגיטירט טרייד יוניאָניזם צווישען די אַרבייטערינען. „היינט הער איך שוין ניט אזעלכע סטראַ־שונקעס", האָט זי געזאָגט.

אנדערע רעדנער האָבען אויך דער־צעהלט פון די באַדייטענדע ענדערונגען אין דער שטעלונג פון די באָסעס צו די אַרבייטער, און האָבען הערצליך געדאַנקט די ברידער שלעזינגער און פּערלשטיין, וועלכע האָבען געהאָלפען צו פאַרבעסערען זייער לאַגע.

בר. פּערלשטיין איז שטאַרק אפּלאָ־דירט געוואָרען ווען ער איז פאָרגעשטעלט געוואָרען פון טאָסטמאַסטער. ער האָט אין זיין קורצע רעדע באַמערקט, אז ער פאַרדיענט ניט אזוי געלויבט צו ווערען ווי דאָס האָבען געטאָן די פאָריגע רעדנער. אן אנדער אָרגאַנייזער אויף זיין פּלאַץ, האָט ער געזאָגט, וואָלט געטאָן דאַסזעלבע.

„עס איז אמת", האָט ער געזאָגט, „אז איך בין פאַר יאָהרען לאַנג געגאַנגען פון הויז צו הויז קענוועסען פאַר דער יוניאָן, און ניט איינמאָל געקראָגען געזידעלט און וואָגאַר אראָפּגעוואָרפען פון די טרעפּ,

אבער אונטער דאַמאָלסדיגע אומשטענדען איז דאָס געווען דער איינציגער און ווירק־זאַמסטער מיטעל ווי אזוי צו קריגען מעמ־בערס פאַר דער יוניאָן".

א וואַרימע אָוואַציע האָט געקראָגען פּרעזידענט ב. שלעזינגער. ווענדענדי זיך צו ברודער ל. פּאַלמער, טשערמאַן פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד, וועלכער האָט איהם פּרעזענטירט מיט דער צוויי הונדערט דאָלאַרדיגער „לאָווינג קאַפּ", האָט ער ערקלערט, אז אבוואָהל ער שעצט זעהר די מיטגליעדער פאַר דעם טייערען פּרעזענט, פון דעסטוועגען זיי־נען די געפיהלען, וואָס די אנוועזענדע האָ־בען אויסגעשפּראָכען, איהם פיעל טייע־רער.

„דער פּרעזענט, די „קאַפּ", האָט ער געזאָגט, איז בלויז א מאַטעריעלער געגענ־שטאַנד, וואָס איך נעם דאָס און שטעל עס אוועק, און זעלטען ווען איך האָב א געלעגענהייט עס צו זעהן. אבער די אויס־געשפּראָכענע געפיהלען — דאָס טראָג איך אימער מיט אין מיין הארצען, וואָס דאָס גיט מיר מוט פאָרטזעצען די אַרבייט צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אַרביי־טער אין דער אינדוסטריע".

שלעזינגער האָט געענדיגט זיין רעדע מיט אן אפּיעל צו די אנוועזענדע, און די וואָס האָבען ניט געקענט קומען צום באַנ־קעט, זיי זאָלען זיך נעמען אויף דאָס ניי צו דער אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט און מאַ־כען די יוניאָן הונדערט פּראָצענט אָרגאַ־ניזירט און זיך גרייטען צו א צווייטען קאַמף פאַר נאָך בעסערע באַדינגונגען, וואָס זיי האָבען נאָר וואָס געוואונען.

אונטער די קלאַנגען פון מוזיק האָט דער עולם פאַרלאָזען דעם פּראַכטפאָלען באַנקעט האָלל מיט דעם באַשלוס צו מאַ־כען די קלאָוק מאַכער יוניאָן אין קליװ־לאַנד פעלזען שטאַרק, אזוי אז זי זאָל קיין מאָל ניט קענען געבראָכען ווערען, ווי בר. סאָלאָמאָן האָט זיך אויסגעדריקט.

דער קלאָוקמאַכער סטרייק אין שיקאַגאָ

איינדריקע פון דר. מאַקס געטנער

א קורצער סטרייק איז דאָס געווען, ער האָט געדויערט בלויז א פּאָר טעג, אבער איז געווען זעהר אינטערעסאַנט. פיעלע גרויסע מיטינגען האָב איך געזעהן, אבער די גרויסע פאַרזאַמלונג. ווען דער סטרייק איז געוואונען געוואָרען, איז גע־ווען אזא ספּעקטאַקעל, וואָס נאָר איינ־מאָל אין לעבען קומט איינעם אויס צו זעהן. מיט פרייד און גליק פילט עס אן יעדען איינעם וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער אַרבייטער באַוועגונג. א גאַנץ נייע עפּאָכע ווערט מיט אמאָל געשאַפען און עס פיהלט זיך ווי מקנא צו זיין יעדען איינעם וואָס איז א שרייפעלע אין דער גרויסער מאַשין — די קלאָוק מאַכער יוניאָן!

א פּאָר טעג האָט דער סטרייק גע־דויערט? ניין! פיעל אַרבייט איז אוועק־געלייגט געוואָרען פון אונזערע פיהרער איידער דער סטרייק איז אַרויסגערופען געוואָרען אום צו אָרגאַניזירען די פיעלע טויזענדער אַרבייטער און דאַרום האָבען מיר טאַקי דאָ געפיהלט, אז דער סטרייק איז א געוואונענער, איידער נאָך ער איז אַרויסגערופען געוואָרען.

* * *

נאָך דעם זיעג פון די ניו יאָרקער קלאָוק מאַכער איז עפּעס ווי א נייער גייסט, א נייע נשמה אריינגעבלאָזען געוואָרען אין אונזערע שיקאַגאָער אַרבייטער. די לופט איז פּלוצלינג ווי עלעקטריזירט געוואָרען און מען האָט דערפיהלט, אז עס קומט א שטורעם...

אין 1815 דיוויזיאָן סטריט, אויפ'ן 3טען פלאָר, געפינט זיך די צייטווייליגע היים פון דער שיקאַגאָער קלאָוק מייקערס יוניאָן; אן אלטע הויז מיט האַלב צובראָ־כענע שטיגען מיט טירען, וואָס ווילען זיך אפּטמאָל ניט ריכטיג צומאַכען. ווען ניט דער קליינקער סיין, אז דאָרט איז די העדקוואָרטערס פון דער יוניאָן, וואָלט קיינער זיך ניט איינשטעלען אַרויפ־געהן אהין.

קומט איהר אבער אַרויף אהין, ווערט איהר גלייך איבערראַשט. מענשען געהען אריין און אַרויס, עס קאָכט און זידט ווי אין א ביהנען־שטאָק. דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אייך אין די אויגען איז א קליין קאַמערל מיט א קליין פענסטערל אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס. אייך דוכט זיך, אז דאָרטען זיצט א גע־פאַנגענער, און פיעלע פריינדע און באַ־קאַנטע קומען איהם זעהען דורך דעם פענסטערל. קוקט איהר אבער אריין אהין, דערזעהט איהר, אז דער פאַרשפּאַרטער איז קיין אנדערער, ווי פריינד סקולמאַן, דער סעקרעטער און מענעדזשער פון דער יוניאָן און דאָס קאַמערל — איז זיין אָפיס.

עס קאָכט און עס רוישט זיך אין 1815 דיוויזיאָן סט. דער האָל אויפ'ן דריטען פלאָר איז אימער פאַרנומען מיט פאַרשידענע מיטינגען פון די לאָקאַלס 5, 18 און 81. אין דעם זעלבען האָל קומט זיך אויך צוזאַמען דער דזשאָינט באָארד פון אלע לאָקאַלס. א דעמאָקראַטישע פרייוויליגע רעגירונג איז דאָס דער דזשאָינט באָארד. קיין געצאָהלט קריגט ער ניט, אבער אַרבייטען אַרבייט ער שווער און פליסיג, אפּטמאָל גאַנצע טעג און ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. דיזער באָארד רעדט אַרום פאַרשידענע פראַגען פאַר דעם וואָהלזיין פון די אַר־בייטער, און די דעבאַטען קאָן מען הערען אין דרויסען, פאַרביינעהענדיג.

פריינד סקולמאַן איז ביז א געוויסען גראַד דער „קאָפּ" פון דער היגער יוניאָן. אימער לעגט ער פאָר נייע פּלענער, אי־מער אַרבייט ער אויס נייע סיסטעמען, ער גלייכט זיין אַרבייט און איז געטריי דער יוניאָן און אלע פאַרשטעהען און ווייסען ווי איהם צו שעצען.

ווען די פראַגע פון וואָך אַרבייט איז אַרויפגעקומען אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג, האָב איך איהם געזעהן, מיעד און שלע־פעריג האָט ער אויסגעזעהן, די אויגען רויטליך און שוואַרצע רינגען אַרום זיי.

— זענט איהר קראַנק ? — פרעג איך איהם.

— ניין! אבער עס שלאָפט זיך ניט... צופיעל קאָפּ־דרעהעניש וועגען די נייע פּראָבלעמען...

— ווילען דען די אַרבייטער ניט קיין וואָך־אַרבייט ?

— וואָס הייסט זיי ווילען ניט? זיי מוזען וועלען! — ענטפערט ער מיט א פעסטקייט, וועלכע איז צו באַוואונדערן. — מיר מוזען האָבען וואָך־אַרבייט, ווען ניט האָבען מיר גאָר קיין פונדאַמענט ניט און די גאַנצע אָרגאַניזאַציע וועט צו־גרונד געהן.

נאַטירליך, איך ווייס, אז דאָס רעדט זיך נאָר אזוי, אזא שטאַרקע אָרגאַניזאַ־ציע קאָן ניט געהן צו גרונד אזוי שנעל. ער ווייסט דאָס אויך, אבער יעצט וויל ער פון דעם ניט ווייסען. די אַרבייטער מוזען האָבען וואָך־אַרבייט, דאָס איז בעסער פאַר זיי, און דאַרום טויג דאָס אלטע אין גאַנצען ניט. דער פיהרער מוז האָבען פון וואָס צו באַגייסטערט ווערען, און סקול־מאַן איז געמאַכט געוואָרען פון דעם שטאָף וואָס באַשאַפט דעם ריכטיגער אַר־בייטער־פיהרער. דאָס אלטע, ווי גוט עס זאָל ניט זיין, איז טויט און דאָס נייע מוז פאַרנעהמען דעם פּלאַץ.

* * *

די אַרבייטער האָבען נעזיעגט און נאָך אמאָל זעה איך פריינד סקולמאַן. ער שמייכעלט.

— געזעהן דעם רעזולטאַט? — ווענ־דעט ער זיך צו מיר.

— געזעהען !

— דאָקטאָר! — רופט ער אויס. — פון דעם עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט וויי־סען מיר גאַנץ גוט אז מיר דאַרפען האָבען וואָך־אַרבייט; וואָס האָט איהר עפּעס צו זאָגען איבער דער פראַגע פון דעם מעדי־צינישען שטאַנדפּונקט ? איך בעט אייך צו געבען אייער מיינונג.

— מיין מיינונג? דער פאַקט, דאָס אזוי פיעל אַרבייטער אין ניו יאָרק האָ־בען געסטרייקט פאַר וואָך־אַרבייט; דער פאַקט, דאָס אזא גרויסע מאַיאָריטעט אין שיקאַגאָ האָבען געשטימט פאַר וואָך־אַר־בייט, צייגט אז דאָס איז דאָס בעסטע פאַר זיי, דאָס צייגט אויך, אז שטיק אַר־בייט איז מעהר ניט צופרידענשטעלענד.

דער קלאָוקמאַכער, אונטער דער סיס־טעמע פון „שטיק אַרבייט" און קורצע סעזאָנען, איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אין דערזעלבער לאַגע, ווי דאָס רייט־פערד: „ווילסטו, פערדעלע, געווינען שנעל, שלאָג אַרויס פון זיך די כוחות איבער דו וועסט נאָכהער פאַלען, וועלען מיר קריגען אן אנדער פערדעל. ווילסטו, קלאָוק מאַכער, א לעבען מאַכען, אויף ברויט פאַר זיך און דיינע קינדערלעך פאַרדיענען, לויף זשע שנעל, שלאָג פון זיך אַרויס דיין כח, כאַפּ אריין נאָך א שטי־קעל, אַרבייט שווער, לאַנגע שטונדען,

…ט אן אויג צומאכען. דאס אלץ קומט פון דעם
…ריות, וואס פיהלט זיך פון איהם און וואס האט
…פעסט און איהר געמאכט צו איבלען.
…ר סוחר האט זיך אומגעדרעהט צו דער וואנט
…ינגעשלאפען. ער האט א גאנצען טאג געאר־
…בען דארף ער ווידער זיין ביים האפען.
…האט זיך אין דער פריה גענומען אויף גיך אנ־
… ווייב אין איין העמד ארונטערגעשפרונגען פון
…עלט זיך פאר דער טיר, כדי ער זאל ניט אוועק־

…שטאנען און געקוקט אויף איהם מיט א אונבא־
… זי איז געווען בלייך, ווי לייוונט.
…ג, האט ער זיך פארזיכטיג דערנעהנטערט צו
… זי א גלעט געטאן אויפ'ן העמד, דערנאך אויף

…האט זיך מיטאמאל צושריען, אז זי וועט עס
…דערלאזען, אז ער זאל זיך ארומשלעפען מיט
…ע, גראבע נפשות.
…אזוי אומגליקליך, אזוי אומגליקליך. זי פיהלט,
…אל פון דעם צימער אוועקגעהן אהין, וואו עס
…וועט די ליעבע אין איהר הארצען פארשווינדען.
…איהר הארץ ניט ליעב האבען א מענשען, פון ווע־
…ט מיט פיש.
…ט פאר דער טיר, אום צו רעטען איהר ליעבע, —
…עשריען.
…יצט, אין דעם פריה־מארגען, מוז ער אויסקלייבען
…און פיש.
… ער ביים ראנד פון בעט געזעסען מיט די זאקען
… ער האט געקוקט אויפ'ן דיל און געזיפצט, גע־

…געקאכט פאר כעס, ער האט געוואלט א שפרונג
…ופען זי פון דער טיר, כדי צו געהן צו זיין האנ־
…ג, וואו מען האט געווארט אויף איהם.
…איז געשטאנען אויף דער וואך, אט ווענדענדי־
…טענדיגע בליקען און אט דראהענדיג מיט איהרע
…האט זיך ווידער איהר קאפ איינגעבויגען צארט

…ווי ער האט זי נאך קיינמאל ניט געזעהן אזוי
…איז געווען אין דער רגע, איז ער ווידער א ריין

…עלגען ברעכענדיג די פינגער אזוי שטארק, אז
…געהערט אין צימער. ער האט ניט געקענט
…יין אייניג ווארט, אויסער:
…, ארעמער, אונגליקליכער מענש."
…אט דערזעהן, אז ער טראכט ניט מעהר פון קע־
…ך, איז זי מיט גרויס פרייד צוגעלאפען צו איהם.
…יך אויף די קני געשטעלט פאר איהם, זי האט
… ארומגענומען מיט די הענד זיין האלז, אנגע־
…עם הערשער, וואס האט צו זאגען איבער איהר
… איצט קען זי איהם ליעבען, ווי עס געהער צו

…ט איהם אזוי ארייננענומען אין די הענד, אז ע־
…רען יעדע ענטשלאסענהייט און דאס איינציגע
… נאך געקענט טאן איז געווען איהר געהארכזאם

…אנצע צייט, וואס די שיפען מיט פיש זיינען גע־
…רט, איז ער געלעגען אין בעט, טיילווייז כדי די
… ניט וויסען די ריכטיגע אורזאכע, טיילווייז
…און פארדרוס, אז ער מוז אוועקווארפען א גע־
…אט געגעבען זיין זיידען און טאטען רייכטום.
…כט האט זיך איהם אלץ גע'חלומ'ט אז ער שטיקט
…האט געהאלטען אין איין וואקסען און גרעסער ווע־
… מיט איהר ניט געקענט פארטיג ווערען.
… ביי נאכט, ווען איהם האט זיך גע'חלומ'ט, אז
…געוויקעלט דעם עק פון דער קאץ ארום זיין האנד
…געטאן זי אויפ'ן דיל, האט ער זיך אויפגעכאפט
… ווי זיין פרוי באקלאגט זיך, אז ער האט זי ארונ־
…פון בעט.
…איז געווען, אז דער סוחר האט פארקויפט אי־
…י די ווארע און אויפגעגעבען אין גאנצען דעם

…וואס ווייטער צו זיין פון דעם ריח פון פיש און
…ל פון די, וואס האבען זייער חיונה געזוכט ביים
…זיי זיך אריבערגעקליבען אין א געמויערט הויז
…עפען און קופערנע שטאכעטען אויפ'ן שטאדטי־
…ווייל די געגענד איז זעהר געפעלען געווארען זיין

…איז עס איהר דערפאר, וואס דא האט זי זיך
…רען מיט מוזיק און אנזעהן זיך מיט פאראדען,
…אלצער קאפיטאן איז שטענדיג געווען אין דער
…יסער דעם, האט זי געקענט זעהן אלע באריהמ־
…טע איינוואוינער פון שטאדט שפאצירענדיג זונ־
…קירכע.
…געזאגט, אז זי איז קיינמאל ניט געווען אזוי צו־
… לעבען ווי איצט, ווען זי איז דא אריינגעפאלען,
…ופט איז ריין און פריש און וואו אלץ האט גע־
…ן אנגענעהם.

און קיין שום זאך האט זי ניט אזוי געפרעהט, ווי דאס מיליטער, ווען עס האט פארבייטמארשירט און די מוזיק האט געשפיעלט.

און דער שעהנער קאפיטאן מיט די פעך־שווארצע וואנ־צעס האט קאמאנדירט און געפאכט מיט'ן זעבעל. זי האט שטענדיג ארויסגעשטעקט דעם קאפ און געקוקט וואוהין ער געהט.

און איינמאל האט זי באוואוינען איהר מאן צו געהן מיט איהר אויפ'ן פאראד.

ווען דער קאפיטאן האט זיך אומגעדרעהט און סאלוטירט דעם זעבעל, האט זי אין שרעק געווענדט אויף איהם איהרע אוי־גען און צוגעדריקט זיך צו איהר מאן מיט א שוואכען אויס־געשריי:

„אך, ס'ארא שאד, וואס ער איז ניט קיין מיליטערישער!"

איצט ווייסט זי שוין, וואס זי וויל, ער דארף זיך פאר־שרייבען אין דער מיליץ, וועט זי איהם שטענדיג קענען זעהן אין א מונדיר.

ער דארף עס טאן, ער דארף עס אומבאדינגט טאן. זי גלויבט, אז דער העכסטער שטאנד, וואס א מענש קען דער־גרייכען אויף דער וועלט איז צו זיין אן אפיציר'ס א ווייב.

אבער איהר מאן איז געשטאנען, שטופענדיג דעם צו־נ אין לאך פון זיין באק־צאהן און בייטענדיג איין פוס אויפ'ן צווייטען, און געטראכט וועגען געטריקענטע פיש; וועגען דעם, ווי זיי שטעהען היי־יאהר, צו וועמען זיינען אנגעקומען זיינע קויפער און ווער עס האט דעם גרויסען פראפיט, וואס פריהער פלעגט אנקומען צו איהם.

און אין דער צייט, ווען די מוזיק האט געשפיעלט, האט ער זיך פארגעשטעלט, ווי די פיש ווערען איצט אויסגעלאדען פון די שיפען, ווי די הויב־מאשינען ארבייטען מיט א גלייכ־מעסיגען ריטם און ער איז דערביי ניטא.

דערפאר האט ער געענטפערט מיט „א" און „יא" אויף אלץ, וואס זי האט גערעדט אין באצוג זיין אריינטרעטען אין דער מיליץ און וועגען דעם, ווי זיי וועלען איינלאדען צו זיך מיליטערישע, וואס וואוינען דא זומער אין דער צייט פון די מאנעווערעס.

ווען נאר דער שעהנער קאפיטאן איז פארבייגעגאנגען זייערע פענסטער, האט ער אריינגעקוקט אין זיי און זי, רויט־לענדיג און שעמענדיג זיך, האט אראפגעלאזען איהרע בליקען און געשמייכעלט מיט די שעהנע ציין.

וואס אמאל האט ער, דרעהענדיג זיינע וואנצען, געקוקט אלץ מענערשער און געוואגטער, ווי ער וואלט זיך געקליבען מיט שטורעם איינצונעמען דאס הויז. דאמאלט איז זי אין שרעק אויפגעשפרונגען און אנטלאפען אין צימער פארשטעלענדיג זיך די אויגען מיט די הענט.

א, ווען איהר מאן זאל נאר זעהן, ווי דער קאפיטאן האלט דעם קאפ, די פלייצעס און די טאליע און קלינגענדיג מיט די שפארען מארשירט ער מיט געמאסטענע טרים!

און זי האט געזיפצט און געבראכען זיך די הענט אויף דעם, וואס, ווען איהר מאן געהט האלט ער ביידע פיס צוזא־מען און שטעלט ארויס דעם בויך שטאט די ברוסט.

ווי אזוי קען ער עס פארטראגען, — איז ער דאך שוין איצט אן אפיציר פון דער מיליץ? דאך געהט ער איינגע־בויגען און קלאפט מיט די שטיוועל ווי א לוין־ארבייטער, וואס שלעפט די פיש ביים האפען.

זי איז פשוט געווארען פארצווייפעלט פון דעם געדאנק, אז זיין טאליע האט אנגעהויבען אויסצוזעהן נאך ברייטער, ווען ער פלעגט ארומוויקלען ארום איהר דעם רויטען שארף.

קיינמאל איז איהר ניט נמאס געווארען צו דערמאנען איהם וועגען דעם און איהם צווינגען צו מאכען איבונגען.

און נאך דעם, ווי דער שלאנקער קאפיטאן איז איינגע־לאדען געווארען צו זיי, האט ער אנגעהויבען ביי זיי צו זיין אלע טאג און איז געווארען, אזוי צו זאגען, א הויז־פריינד. זיי האבען נארנישט געקארגט, אז איהם זאל זיין וואס אנגענעה־מער און באקוועמער ביי זיי און ער האט זיי שטענדיג געזוכט.

ווען דער סוחר האט זיך באוויזען, אלס אפיציר פון דער מיליץ, אין זיין גרינעם מונדיר מיט'ן שארף, האט זיין ווייב מיט'ן קאפיטאן זיך גענומען איבערקוקען און אונטערהוסטען אונטער זיינע פלייצעס. ווען דער בראווער קאפיטאן האט אונטערגעוואונקען און געשמייכעלט מיט די אויגען, האט זי זיך ניט געקענט איינהאלטען, אז אין איהרע ליפען זאל זיך ניט באווייזען קיין שמייכעל אדער גרימאסע.

און נאך איהרע באוועגונגען און נאך איהרע טרויעריגע אויגען האט דער קאפיטאן זיך אלץ מעהר אנגעשטויסען, אז זי ווערגט זיך פון שאנדע פאר איהר מאן און אז איהר האלז און הארץ קעמפפען ניט פונאנדערצוזאמערען זיך צוליעב דעם גרויסען אומגליק, וואס זי דארף זיין צוגעשמידט און געבונ־דען צו דעם אונבאוועגליכען און שלעכט געבויטען מאן.

אבער איהרע ליפען האבען ניט באדויערט, בלויז איהרע אויגען האבען געקוקט אויף איהם מיט א בעטענדיגען בליק, ווי עס וואלט געווען א פראגע וועגען לעבען.

דאס שווייגען, מיט וועלכען זי האט אריבערגעטראגען דעם אומגליק פון איהר חתונה, האט איהם זיך געהאט א ציטערדיגע; באהאלטענעם רייץ. דערצו איז זי געווען אזא אנגענעהמע און פרעהליכע, אז דער קאפיטאן האט זיך אלץ מעהר פאראינטע־רעסירט מיט איהר און געטראכט בלויז, ווי עפטער צו געפינען זיך נעבען איהר.

(פארטזעצונג פאלגט)

די קאסטאם דרעס מא־כער יוניאן לאקאל 90

ביי אונז אין לאקאל איז יעצט שטיל, אבער ניט נאר איז שטיל אין לאקאל, נאר אויך אין די שעפער איז שטיל. ניט חלילה דערפאר, ווייל עס איז סלעק, — פון קיין סלעק ווייס מען ביי אונז ניט — נאר דערפאר ווייל עס איז וואקיישאן־צייט. יולי און אויגוסט זיינען וואקיי־שאן־מאנאטען ביי אונזערע באלעבאטים און פאלגליך אויך ביי אונזערע ארבייטער. אמאל, אין די צייטען ווען א פריי־וואט דרעס־מייקער האט פארדיענט 8—10 דאלאר א וואך, איז דער וואקיישאן געווען בלויז פאר די באסעס, ווייל זיי האבען אלע מאל געמאכט גענוג אז זיי זאלען קענען זיך פארגינען א באקוועמען וואקיישאן. די ארבייטער אבער האבען זיך אזא פארגעניגען ניט געקענט פאר־שאפען, ווייל זיי האבען אין סיזאן ניט געמאכט גענוג, אז עס זאל זיי נאך בליי־בען אויף וואקיישאן. און טאקע דער־פאר פלעגען זיי אין צייט פון וואקיישאן זיך ארויסלאזען זוכען „א צייטווייליגען דזשאב" ביי ווייסטס, וויינגודס א. ז. וו.

היינט האבען אבער אונזערע ארבייטער א יוניאן און דורך דער יוניאן האבען זיי ארויפגעארבייט זייערע וויי־דזשעס פון 20 ביז 60 דאלאר א וואך און אלע ארבייטער פון דעם פאך, אחוץ אויסנאהם, זיינען איצט אוועק פאר אן אפרוה. און דערפאר איז יעצט ביי אונז שטיל.

אונזער אגרימענט מיט די בעלי־בתים געהט אויס דעם 15טען סעפטעמ־בער. אונזערע שעפער עפענען זיך אנ־פאנג סעפטעמבער. וועט איהר דאך געוויס דענקען, אז אונזערע מעמבערס וועלען ניט האבען קיין צייט אויסצואר־בייטען זייערע פאדערונגען. פארזיכער איך אייך, אז אונזערע מעמבערס פאר־לאזען זיך ניט אויף דער לעצטער מינוט. איידער דער סיזאן האט זיך געענדיגט האבען מיר גערופען מיטינגען און אויס־געארבייט אלע אונזערע פאדערונגען.

ערשטענס, א 44 שטונדיגע אר־בייטס־וואך. ביז יעצט האבען מיר גע־ארבייט 48 שטונדען.

צווייטענס, דאבעל־פעי פאר אווער־טיים ארבייט. ביז יעצט האבען מיר נאר געקראגען „טיים ענד א העף".

דריטענס, א מינימום ווידזש־סקייל, און נאך אייניגע „קלייניגקייטען".

ווען אלעס איז געווען ריכטיג אויס־געארבייט, זיינען זיך אונזערע מעמבערס מיט א רוהיגען קאפ אוועקגעפאהרען אין קאנטרי, וואו זיי וועלען זיך אנגעהמען מיט פרישע כחות און ענערגיע פאר ווייטערער טעטיגקייט. מיט א 44־שטונדי־גער ארבייטס־וואך זיינען אונזערע מעמ־בערס שוין כמעט ווי זיכער. ווייל אזוי שנעל ווי מען האט דערהערט, אז די אר־בייטער געהען פאדערען 44 שטונדען א וואך, האבען פיעלע באסעס זיי דאס אליין נאכגעגעבען נאך איידער דער סי־זאן האט זיך געשלאסען.

אונזערע מעמבערס האבען לעצטענס פארטיילט א סוירקולאר צווישען די ניט יוניאן שעפער. אין דעם סוירקולאר האבען מיר אויך גערעדט פון אונזער נייער פאדערונג, פון דער 44 שטונדיגער אר־בייטס־וואך. האבען זיך אייניגע נאן־יוניאן פירמעס דערשראקען, און אום אפ־צוהאלטען זייערע ארבייטער פון געהן אין דער יוניאן, האבען זיי גלייך אנגע־פאנגען ארבייטען אין זייערע שעפער 44 שטונדען א וואך. יענע ארבייטער דאר־פען אבער פארשטעהן, אז ניט צוליעב זייער גוטהערציגקייט האבען זיי די בא־סעס געגעבען 44 שטונדען א וואך אר־בייט. אפשר וועלען זיי דאס פאר־שטעהן און זיך ארומזעהן, אז זיי פעהלט נאך א סך זאכען, וואס די ארבייטער אין די יוניאן־שעפער האבען שוין — איבער־הויפט ווידזשעס. זיי קריגען מיט 30 פראצענט ווייניגער באצאהלט פון די ארבייטער אין די יוניאן־שעפער, און עס איז פאראן א האפנונג, אז זיי וועלען זיך אנשליסען אן דער יוניאן אזוי שנעל ווי דער נייער סיזאן וועט זיך אנפאנגען.

מיר, פון אונזער זייט, וועלען וויי־טער און ווייטער אפעלירען צו זיי זיך אנצושליסען אן אונזערע רייהען, און אויב יענע ארבייטער האבען נאר א ביי־סעל מארך אין די קעפ, וועלען זיי דאס געוויס טאן. ווארים צו וואס דארף מען ארבייטען אין סקעב־שעפער און פאר־דיענען ווייניגער, אז מען קען ארבייטען אין יוניאן־שעפער און פארדיענען מעהר און האבען בעסערע באדינגונגען אין אל־געמיין!

ס. זילבערמאן.

ווען ניט ווען דער „סעזאן" אריבער און דיר וועט אויסקומען צו געהן מיט דער טארבע"...

פיעלע מאל איז מיר אויסגעקומען צו זעהן די קלאוק מאכער נאך א „סעזאן": מיעד, צובראכען, בלאס, אלעס טוט וועה, די נערווען זיינען צושמעטערט. נאך דעם סעזאן פלעגט דער קלאוק מאכער ווערען אן אפטער וויזיטאר ביים דאקטאר...

פיעלע טראגעדיעס איז מיר אפטמאל אויסגעקומען בייצעוואוינען.

דאס איז געווען די לאגע פון די קלאוק מאכער אונטער שטיק ארבייט. א געזעל־שאפט, וועלכע זאל זיין געבויעט אויף גע־זונטע יסודות, וואלט קיינמאל אזא זאך ניט ערלויבט.

* * *

דאנערשטאג פריה. דער גרויסער קארמענס האל איז געפאקט מיט טויזענ־דע באגייסטערטע ארבייטער. אלע זעהען אויס יום־טוב'דיג, זיך אויסגערוהט א פאר טעג און זיי זעהען אויס ווי גאר אנדערע מענשען. אלע ווארטען אויף פרעזידענט שלעזינגער. „געוואונען, נאכגעגעבען, א שאדע, דאס נאך אזא קור־צער צייט". הערט זיך פון אלע זייטען. אויף דער פלאטפארמע לויפען ארום היין און צוריק די פיהרער — סקולמאן, נאלד, פאנעל, נודעלמאן, גלאזמאן און נאך, און נאך. אלע זיינען העכסט באגייסטערט. די פנים'ער שטראהלען מיט גליק און פרייד.

שלעזינגער קומט אריין... דער שטורם ברעכט אויס...

יעס, פיעלע פארזאמלונגען האב איך ביינעוואוינט, אבער ניט אזא ווי די.

העלפט די ארעסטירטע ארביי־טער־פיהרער פון קענעד!

True translation filed with the Postmaster at New York City on August 1, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ווערטע פריינד! אייך איז זיכער באַ־וואוסט דער שרעקליכער קאמף וואס איז אנגעפיהרט געווארען פון די ארבייטער אין וויניפעג, קענעדע, פאר גאנצע זעקס וואכען צייט, אום זיך צו פארבעסערען די לאגע. יעדער מיטעל איז געברויכט גע־ווארען נעגען די ארבייטער פונדי קאפי־טאליסטען און פאליטישענס.

די נעדרונגענע קנעכט פון קאפיטאליזם האבען נעפרובירט באווייזען, דאס דער סטרייק איז געווען א פארזוך אומצוואר־פען די איצטיגע ארדנונג. דאן האבען זיי פארגעשלאגען, עפעס א מין שקלאפען־אפמאך, פארווערענדיג קאלעקטיווע אק־ציאן, און האבען דאס געגעבען אונטערצו־שרייבען אלע מוניסיפאלע ארבייטער. די פאליסלייט און אנדערע וואס ארבייטען פאר'ן שטאאט, וועלכעהאבען ניט גע־וואלט דאס אונטערשרייבען זיינען אויס־געשלאסען געווארען. באוואפענטע, ספע־ציעלע פאליסלייט האבען פאראדירט די גאסען און האבען געשלאגען און ארעס־טירט די סטרייקער. ארבייטער זיינען אנגעגריפען געווארען, זיינען געווארען פארוואונדעט און אייניגע זיינען אין גאנ־צען דער'הרג'עט געווארען.

שליסליך האט די פעדעראלע רעגי־רונג ארויסגעגעבען א באפעהל צו ארעס־טירען די סטרייק־פיהרער אויפ'ן גרונד פון קאנספיראציע און אויפרייצונג. די ארבייטער־פיהרער זיינען באפאלען געווא־רען אין דער שטילקייט פון דער נאכט און זיינען אוועקגעפיהרט געווארען אין פריזאן. ניט אכטענדיג דעם פראטעסט פון די ארבייטער און די סאלדאטען, זיי־נען זיי געהאלטען געווארען אין געפאנ־גענשאפט, בלויז זעקס זיינען ארויסגעלא־זען געווארען אויף בייל. איצט זיינען שוין נאך אייניגע ארויסגעלאזען געווארען אונ־טער שווערע בייל.

מיר מוזען געגענשטעלען א ענערגישע פארטיידיגונג פאר די ארעסטירטע 44 פיהרער און א סך סטרייקער. וויניפעג איז אויסגעמאטערט פון'ם קאמף און קאן אליין ניט טראגען די לאסט. די דעפענס קאמיטע אפעלירט דאריבער צו אייך, די ארבייטער פון אמעריקא, זיי צו העלפען. דערלאזט ניט אז קאפיטאל זאל טריומפי־רען. מיר רופען אייך צו זיך אפצורופען מיט א ברייטער האנד, פאר די פארטיידי־גונג פון אייערע ברידער אין וויניפעג.

אלע געלדער זאלען געשיקט ווערען אין קענעדע אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

וויניפעג דעפענס קאמיטע,
לייבאר טעמפעל, רום 1,
וויניפעג, קאנ. קאנאדא.

מיט ברידערליכען גרוס,
ו ו. ר א ד י ס,
פארטרעטער אין אמעריקא.

לינדעלין

ערצעהלונג
פון יאנאס ליע
אידיש פון זישא לאנדוי

(פארטזעצונג)

אין די אווענדען, ווען די ארבייט האט זיך געענדיגט און דער לאגער איז פארשלאסען געווארען, איז ער ארונטערגעגאנ־גען אויפ'ן ברעג אין א קרעטשמע אריין צווישען אנדערע זעע־לייט.

דאמאלט האט לינדעלין ארויסגעשטעקט איהר קאפ פון דער קאיוטע און צערטליכע צוזאמענקונפטען געהאט מיט'ן סוחר'י־שען זוהן.

זי האט געטרויערט און באוויינט איהר מזל — צו זיין פארבונדען מיט א מאן, וואס האלט זי אונטער'ן שלאס, ווייט פון פרייד און פארגעניגען, — און זי האט געבעטען, געוויינט, ארומגענומען זיין האלז און פארשווארען איהם צו באפרייען זי.

אזוי איז פאריבער איין אווענד נאכ'ן צווייטען.

אין דעם לעצטען אווענד, ווען די שיף איז שוין געווען גרייט אפצופאהרען, האט דער שיפער זיך אויסגעפוצט אין זיי־נע בעסטע קליידער און דאס ארבייטס־רעקעל, וואו עס איז גע־לעגען דער שליסעל, האט ער אויפגעהאנגען אויף א נאגעל.

דער סוחר'ישער זוהן איז געקומען, פלאטערנדיג פאר ליע־בע און פול מיט פארצווייפלונג איבער דעם, וואס זיי וועלען זיך שוין מעהר ניט זעהן.

ווען ער איז נאך געווען ווייט פון שיף, האט זי שוין צו איהם געוואונקען און געוויזען איהם, וואו ער קען געפינען דעם שליסעל פון דער טיר.

זי איז געשטאנען אין דער קאיוטע און געווארט אויף איהם אין איהרע רייכסטע קליידער; דער גלאנץ פון איהרע אויגען האט פארדונקעלט די זאנדערבארע גרינע שטיינער פון איהרע אויערינגלעך.

דארט האט זי זיך צוגעדריקט צו איהם מיט איהר שלאנ־קען קערפער; ער האט זי ארומגענומען און אויף די הענד זי ארויסגעטראגען.

און, ניט פארלירענדיג קיין צייט, זיינען זיי אראפ אויפ'ן ברעג און גענומען זיך זוכען א זיכערען אזיל.

דער שיפער איז געשטאנען אויף דער גאס און נאכגע־קוקט זיי.

אזוי גיך, ווי ער האט דערזעהן, אז זיי האבען זיך פאר־דרעהט אין א ווינקעל, איז ער ארויפגעשפרונגען אויף זיין שיף און אין גרויס איילעניש אויפגעהויבען אונטער זיך דאס ברי־קעל.

מען האט אפגעבונדען די שטריק, אויפגעהויבען די זעג־לען, כאטש עס איז שוין געווען אווענט און גום פינסטער.

דערנאך האט ער זיך אראפגעלאזען אין דער קאיוטע.

ער האט אויפגעהויבען א גרויס געשריי, ער האט געשאל־טען און געשריען איבער דער גאנצער שיף, אז זיין ווייב איז אנטלאפען פון איהם, מיטנעמענדיג מיט זיך א שקאטולע מיט טייערע צירונג און אז צוגעכאפט האט איהר ניט קיין אנ־דערער, ווי דער סוחר'ישער זוהן.

א גאנצען טאג האט ער מיט די שרעקליכסטע קולות גע־שאלטען זיין ווייב, וואס האט איהם אזוי גענארט.

און ווען דער הונד פון דער שיף האט זיך צובולען, האט ער א ווארף געטאן אויף איהם די ווילדע קאץ און עס איז גע־ווארען א טומעל, א בילעריי, א געשלעג ביז די קאץ איז ניט אריינגעפאלען אין ים אריין.

ווען ער איז פארבליבען אליין אין דער קאיוטע, נאך דעם, ווי ער האט געהייסען אויסרייניגען, אויסקעהרען, ארויסוואר־פען אלץ, וואס האט באלאנגט צו לינדעלין, האט ער פון שראנק ארויסגענומען א פלאש גוטען, שטארקען ווין און גענומען לא־כען, ווי א פאריקטער.

וואס אנבאלאנגט דעם סוחר'ישען זוהן און דעם שיפער'ס ווייב, האבען זיי, נאכדעם ווי זיי האבען א צוויי־דריי שעה ארומשפאצירט אין לבנה־שיין און ביז זאט זיך אנגעקוקט אויף די אווענטס שטערען, באשלאסען, אז עס איז שוין צייט, אז זי זאל זיך צוריקקעהרען אויף דעם שיף, אום איהר מאן זאל גארנישט ניט באמערקען.

געהענדיג צוריק האבען זיי געפיהרט א גאנץ צערטליכען געשפרעך, אזוי ווי עס איז זיי פארנעשטאנען צוצושיידען זיך. זיי האבען זיך איינער דעם צווייטען פארשפראכען צו טרעפען זיך דעם קומענדען יאהר.

אבער ווען זיי זיינען צוגעקומען צום האפען, איז שוין די שיף ניט געווען. זיי האבען בלויז געזעהן דעם שפיץ פון זעגעל, וואס איז געווארען אלץ קלענער, ווערענדיג געטריבען פון ווינד.

זיי האבען גלייך פארשטאנען, אז דער שיפער האט זיך באנוצט מיט'ן גינסטיגען ווינד און אוועקגעשוואומען ניט וויסענ־דיג אז זיין ווייב איז אויפ'ן ברעג.

זי האט זיך געווארפען אויף זיין ברוסט און מיט ביטערע טרערען גענומען באוויינען דאס גרויסע אומגליק, וואס האט מיט איהר פאסירט בלויז א דאנק דעם, וואס זי האט איהם אזוי שטארק ליעב.

עס פארשטעהט זיך, אז ביי דעם סוחר'ישען זוהן האט זיך דאס פנים אביסעל אויסגעצויגען.

ער האט זיך ניט באצויגען אזוי ערנסט צו דעם אלעם און ער האט גארניט געטראכט אזוי גיך חתונה צו האבען.

נאר אזוי, ווי זי איז געבליבען א פארלאזענע ביים ברעג, און געווען איז זי אזוי שעהן, און געליעבט האט זי איהם אזוי שטארק, און ער אליין האט אויך געברענט פון ליעבע, האט ער זי אריינגעפיהרט אין הויז פון זיינע עלטערן, ערקלערענדיג זיי, אז די דאזיגע פרוי מוז ווערען זיין געזעצליך ווייב.

און אזוי ווי זיי האבען באלאנגט צו די בכבוד'יגסטע איינ־וואוינער פון שטאדט, האבען לינדעלין און דער יונגער סוחר חתונה געהאט ערשט דאמאלט, ווען זי האט זיך גע'גט פון איהר מאן און די פאמיליע האט צוגעשטימט צום שדוך.

דאס יונגע פאר פאלק, קען מען זאגען, זיינען געווען גליקליך. אין דער צייט איז אויך געשטארבען דער אלטער סוחר און דער זוהן האט באקומען א גרויסע ירושה.

און אזוי ווי דער יונגער סוחר האט שטארק ליעב געהאט זיין ווייב און ער האט ניט געוואוסט אליין, ווי איהר אם בעס־טען צופריעדענצושטעלען, האט ער זי באשאטען מיט דער טייערסטער צירונג און באפוצונגען, וואס ער האט נאר געקענט קרי־גען.

ווי צוויי טייבעלעך האבען זיי זיך געלעבט; זיי האבען געמאכט איין יום־טוב נאכ'ן צווייטען, אום אנדערע מענשען זא־לען קענען זעהן און אנטייל נעמען אין זייער שמחה.

אזוי איז אריבער א יאהר, א יאהר אין שמחות און אין רייכטום.

זומער־צייט האבען זיך צוריקגעקעהרט, ווי געוועהנליך, די שיפען מיט לאבערדאן און שטאקפיש.

מיט א ליארעם האבען די הויב־מאשינען ארויסגעווארפען די פיש אויפ'ן ברעג.

דעם סוחר איז אויסגעקומען אויף אלץ אכטונג געבען, זעהן, אז עס זאל זיין פארדינסט און מיט אלעמען האט ער געדארפט רעדען.

און אין מיטען פון דער ארבייט האט ער געשיקט דא איינעם, דא א צווייטען פון די שיפער און שטייער לייט אהיים צו זיין פרוי אויף כיבוד, ווי דער מנהג איז.

אבער ווען ער האט זיך מיט זיי שפעטער געזעגענט, האבען זיי אויסגעמידען צו ריידען, געשוויגען און, ווי עס האט אויסגע־זעהן, זיינען זיי איהם ניט זעהר דאנקבאר געווען פאר'ן כיבוד.

אין דער היים איז ער געוואר געווארען די אורזאכע.

זיין פרוי האט זיי אפגעשיקט אין דער קיך און געהייסען דער דיענסט זיי מכבד זיין; זי האט באשלאסען, אז אזא אויפנאמע איז גענוג גוט פאר זיי.

ער האט זי געטראפען אין אזא אויפרעגונג, אז זי האט קוים געקענט ריידען און די גאנצע צייט האט זי געהאלטען אין איין ווישען זיך די טרערען פון די אויגען.

ווען זי איז ענדליך אויף אזויפיעל געקומען צו זיך, אז זי איז געווען אימשטאנד איהם צו ענטפערן, האט זי זיך פארשטאפט דעם נאז, אום ניט צו הערען דעם אונערטרעגליך־שלעכטען ריח, פון וועלכען זי וואלט געוואלט זיין וואס ווייטער.

ריזיקירענדיג מיט זיך און מיט איהר גוטען נאמען, איז זי איבערגעגאנגען צו איהם ניט צוליעב דעם, אז זי זאל זיך צוזא־מענטרעפען פנים־על־פנים מיט שטינקענדיגע שיפער.

דאמאלט האט ער געזוכט איהר צו באווייזען, מיט די בעסטע ארגומענטען, וואס ער האט נאר געקענט געפינען, אז דאס איז נויטיג פאר'ן געשעפט.

אבער זי האט מיט גרויס היץ ערקלערט, אז דאס גאנצע הויז וועט אין איהרע אויגען מעהר ניט האבען דעם פנים, וואס פריהער, אויב די צימערען און די שעהנע דילען וועלען זיין אזוי שמוציג, ווי די קאיוטע פון עפעס א שיפער, וואס פאר־נעמט זיך מיט איבערפיהרען פיש און טראן.

אלץ איז מיט אמאל געווארען אזוי העסליך, אזוי העסליך, — האט זי געוויינט. מעהר האט מען פון איהר ניט געקענט ארויסקריגען.

און ווען ער האט דערזעהן, ווי טיעף זי איז געקרענקט, ווי זי ציטערט, ווי די טרערען פליסען אהן אן אויפהער פון איהרע אויגען, איז זיין הארץ ווייך געווארען און ער האט זיך באַ־טראכט, אז עס איז געזינטער איהר צו לאזען צורוה.

ער האט געפונען אן אויסוועג, ער האט באשלאסען איינ־צו לאדען די פארקויפער אין א קרעטשמע.

אויף דער צווייטער נאכט האט ער געזעהן א שרעקליכען חלום.

איהם האט זיך גע'חלום'ט, אז א זקנה, מיט חיה'שע לאַ־פעס, האט צוזאמענגעדריקט זיין ברוסט און איהם אזוי שטארק געטרייסעלט, אז ער איז שיער ניט דערשטיקט געווארען. מיט געל־גרינע אויגען האט זי אויפמערקזאם געקוקט איהם אין פנים אריין און געוואלט איהם צווינגען צו טאן א זאך, וואס ער וואלט פאר קיינמאל אין לעבען נישט געטאן.

ער האט זיך מיט א געשריי אויפגעכאפט, — אין בעט לעבען איהם איז געזעסען לינדעלין, אן אויפגערעגטע מיט גלאנ־צענדיגע אויגען.

עס איז זיך נישטא וואס צו וואונדערען, וואס ער האט געהאט אזא שרעקליכען חלום; זי האט אליין אויך א גאנצע נאכט־

די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לײבאר

איהר וועלט־אנשויאונג און איהרע פאליסים, ווי זיי האבען זיך אפגעשפיגעלט אויף איהר קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי.

פון ש. יאנאווסקי

...אס, זייט איך געדענק,
...נגען דער א. פ. אוו ל.
... נעקענט האלטען פיעל
...ן פעדערײשאן אוו לײ־
...אר יונגע יאהרען, דאס
...סטפארשטענדליך. יע־
... האב איבערהויפט ניט
...ן יוניאנס, און ווען איך
... יעדער פאליאטיוו איז
...ער צו דער סאציאלער
...כע, ווי איך האב גע־
...דאס קומען, האב איך
... נעקענט באטראכטען די
...ישאן אוו לײבאר מיט
...יכע קעמפפע פאר אן
...שען מיט אויגען, פול
... פארקעהרט, אין האר־
...ך האב איך איהר גע־
...זאל וואס ניכער איינ־

...ואס, אז איך האב מיך
...גנעקוקט צו איהר טע־
... דאס פון דער ווייטען,
...ין מיינונג עטוואס גע־
...האב מיך, למשל, דער־
...ן געווען גאמפערס, וואל־
...אלפען שטארק נעג.
...ראן צו מאכען זיין טור
...ינגטע שטאאטען. נעג.
...ר האט געענדיגט זיין
...רצעהלט וועגען דעם.
...ט דאן מעהר צוגעקוקט
...ט פון דער פעדערײשאן
... איך האב אויסגעפונען
... אבער פון דעסטוועג־
...האב זיך ערלויבט אמאל
...ט א גוט ווארט סיי פאר
...יי פאר דער פעדערײ־
...אראורטייל, אז די פע־
... שטיק רעאקציע, דער
...טיעף אין מיר, אז איך
...ר קענען פון איהם בא־
...ין שוין די מאכט פון
...ינמאל איז ער דא ביי
...ך אן זעהר שווער זיך
... איהם. און ווען איך
...יי שטעלע אלס רעדאק־
...טיגקייט", איז איינער
...טער־געדאנקען געווען:
...ן מעגליך דורך דער „גע־
...סלעכווייז, ביסלעכווייז
... דעם איינפלוס פון דער

...געפאהרען צו דער קאנ־
...לאנטיק סיטי, איז עס
... אום צו שרייבען און
... דער „גערעכטיגקייט".
...ט, אז איך קען זיך זעהר
...ן דעם פרט אויף פריינד
... ווען עס וואלט נאר נוי־
...מען זיינע בריעף נעקענט

ווערען אן אמת־זאכליכער רעפארט פון דעם, וואס איז פארגעקומען אויף דער קאנווענשאן.

נײן, איך בין געפאהרען, אום אליין זיך צו איבערצייגען, וואס איז עס טאקע אט די אמעריקען פעדערײשאן אוו לײבאר. איז זי אן אונגליק פאר אונזער פרייהייטליכער באוועגונג, און זי דארף באקעמפפט ווערען, אדער זי איז עס ניט, און, אפשר, נאך א גרויסע קראפט צום גוטען אין אונזער לעבען, און זי דארף מיט אלע כחות אונטערשטיצט ווערען.

דאס איז געווען דער צוועק פון מיין פאהרען. און כדי דעם צוועק צו דערגרייכען אזוי גוט ווי מעגליך, האב איך באשלאסען צו אורטיילען די פעדערײשאן בלויז פון דער קאנווענשאן, און אזוי ווייט ווי מעגליך אויסמיידען די הינטער־קוליסען־אינפארמאציע. איך האב זיך ענטזאגט פון זעהן זיך מיט גאמפערסען און מיט נאך פיעלע אנדערע, וועלכע, איך האב געוואוסט, האבען ווירקליך געווארט אויף דעם. איך האב עס ניט געטאן, ווייל איך האב ניט געוואלט, אז מיין אורטייל איבער דער פעדערײשאן זאל פארוואלקענט און געשטערט ווערען דורך פ ע ר ז ע נ ל י כ ע איינדריקע. אמאל מאכט אויף אייך די פערזאן, מיט וועמען איהר האט אן אונטעררעדונג, א גינסטיגען איינדרוק, און דאס שטערט אייך שוין צו קוקען מיט אן אמת־קריטישען אויג אויף איין טעטיגקייט. אמאל, פארקעהרט, מאכט דער מענש פערזענליך אויף אייך ניט קיין איבעריגס גוטען איינדרוק, און גאנץ אונבאוואוסט פאר אייך אליין, טראגט זיך אריבער אט דער איינדרוק שוין אויף זיין טעטיגקייט. איך האב דארום באשלאסען בעסער קיינעם פון די פיהרער פון דער פעדערײשאן ניט צו זעהן, ניט צו ריידען מיט זיי, און באאבאכטען זיי בלויז אויף דער קאנווענשאן. איך האב קיין איין זיצונג ניט פארפעהלט, האב אויפמערקזאם נאכגעפאלגט אלע פארהאנדלונגען, אלע דעבאטען מיט ווירקליך גרויסען אינטערעס, און איך האלט פאר נויטיג שוין גלייך אין אנפאנג, אין מיין פאדערדע, צו ערקלעהרען, אז די דאזיגע קאנווענשאן האט אויסגעריסען מיט'ן סאמע ווארצעל דעם פאראורטייל, וואס איך האב געהאט וועגען דער פעדערײשאן פאר יאהרען און יאהרען. איך בין געקומען צום שלוס, אז די אמעריקען פעדערײשאן אוו לײבאר איז א גרויסע קראפט, א וואקסענדע קראפט, און א קראפט צום גוטען אין אונזער לעבען, אין אונזער שטרעבען פאר א בעסערע, פאר א שעהנערע וועלט.

איך האף עס צו קענען באווייזען קלאר און דייטליך פאר די, וועמעס מוחות זיינען נאך אפען פאר נייע איבערצייגונגען. איך וועל אבער נאר ניט האבען נעגען יענע, פאר וועמען מיינע ווערטער וועלען נים האבען די נויטיגע איבערצייגונגס־קראפט. ווייס איך דאך, ווי שווער מיר אליין איז אנגעקומען, ביז איך האב מיך באפרייט פון מיין פאראורטייל איבער דער פעדערײשאן.

נאטירליך, זאל עס ניט פארשטאנען ווערען, אז איך האב גארניט, גארניט געפונען וואס צו קריטיקירען אויף דער קאנווענשאן. די לעזער פון די פאלגענדע ארטיקלען וועלען זיך איבערצייגען, אז איך בין, ב"ה, ניט אין גאנצען בלינד, און וואס עס פארדיענט געטאדעלט צו ווערען, וועט געטאדעלט ווערען. אבער דאס האט גארניט צו טאן מיט מיין אלגעמיינעם איצטיגען בליק אויף דער פעדערײשאן.

איך וויל נאך עפעס צוגעבען, איידער איך בין פארטיג מיט מיין הקדמה. די אמעריקען פעדערײשאן אוו לײבאר קען מיט רעכט קריטיקירט ווערען פון די יעניגע, וועלכע גלויבען, אז דער ארבייטער־קלאס, אלס אזעלכער, קען שוין איצט איבערנעהמען אונטער זיין קאנטראל די גאנצע אינדוסטריע און די גאנצע פאליטישע פיהרונג פון לאנד. די אמעריקען פעדערײשאן אוו לײבאר קען מיט רעכט קריטיקירט ווערען פון די יעניגע, וועלכע גלויבען, אז דער ארבייטער־קלאס אין אמעריקא אין אלגעמיין איז פיקס און פערטיג פאר א דזשענעראל־סטרייק, וועלכער דארף עס אומוואנדלען די גאנצע איצטיגע ארדנונג אין א גאנץ נייער. אויך די מענשען, וועלכע גלויבען, אז די ארבייטער מוזען ניט אנדערש ווי אנפיהרען זייערע אייגענע פאליטישע קעמפפיינס, מיט זייער אייגענער זעלבסטשטענדיגער פארטיי, און דאס נאר דורך אזא קאמפף קען קומען די גאולה, מוזען קומען צום שלוס, אז די אמעריקען פעדערײשאן אוו לײבאר איז די פארקערפערונג פון אל־דאס בייז. יענע מענשען מוזען זעהן אלעס שווארץ און שווארץ אין דער פעדערײשאן. און געגען די מענשען מיט זייערע טיעפע גלויבענס האב איך גארניט בדעה צו פארטיידיגען די פעדערײשאן. מיט אזא גלויבען, קענען זיי ניט זעהן אפילו דאס גוטע, דאס שעהנע. גאר אפט, אונבאוואוסט פאר זיך זעלבסט, פארדרעהען זיי די פאקטען, אזוי דאס די פעדערײשאן קריגט ווירקליך אין זייערע שילדערונגען דעם אויסזעהן פון עטוואס משונה'דיג־געפעהרליכעס, פון עטוואס, וואס האלט אין איין שטיקען און ווערגען יעדע שעהנע און אידעלע שטרעבונג אין דעם איינצעלנעם, ווי אין דער גאנצער געזעלשאפט.

אין דער אמת'ען אבער איז עס זעהר און זעהר ווייט פון דער ווירקליכקייט. דאס ערשטע, וואס אן אונפארטייאישער מענש מוז צוגעבען, זעיז, אז די פעדערײשאן האט איהר אייגענע פעסטע וועלט־אנשויאונג, איהרע אייגענע פרינציפען, וועלכע, כאטש זיי זיינען ניט אין איינקלאנג מיט דער וועלט־אנשויאונג פון סאציאליסטען, אנארכיסטען אדער אירגענד אנדערע איסטען, אבער זיינען אין דערזעלבער צייט זעהר ווייט פון צו זיין א בורזשואזע וועלט־אנשויאונג, בורזשואזע פרינציפען. די פעדערײשאן האט זיך איהר אייגענעם קאמפף מיט דער בורזשואזיע אויך, כאטש איהרע פאליסים זיינען בשום אופן ניט אין איינקלאנג מיט די פון די ראדיקאלע פארטייען, אבער פונקט אזוי זיינען זיי זעהר ווייט פון די בורזשואזע פאליסים.

עס איז גענוג צו בלעטערען אין דעם רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל צו דער קאנווענשאן, אום צו געפינען דארט אויף שריט און טריט די פולסטע באשטעטיגונג פאר די דאזיגע מיינונג מיינע. איך האלט פאר נויטיג דא אויפמערקזאם צו מאכען, אז דער רעפארט איז ניט פארפאסט געווארען, אום צו געפינען חן אין די אויגען פון די אדער יענע ראדיקאלען. ער איז באשטימט פאר די דעלעגאטען און די גאנצע מעמבערשיפ פון דער פעדערײשאן, און דאך אויף שריט און טריט וועט איהר דארט געפינען געדאנקען און פאדערונגען, אונטער וועלכע יעדער ראדיקאל־געזאנגעבער מענש וועט זיך מיט פארגעניגען אונטערשרייבען.

אט וואס דער רעפארט זאגט, למשל, וועגען מיליטאריזם:

„די טרייד־יוניאן־באוועגונג איז באדינגונגסלאז און אויסדריקליך געגען מיליטאריזם. אדער א גרויסער שטעהענדער ארמיי מיליטאריזם איז א סיסטעם, וואס איז אויפגעהאדעוועט און ענטוויקעלט געווארען פון טיראנען אין דער האפנונג אויפצוהאלטען זייער הפקר־אויטאריטעט. עס ווערט אויסגענוצט פון די יעניגע, וועמעס פערזענליכע אמביציעס און כבוד־זוכעריי פיהרט זיי צו פארגוואלטיגען און אונטערדריקען אנדערע פעלקער און נאציאנען, צו פארניכטען זייער פרייהייט, צו רויבען פון זיי זייער רייכטום און אנצוהענגען אויף זיי דעם יאך פון שקלאפעריי. די טרייד־יוניאן־באוועגונג איז איבערצייגט דורך די ערפאהרונג פון דער מענשהייט, דאס דער מיליטאריזם ברוטאליזירט די יעניגע, וועלכע געפינען זיך אונטער זיין איינפלוס. די שעהנערע עלעמענטען פון מענשליכקייט ווערען דערשטיקט. אונטער מיליטאריזם ווערט אויפגעשטעלט א פאלשער באגריף פון פאטריאטיזם, און מענשען הויבען אן צו גלויבען, אז עס איז נאבעל און העלדיש צו שטארבען פאר די גלאריע פון א דינאסטיע אדער פאר די אויפהאלטונג פון אינסטיטוציאנען, וועלכע זיינען פיינדליך צו דעם מענשליכען פראגרעס און צו דעמאקראטיע. מיליטאריזם — דאס איז די אנווענדונג פון הפקר'דיגע און אומפאראנטווארטליכע כוחות, וועלכע זיינען געגען שכל הישר און געגען גערעכטיגקייט. דאס ווערהען־זיך געגען אומגערעכטיגקייט און טיראניי איז יענע מעכטיגע אייגענשאפט, וועלכע האט געגעבען צוועק און אויסדרוק צו אלע אידעלע שטרעבונגען אין אלע לענדער און צו אלע צייטען. די פרייע אינסטיטוציעס פון אונזער לאנד און די פרייהייטען, וואס זיינען געוואונען געווארען פון איהרע גרינדער, וואלטען געווען אונמעגליך, ווען זיי וואלטען ניט געווען בארייט צו נעמען וואפען אין די הענט, און, ווען נויטיג, אויך שטארבען פאר זייערע פרייהייטען. נאר א פאלק, וואס איז בארייט אויפצוהאלטען זיינע רעכטע און צו פארטיידיגען זיינע פרייהייטען, נאר אזא פאלק איז גאראנטירט מיט זיינע פרייע אינסטיטוציאנען."

ווי געפעלען אייך אזעלכע דבורים פון אונזערע טרייד־יוניאניסטישע „רעאקציאנערען"? און מיט אזא גייסט, איך וויל עס גראדע ארויסזאגען, מיט אזא רעבעלישען גייסט, איז דורכגעדרונגען דער גאנצער רעפארט.

לאמיר דא געבען נאך א שטעלע פון דעם רעפארט איבער דער פראגע פון ערציהונג, ווייל אויף קיין געביט אין מענשליכען לעבען קען מען ניט אזוי לייכט דערקענען דעם אמת'ען פרייגייסט, ווי אויף דעם אמת'ען רעאקציאנער, ווי אויף דעם געביט פון ערציהונג. און אט וואס די קאמיטע זאגט נאך דעם, ווי זי האט אויסגעפארשט פארשיעדענע ערציהונגס־סיסטעמען אין אמעריקא.

„איינע פון די אורזאכען, וואס האט געמאכט אן איינדרוק אויף דער קאמיטע אין די קלאסען פון דער לוידיס גארמענט וואורקערס יוניאן אין ניו יארק, איז געווען דער געפיהל פון די סטודענטען, דאס די קלאסען געהערען צו זיי, דאס זיי זיינען דארט געווען אין דער היים, און דאס זיי האבען געפיהלט א קאלעקטיווען שטאלץ אין זיי. דאס איז א גרויסער שבח פאר דיעזע קלאסען. אבער דאס איז אויך אן אנווייז אויף אן ערנסטען חסרון אין אונזערע פאבליק סקולס, און אין דער שטעלונג פון דעם עולם צו די פאבליק סקולס. ווייל אט דער געפיהל פון אייגענטום דארף זיין ביי די סטודענטען אין אלע פאבליק סקולס. וואו נאר אירגענד א בירגער געהט ארביי אדער געהט אריין אין א פאבליק סקול, דארף ער פיהלען: אט דאס איז אן אינסטיטוציע, וועלכע געהערט און איז באשאפען צו דינען מיינע ברידער־בירגער און מיר. ווען אט דער באגריף ווערט אלגעמיין, דאן ווערט די סקול ווירקליך א „שמעלץ טאפ". און דאס, וואס דער געפיהל איז ניט מעהר אלגעמיין, דאס איז טיילווייז די שולד פון'ם עולם און טיילווייז פון די באארדס אוו עדיוקיישאן, וואס דאס איז ווידער די שולד פון עולם.

„אייער קאמיטע גלויבט, דאס די ערציהונגס־מיטלען, וועלכע ווערען געשילדערט אין דעם רעפארט, זאלען צוגעשטעלט ווערען פון די באארדס אוו עדיוקיישאן, ווען נאר א גענינגענדע צאהל בירגער פארלאנגט עס, קען

...לענגער אזוי פלאנלאז
...כע שווערע באדינגונגען,
...אויב זיי קענען עס ניט
...ליך, וועלען זיי זיכער
...ן אפענעם קאמפף, און
... אזוי לאנג, ביז זיי וועלען

...טונדען וועלען דאס ענט־
... אין דעם נומער „גערעכ־
... מיר קענען וויסען לאזען
...ון דער אינטערנעשאנאל
...ון די אנגעהענדע פאר־
...טען דער יוניאן און די
...ם.
... דאך קומען צו א קאמפף,
...טען דוקא א שווערען, א
.... ווארים דער שכל איז
... באלד די באסעס זאלען
...ן א פריעדליכער פאר־
... מסתמא דערפאר, ווייל
...אין א לענגערען קאמפף
... אויסמאטערען די ארביי־
...ס האט זיך זיי איינגע־
...ן סטרייק. דאס איז דער
...אמענט", אומשטיינס גע־
...לכען די באסעס בויען.
...ייטער פארשטעהען עס
...ווי די באסעס. און מיט
... אין קאמפף, מאכען זיי
...ידען זיך ניט אין קיין
...עם, אז זיי וויסען וואס

און אט גראדע דער קלארער באוואוסטזיין פון די ארבייטער וועט עס זיין דער שטיין, אן וועלכען די מאנופעקטשורערס וועלען געשטרויכעלט ווערען און פאלען. עס פאסירט אמאל, אז ארבייטער אין זייער אימפעט נעהען ארוים אין א סטרייק, ניט זייענדיג קלאר ביי זיך, ווי לאנג דער סטרייק קען אנהאלטען. שפעטער עטוואס, אז דער אימפעט פארגעהט, קומט ענטוישונג, אונגעדולד, דערמיט אן אפגעלאזענקייט, און דער קאמפף מוז אויפגעגעבען ווערען.

אין דעם שיקאגא־פאל, אויב עס וועט קומען צו א פייט, איז עס איינפאך אונמעגליך. דא ווייסען די ארבייטער פון אנפאנג אן, אז דער קאמפף קען זיין א לאנגער, א שווערער, אז דאס איז די איינציגע טרומף־קארט פון די מאנופעקטשורערס, און דערפאר מוזען די ארבייטער שוין פון אנפאנג זיין גרייט אויף דעם.

דער לעצטער סטרייק אין שיקאגא האט אנגעהאלטען 10 לאנגע וואכען. און דאן האט דער ווירקליך העלדישער סטרייק געמוזט אויפגעגעבען ווערען. דאס מאל, ווען דער סטרייק זאל אנהאלטען צוויי מאל און דריי מאל אזוי פיעל, ער וועט אבער ניט אויפגעגעבען ווערען. די אינטערנעשאנאל וועט ספענדען איהר לעצטען סענט, איהר לעצטען טראפען פון ענערגיע אין דעם קאמפף. ער וועט, ער מוז זיך ענדיגען מיט א גרויסען, גלענצענדען זיעג.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1 per year.

VOL. I. No. 29 — FRIDAY, AUGUST 1, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט אויפגעטאן פאר ברידזשפארט, קאנג.

א פאר'חלש'טע שטאדט איז ביז איצט געווען ברידזשפארט, קאנג.; א גרויסער אינדוסטריעלער צענטער, און טאקע נאר א שפאן פון ניו יארק, און דאך וואס אנבעטרעפט די ארבייטער־באוועגונג האט מען פון ברידזשפארט כמעט ווי גארנים געהערט.

מאנכע וואלטען געקענט מיינען, אור־טיילענדיג פון דער מוסטערהאפטער רו־הינקייט פון די ארבייטער, אז ברידזש־פארט איז געווען אן אמת'ער ארבייטער־גן־עדן; אז זיי פארדיענען דארט גענוג, אום צו לעבען אין הרחבה; אז זיי אר־בייטען דארט גאנץ קורצע שטונדען; אז זיי האבען זייער דעה אין שאפ, און אז דארום פיהלען זיי א גרויסע פאראנט־ווארטליכקייט פאר דאס אלגעמיינע וואוילזיין פון ברידזשפארט. אבער דאס אלעס איז לײדער ניט געווען דער פאל. ווער ווייס, צוליעב וועלכער אורזאכע, אבער דער פראגרעס, דאס אלגעמיינע שטרעבען פון די ארבייטער אין אמערי־קא און אין דער גאנצער וועלט איז אזוי ווי פארבייגעגאנגען די ברידזשפארטער ארבייטער, און גאר פארגעסען אן זיי.

ביז עס איז געקומען אהין די אינ־טערנעשאנאל מיט איהרע צוויי לאקאלס פון קארסעט־מאכער.

עס איז געווים ניט אנגעקומען לייכט דער „אינטערנעשאנאל" צו ארגאניזירען די צוויי לאקאלס. עס האט זיך געפא־דערט פיעל אויסדויער־קראפט, אן אייזער־נער ווילען און שווערע טויזענדע דאלאר צו ארגאניזירען ארבייטער אין א שטאדט, וואו טרייד־יוניאניזם איז כמעט א נייע רעוואלוציאנערע ערשיינונג, וואו א סטרייק ווערט שיער ניט באטראכט אלס רעוואלוציע (דאס האט מען געקענט זעהן דערפון, וואס פאר א סענסאציע עס איז געווען פאר די ברידזשפארטער גאנצע פרעסע דער סטרייק אין איין שאפ פון דער ווארנער קארסעט קאמפאניע.) אבער אונזער אינטערנעשאנאל איז שוין אזוי געבוים, אז וואס שווערער א זאך, דאס מעהר חשק האט זי איהר אויסצופיהרען. אונזער אינטערנעשאנאל ווייס, אז גראדע דאס, וואס עס איז שווער אויפצוטאן, דאס איז ווערט צו טאן.

און די פרוכט איז ענדליך געקומען, און האט רייכליך באלוינט פאר דער גאנ־צער שווערער מיה. ניט נאר איז דער סטרייק אין דער ווארנער קארסעט קאמ־פאניע געוואונען געווארען, נאר אויך אין דריי אנדערע קארסעט־פעקטארים, אין וועלכע מען האט געארבייט אויף דעם אלטען, אלטען שטייגער, אזוי אז א בא־בע מיט די טעכטער און אייניקלעך הא־בען אלע געמוזט ארבייטען, אום צו מא־כען פאר זיך א קלעגליכען לעבען. איצט קען דארט יעדער ארבייטער און יעדע אר־בייטערין פארדיענען אויף א לעבען, וואס איז ווערטה דעם נאמען.

אין די קארסעט־פעקטארים, איבער־הויפט אין דער ווארנער קארסעט פעק־טאריע, זיינען באשעפטיגט פיעלע אנדע־רע ארבייטער, וועלכע, כאטש זיי זיינען ניט דירעקט קארסעט־מאכער, האבען אבער געטאן פארשיעדענע אנדערע אר־בייטען, וואס זיינען נויטיג אום צו מא־כען א גאנצען קארסעט. און, נאטירליך, אז די קארסעט־מאכערינס זיינען געקומען צו זייער באוואוסטזיין, האט עס ניט פאר־פעהלט צו האבען א ווירקונג אויף אלע איבעריגע ארבייטער. און די ווארנער־פעקטארי, א צענטער־פונקט פון פארשיע־דענע אינדוסטריען, איז מיט איינמאל אין גאנצען געענדערט געווארען. זי איז יוני־יאניזירט געווארען. אין זייערע פאר־האנדלונגען מיט די באסעס וועלען די אר־בייטער פארטראטען זיין פון זייערע אויס־ערוועהלטע קאמיטעס, אונטער דעם קאנ־טראל פון דער יוניאן. דאס אליין ניט דעם שאפ א גאנץ אנדער אויסזעהן, א גאנץ אנדער כאראקטער.

דאס זעלבע איז דער פאל מיט די אנ־דערע שעפער. דער סטרייק, אנגעפיהרט פון ברודער זיידמאן, איינעם פון די וויצע־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, איז ווירקליך א דורכשלאגענדער ערפאלג.

דער דאזיגער ערפאלג האט ווי אן עלעקטרישער קלאפ ארויסגעריסען פון זייער דרעמעל פיעלע אנדערע ארבייטער אין ברידזשפארט. עס זיינען ארויס אין סטרייק טויזענדע מאשיניסטען מיט דער איצטיגער מאדערנער פאדערונג פון א 44־שטונדיגער ארבייטס־וואך, העכערע ווי־דזשעס, א קלאוזד יוניאן שאפ און מיט א שטיקעלע קאנטראל אין דער ארבייט, אזוי ווייט ווי זי איז נוגע די ארבייטער־אינ־טערעסען.

קורץ, ברידזשפארט איז איצט אין רייהע און גליעד מיט פיעלע אנדערע אינ־דוסטריעלע צענטערס אין אמעריקא. די צייט פון איהר רוהינקייט איז פארביי פאר איהר.

און ביי ברידזשפארט וועט עס ניט בלייבען. אין קאנעקטיקוט זיינען דא נאך פיעלע אנדערע שטעדט, צימליך גרויסע, אבער וועלכע דארפען ערשט ארויפגע־שטעלט ווערען אויף דער מאפע פון דער ארבייטער־באוועגונג. אזוי איז דער פאל מיט ניו הייווען, מיט הארטפארד, ניו ברי־טיין און פיעלע אנדערע שטעדט. זיי אלע וועלען געווים באלד לאזען הערען פון זיך. און דאס וועט אלץ זיין צו פארדאנ־קען דעם גרויסען אונטערנעהמונגס־גייסט פון אונזער אינטערנעשאנאל, און פון אלע לאקאלע טוער און פיהרער אין ברידזש־פארט, וואס האבען געטריי, עהרליך און ענערגיש געשטאנען מיט איהר און גע־האלפען דער גוטער זאך.

דער סטרייק פון די רייןקאוט־מאכער אין ניו יארק

די רייןקאוט־מאכער אין ניו יארק, וועלכע זיינען ארגאניזירט אין לאקאל 20 פון דער אינט. ל. ג. וו. י. זיינען געווים ניט אויסער אָרדנונג מיט זייער סטרייק, וועלכען זיי האבען אנגעפאנגען לעצטען דאנערשטאג. עס וואלט געווען גראדע אויסער אָרדנונג, ווען די רייןקאוט־מאכער וואלטען געבליבען הינטערשטעליג נעגען אלע אנדערע צווייגען פון דער אינטער־נעשאנאל, און וואלטען זיך צופריעדען גע־שטעלט מיט די אלטע ווידזשעס, מיט דעם פריהערינגען שטייגער פון שטיק־ארבייט און מיט די פריהערינע לאנגע ארבייטס־שטונדען.

עס וואלט געווען משונה'דיג דערפאר, ווייל זיינען דען די רייןקאוט־מאכער גע־בוים פון אנאנדער שטאף, ווי די קלאוק־מאכער? זיינען זייערע כחות פון איי־זען? און מוזען דען ניט די רייןקאוט־מאכער באצאהלען פאר אלעס, פאר ברוים, פלייש, פוטער, קעז, קליידער, שיך, וואוי־נונג א. ז. וו. א. ז. וו. דעמזעלבען פרייז, וועלכען עס מוזען צאהלען אנדערע אר־בייטער? טו ווארום זאלען זיי ניט קרי־גען דעמזעלבען פרייז פאר זייער ארבייט? ווארום זאלען זיי מוזען ארבייטען אומ־מענשליך־לאנגע שטונדען, אום ווי עס איז דעם לעבען אויסצושטוקעווען? זיינען דען די רייןקאוט־מאכער שטיפקינדער ביי דער אינטערנעשאנאל?

ניין, פאר דער אינטערנעשאנאל זיי־נען נימא קיין שטיפקינדער. פאר איהר זיינען אלע ארבייטער, וואס זיינען אונ־טער איהרע פליגלען, גלייך טייער, און פאר אלעמען האט זי די גלייכע זארג און גלייכע באשיצונג.

און איצט, אז די רייןקאוט־מאכער זיינען ארויס אין סטרייק, קענט איהר וועטען צעהן צו איינס, אז זיי וועלען זייערע פאדערונגען געווינען. די רייג־קאוט־אינדוסטריע דארף קענען פארזארגען מיט א פולען לעבען אלע די, וואס זיינען באשעפטיגט אין איהר, פונקט ווי דאס קען טאן די קלאוק־אינדוסטריע, די ליידיעס וויסט אינדוסטריע און אלע אנדערע אינ־דוסטריען. אויב די מאנופעקטשורערס פון רייןקאוטס פארשטעהען ניט, ווי דאס אויסצופיהרען, וועלען זיי מוזען מוחל זיין און אפטרעטען זייער פלאץ פאר מעהר פעהיגע. דער נייער מאדערנער כלל איז, אז אן אינדוסטריע, וואס קען ניט אויפ־האלטען איהרע ארבייטער אין א לעבען פון וואוילשטאנד און כבוד, האט ניט קיין עקזיסטענץ־בארעכטיגונג. און די רייג־קאוט־אינדוסטריע קען ניט זיין און וועט ניט זיין קיין אויסנאהם.

וואך־ארבייט איז שוין איצט געווארען א וואכעדיגע זאך. מען דארף שוין ניט חקירה'ן זיך, אום צו געבען צו פארשטעהן די ארבייטער, אז עס איז פשוט ניט שעהן פאר אן ארבייטער, וואס אכטעט זיך זעלבסט, צו זיין א שטיק־ארבייטער.

פאר א 44־שטונדיגער ארבייטס־וואך דארף מען שוין אויך ניט אוועקלעגען א וועלט מיט ארגומענטען, ווען אין פיעלע אינדוסטריען ארבייט מען שוין ניט מעהר ווי 40 און 36 שטונדען א וואך, און עס זיינען דא שוין אינדוסטריען, אין וועלכע מען טראכט שוין פון ניט מעהר ווי א 30־שטונדיגע ארבייטס־וואך.

א מינימום־סקייל פון 44 דאלאר א וואך ווידזשעס רופט שוין אויך ניט מעהר ארויס קיינעמס בייז־וואונדער. די מייס־טע ארבייטער אין דער קלאוק־אינדוסטריע קריגען פיעל מעהר, ווי דעם סקייל. א חוץ דעם איז טאקע 44 דאלאר א וואך אן און פאר זיך ניט קיין גרויסער ווידזש, ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט דעם איצטיגען יקרות אויף די סאמע נויטיג־סטע לעבענס־מיטעל.

די רייןקאוט־מאכער פאדערען אלזא ניט עטוואס, וואס איז ניט פארנינפטיג, וואס איז צופיעל. זייערע פאדערונגען זיינען ניט מעהר ווי דער מינימום, וועל־כער קען קוים רעדוצירט ווערען. און דערפאר קען מען זיכער זיין, אז זיי וועלען זיי אויך קריגען.

וואלטען די רייןקאוט־מאנופעקטשורער געווען עטוואס וויטזיכטיגער, וואלטען זיי גארניט דערלאזען צו א קאמפף. זיי קע־נען דען בעסער מאכען? וועלען זיי דען ניט סיי ווי סיי מוזען נאכגעבען די פא־דערונגען פון די ארבייטער? נאר אזא נאטור האבען שוין די באסעס. זיי פרו־בירען, אפשר וועט זיי געלינגען, כאטש זיי ווייסען, אז טויזענדע אנדערע איז עס ניט געלונגען. דערפאר האבען די רייןקאוט מאכער געמוזט ארויסגעהן אין סטרייק, און די רייןקאוט־מאכער סטרייקען. די שעפער זיינען געשלאסען. און זיי וועלען אזוי לאנג בלייבען געשלאסען, ביז די ארבייטער וועלען ניט אויספיהרען.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז דער סטרייק איז אין גוטע הענד. ער ווערט אנגעפיהרט מיט דעם זעלבען טאקט און באזאנענהייט, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אימער אויס די סטרייקס פון דער אינ־טערנעשאנאל. דער סעקרעטער־טרעזשר־רער פון דער אינטערנעשאנאל, אב. בא־ראף, האלפערן, דער פעהיגער מענעדזשער פון לאקאל 9, און פאניא מ. קאהען זיי־נען א טיכטיגע הילף פאר די סטרייקער און פיהרער פון לאקאל 20.

אויב די רייןקאוט־מאנופעקטשורערס רעכענען צו קענען מאכען זייער ארבייט אין די שטעדטלעך ארום ניו יארק, מא־כען זיי דעם חשבון אהן דעם בעל הבית. די אלע שטעדט, וואו עס ווערען געמאכט רייןקאוטס, זיינען פאלשטענדיג אונטער דעם קאנטראל פון דער יוניאן, און עס איז א סברא, אז אויך דארט וועט ער־קלעהרט ווערען א דזשענעראל־סטרייק, אויב ער איז שוין ניט ערקלעהרט גע־ווארען.

עס איז דארום קלאר, אז די באסעס האבען גאר קיין אנדער ברירה ניט, ווי נאכצוגעבען די פאדערונגען פון די אר־בייטער. און וואס פריהער זיי וועלען עס טאן, אלץ געזינטער פאר זיי. אחוץ דעם, וואס זיי וועלען דורך זייער שנעלער האנד־לונג דעמאנסטרירען, אז זיי זיינען מענ־שען מיט שכל, וועלכע פארשטעהען, אז, ווען „מען קען ניט אריבער, מוז מען ארונ־טער".

די לאגע אין שיקאגא.

וועט די ליידיעס וויסט מאכער יוני־יאן אין שיקאגא, לאקאל 100, פועל'ען איהרע הויפט־פאדערונגען פון די שיקא־גאער ליידיעס וויסט מאנופעקטשורערס אהן א קאמפף? דאס איז א פראגע, אויף וועלכער מיר קענען נאך איצט ניט ענט־פערען מיט באשטימטהייט. איין זאך איז אבער שוין קלאר, אז טאמער וועט עס קו־מען צו א קאמפף, וועט עס ניט זיין די שולד פון דער ליידיעס וויסט־מאכער יוני־יאן, נאר טאקע פון די מאנופעקטשורערס.

פרעזידענט שלעזינגער מאכט עס גאנץ קלאר אין זיין התראה־בריעף צו די מא־נופעקטשורערס. ער זאגט זיי, אז צוויי־שען די ארבייטער זייערע הערשט א שטארקער געפיהל פון אונצופריעדענהייט מיט זייער לאגע, ווי זי איז געווען ביז איצט; אז די ארבייטער פון שיקאגא פיהלען, אז זיי זיינען אין קיין פאל ניט ערגער, ווי די ארבייטער פון אנדערע שטעדט, און אז זיי זיינען בארעכטיגט צו קריגען די זעלבע באלוינונג און די זעלבע באהאנדלונג, ווי זייערע ברידער און שוועסטער אין ניו יארק און אנדערשוואו.

ער פארלאנגט דארום פון די באסעס, אז זיי זאלען איינגעהן אויף דעם פלאן פון ארביטריישאן. דאס איז שוין אן אל־טע און גוטע פאליסי פון דער אינטער־נעשאנאל און פון איהר פרעזידענט: „איידער מיר נעהען אין קריעג, לאמיר זיך דורכריידען. לאמיר אונזערע טענות פאר־לעגען פאר א קאמיטע פון עהרליכע, אונ־פארטייאישע מענשען, און מיר פארלאזען זיך אויף זיי. מיר ווילען, אז איהר, באס־סעס, פון אייער זייט, זאלט טאן דאס זעלבע. און ווי די קאמיטע וועט ענט־שיידען, אזוי זאל עס בלייבען".

וואס קען זיין פארנינפטיגער? וואס קען זיין פרידליכער? פרעזידענט שלע־זינגער איז ניט א פייטער לשם פייט. איז ער שוין אין קאמפף, קעמפפט ער מיט אלע זיינע כחות, אבער אויב ער קען אויס־פיהרען צו פארמיידען א קאמפף, דורך א פארשטענדיגונג, דורך פארמיטלונג, בא־טראכט ער עס פאר פונקט אזא זיעג, ווי ווען דער שווערסטער קאמפף וואלט אויס־געפאכטען געווארען.

די דאזיגע באריטווילינקייט צו איי־בערגעבען דעם סכסוך צווישען ארבייטער און מאנופעקטשורער צו ארביטריישאן קומט פון זיין אינערליכען געפיהל פון גע־רעכטיגקייט פון די פאדערונגען, און פון דעם באוואוסטזיין, אז ער קען דאס מא־כען אזוי קלאר פאר יעדען אונפארטיי־אישען עהרליכען מענשען, אז די ענטשיי־דונג קען גאר ניט זיין קיין אנדערע, ווי א גינסטיגע פאר די ארבייטער.

אזוי האט פרעזי. שלעזינגער געהאנ־דעלט אין אלע פריהערינע פעלע, און אזוי האנדעלט ער אויך איצט אין דעם שיקא־גא־פאל. און דאס ווארט געהערט איצט צו די מאנופעקטשורערס פון ליידיעס וויסטס און וועהייט־גודס. וועלען זיי זיך ענטזאגען איינצוגעהן אויף ארביטריישאן? וועלען זיי האבען די חוצפה צו ערקלעה־רען דער וועלט, אז זיי ווילען ניט פאר־לאזען זיך אויף יושר, ווייל צו וואס דאר־פען זיי עס, אז אויף זייער זייט איז די גאנצע מאכט פון געוואלד און ברוטאלי־טעט? וועלען זיי ווירקליך האבען דעם טרויערינען מוט צו געבען דער גאנצער עפענטליכער מיינונג אזא שפיי אין פנים?

מיר גלויבען עס ניט. אפילו ווען זיי פעהלט ניט קיין חוצפה, אבער קען דאס זיין, אז זיי זאלען האבען אזוי ווענינ פאר־שטאנד און ניט קענען באגרייפען, אז מיט אזא אפענעם טרעטען מיט די פיס פון אלץ, וואס מענשען האלטען פאר גערעכט, מאכען זיי פאר זייערע שונאים גאר א גרויסען טייל פון דער געזעלשאפט, און זיי וועלען דארום ניט קענען זיך אזוי פראנק און פריי באנוצען מיט געוואלד, אויף וואס זיי האפען אזוי שטארק? קע־נען זיי ניט איינזעהן, אז די וועלט האט געמאכט גאר א היבשען שפרייז פאר־ווערטס זייט דעם לעצטען סטרייק פון זייערע ארבייטער, און דאס זיי וועלען בשום אופן ניט קענען מעהר טאן דאס, וואס זיי האבען געטאן אין יענעם סטרייק?

מיר ווילען גלויבען, אז די מאנופעק־טשורערס אין שיקאגא זיינען ניט אזוי בלינד און פאר'עקשנ'ט, אום ניט צו זעהן דאס אלעס. זיכער ווייסען זיי, מיט וועמען זיי האבען צו טאן, און אז דאס, וואס עס האבען ניט געקענט אויספיהרען די מאנופעקטשורערס פון ניו יארק, באסטאן, פילאדעלפיא, באלטימאר, מאנטרעאל, קליוולאנד א. ז. וו., וועלען זיי אודאי ניט אויספיהרען.

און, אויב דאס איז אזוי, דאן קען אלעס געסעטעלט ווערען פרידליך, ווי מיר האבען שוין געזאגט. פון דער זייט פון די ארבייטער איז נימא דערצו די מינ־דעסטע מניעה.

נאר אויב מיר האבען א טעות אין די באסעס פון שיקאגא, דאן, נאטירליך, איז דער קאמפף אונפארמיידליך. די שיקא־גאער ליידיעס וויסט, דרעס און וועהייט־גודס ווארקערס זיינען ענטשלאסען ניט

...ע מעגליכע אופנים. זיי
...כען די זעלבע מאאווינג
...עלבע קירכען, די זעלבע
...ם די ווייסע. אויף יע־
...ען דא באזונדערע ווארט־
...י שווארצע. אין אייניגע
...יי נים נעהן אויף געווי־
...סאציאליסטען פון דער
...ווייסע און שווארצע לא־
...ייסע יוניאנס לאזט מען
...ם ארײן.
...ינען די נעגערס פון דער
...ו. כאטש די קאנסטיטור־
...אייניגטע שטאאטען נים
...ווערט עס ביי זיי אוועק־
...ארטיגע געזעצגעבענדע
... וועלכע האבען דאס
...מען די פאסינקיים פון די
...ען. אין איין שטאאט, צום
...א בירגער שטימען אויב
...איינע פון די פאלגענדע
...: 1) קענען לייענען און
...ש ע ן וועלען עס נים
...דער קאנסטיטוציע פון די
...טאאטען; 2) באזיצען איי־
...ן ווערטה אם ווענינסטען
...באזיצען א גוטען כאראק־
...וועלבסטפארשטענדליך אז
...כמעט קיינמאל נים נאכ־
...ע באדינגונג, בפרט נאך
...יינען די עקזאמינאטארס.
...לטען נאכ־ימען די צוויי־
... וויל עקזאמיניש לעבט
...כער נעגער פון האנד צום
...יט נאכקומען די ה־יטיג
...ל וועלכער ווייטער ווען
...אן אטעסטאט פון גוטען
...ווייסע ווידער קענען אלע
...אויב זיי האבען נים קיין
...קיין בילדונג, האבען זיי
...ע כאראקטערע, א סימן
...זיינען דאך ווייסע.
...א פאל ווען עס האט זיך
...ן אין שטאדט וועגען א
...וועלכער די איינוואוינער
...ן שטימען. א היבשע צאל
...נערס האבען געהאט דאס
...מען (און אויב מען האט
... מען זיין אן אויסוואורף
...יך שטימען — א געזעץ
...ון די שטאדטישע פאר־
...האט קאנטראלירט צוויי
... אין די דאזיגע צייטונ־
... די נעגערס אין גרויסע
... דער גאנצער ערשטער
...ם, קיעפ אוים! דהים איז
... אפער!" דאס איז געווען
... נעגער איז נים געגאנגען
...טען, וויל ער האט גע־
...יהם ערוווארטעט. אז איך
...ל דערזעהען, בין איך גע־
...פגעבראכטער און אוועק־
...ורפען בריעף אין דער רע־
...כערווייזע האב איך דאס
...מיינעם א פריינד איידער
... בריעף אוועקגעשיקט. די
...לטען מיך אהן צערעמא־
...רויסגעווארפען פון אוני־
... איך וואלט זיך געמאכט
... פארקריצטע צייגער האב
...ו צוריסען.
...איין געביעט געניסט דער

נעגער די פולסטע פרייהייט — דאס איז צו קויפען אין די קראמען פון די ווייסע. אלע טהירען זיינען פאר איהם אפען. אין ד גרעסטע דעפארטמענט סטארס איז ער אן אנגעלענטער גאסט. די אנגעזעהענסטע בירגער פון שטאדט וועלען מיט איהם האנדלען.

מען דארף לעבען אין דער סוטה אום צו האבען א גענויען באגריף וועגען דער נעזונקענהיים פון דעם ביזנעס־מאראל פון די ארטיגע קרעמער. אין באצוג צום נעגער איז גאר ניטא אזא זאך ווי מען טאר נים, עס איז נים שעהן. אפצונארען א נעגער איז באטראכט אלס א שטיפעריי, מעהר גארנים. די נעגערס זיינען מעהרסטענס זעהר טעמפ, און פיעלע פון זיי האבען נים קיין קלאהרען באגריף וועגען אזוינע חכמות ווי די צאהל סענטען אין א דאלער, די צאהל ניקערס אין א קוואדער, א. ז. וו. טרעפט אפטמאל אז א נעגער פרעגט אן די פרייז פון א פאר שיך און מען זאגט איהם אז זיי קאסטען 3 דאלער מיט 85 סענט. בעט זיך דער נעגער מען זאל איהם ארונטערלאזען עפעס. איז דער קרעמער גוט־הארציג און לאזט איהם ארונטער — ער נימט איהם די שיך פאר פיער דאלער מיט א קוואדער. דער נעגער איז צופרידען און דער קרעמער קאטשעט זיך פאר געלעכטער. דא אין דער נארטה קלינגט דאס ווי א וויץ, אבער אין דער סואטה פאסירען אזוינע זאכען טאג־טעגליך. אין מיינע ערפאהרונגען אלס גראסערי קלוירק האט נים איינמאל פאסירט אז א נעגער האט אנגעבאטען מעהר געלד ווי מען האט פון איהם געפאדערט. די עקספלואטאציע פון דעם שווארצענס אונוויסענהייט איז בלויז איינער פון די טויזענדער וועגען ווי אזוי דעם נעגער צו באריסען. קליין־געשעפט אין דער סאוטה איז געגרינדעט אויף דעם באדען פון שווינדעל, פון באטרוג, פון לומפעריי. אונזערע אידען זיינען אין דעם הינזיכט נארנים הינטערשטעליג. זיי זיינען נים ערגער, אבער אויך אויף א האר נים בעסער פון דעם ארטיגען אמעריקאנער. און אזוי ווי קליין־געשעפט איז מערסטענס אין אידישע הענט, און אזוי ווי מעהרסטע אידען אין דער סאוטה זיינען קרעמער און פעדלער, באקומט מען טאקי אן עקעלהאפטען איינדרוק פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג דארט. אויך האבען זיך די אידען אויסגעלערנט פון די אמעריקאנער צו פאראכטען דעם נעגער, צו באטראכטען איהם אלס אן אונמענש, א ווילדע באשעפעניש. די אימיגראנטען באטראכטען אזא באציהונג צו די נעגערס אלס א נויטיגען עלעמענט פון זייער אמעריקאניזירטקייט. און זייערע קינדער זאגען, נאטירליך, איין דעם הערשענדען גייסט.

נאך אויף איין געביעט צייגען די ווייסע ארוים אביסעל גנעדיגקייט צו די שווארצע. דאס שווארצע בלוט מישט זיך אפטמאל אוים מיט דעם ווייסען — און עס באקומט זיך א מולאט. דער אמעריקאנער פון דער סאוטה וועט אייך דערשיסען אויב איהר וועט זאגען אז מען דארף ערלויבען געזעצליכע הייראטה צווישען שווארצע און ווייסע, אבער דאך ווערען די מולאטען נים ווינציגער. מאנכע נעגער־פרויען, אז מען געוואוינט זיך צו צו זיי, האבען אן אייגענארטיגען חן, און די ווייסע אריסטאקראטען פון דער סאוטה ווייסען ווי דאס אפצושאצען.

איך דערמאן זיך אן א זעהר אינטערעסאנטען עפיזאד, וועלכער כאראקטעריזירט די גאנצע פסיכאלאגיע פון דעם ווייסען אין דער סאוטה. דאס איז געווען אויף א לעקציע אין אוניווערסיטעט. א פראפעסאר פון ענגלישער ליטעראטור, א באוואוסטער ליטעראטור־קריטיקער פון דער סאוטה, האט זיך פארוואלט אונז צו דערצעהלען מעשיות אנשטאט צו לעקטשורען איבער טשאסערען. ער איז געווען אן אויסגעצייכענטער רעדנער און נאך א בעסערער „קאנווערסיישאנאליסט". האט ער אונז דערצעהלט אזא מעשה:

ער איז מעהר ווי איינמאל אין זיין לעבען געווען אין א פארלעגענהייט. אבער די גרעסטע פארלעגענהייט אין זיין לעבען איז געווען צוליעב א מולאט. אזוי ווי ער, דער פראפעסאר, איז באוואוסט אלס א רעדנער, בעט מען איהם אפטמאל אויפצוטרעטען אויף וויכטיגע פארזאמלונגען פון ביזנעסלייט, טיטשערס, דאקטוירים, גייסטליכע. א. ז. וו. טרעפט איינמאל פארנאכט אז א מאן קלינגט אן אין זיין טהיר. די דיענסט איז נים געווען אין הויז, עפענט ער אליין די טהיר.

— האב איך די עהרע צו רעדען צו פראפעסאר —ן? — פרעגט איהם א מאן.

דער פראפעסאר האט איהם געוואלט ענטפערען אז יא, איהם אויסשטרעקען די האנד און פון זיין זייט איהם פרעגען: „און מיט וועמען האב איך די עהרע צו רעדען?" אבער ער האט באמערקט אז דעם מאן'ס פנים איז עפעס צו טונקעל פאר א ווייסען און צו ווייס פאר א שווארצען. איז ער א מולאט? ווער ווייס? אפשר נים? אויב ער איז א ווייסער איז עס, נאטירליך, זיין פליכט איהם צו פארבעטען אין הויז. איהם אויפנעהמען מעשה דזשענטעלמען. אבער וואס טוט מען אויב ער איז א מולאט? ווי באגעהט מען אזא גוואלדיגען ברוך פון זעלבסטווירדע און מען לאדעט איין א שווארצען צו זיך אין הויז אלס א געוויינשטען גאסט, אלס א גלייכען. א ווייסען? און פארקעהרט, טאמער איז א ער א ווייסער, ווי פארשוועכט מען די בעסטע טראדיציע פון גאסט־פריינדליכקייט?

ווי אזוי ער האט זיך ארויסגעדרעהט פון דער פארלעגענהייט האט דער פראפעסאר אונז נים געזאגט. נאר געפרעגט ווי מיר וואלטען געהאנדעלט אין אן עהנליכען פאל. קיינער האט זיך נים אפגערופען. די סטודענטען זיינען געזעסען מיט טיעף־ערנסטע פנים'ער. און וואס מעהר זיי האבען געטראכט אלץ מעהר האבען זיי, קענטיג, איינגעזעהן, אז קיין גרעסערע פארלעגענהייט קאן אין א מענשענס לעבען נים פאסירען.

אט אזא איז די אטמאספערע אין וועלכער די נעגערס אין די ווייסע לעבען צוזאמען. און מענען זיך וועלטען קעהרען, מעג די מענשהייט אויסטוען וואונדער, אזא וועט די אטמאספעיע פארבלייבען אויף יאהרען, יאהרען און יאהרען.

אין א הייסען טאג

פון מ. שמואלזאהן.

נאך פון גאנץ פריה אן, האט זיך נעצייגט אז דער טאג וועט זיין א הייסער און א שווערער.

די זון האט עפעס מיט אזא קראפט. מיט אזא שטארקייט און עקשנות, זיך ארויסגעשפארט באגינען פון אונטער די בערג, אז זי האט באלד אנגעצונדען דעם גאנצען מזרח־ברעג פון'ם הימעל, ווי מיט א בראנד. און וואס ווייטער אלץ ווייטער האט זי זיך צעשפרייט מיט מעהרער קראפט אין דער הויכקייט פון דעם בלויען הימעל, אזוי ווי זי וואלט זיך פארמעסטען פון דארט צו צייגען אן ענטשיידענעם נצחון איבער די בריה'שע ברואים פון דער ערד.

די לופט איז געווען אנגעפילט מיט אזא שווערקייט, מיט אזא פארעניגע, אז באלד אין דער פריה שוין, איז פאראליזירט געווארען די קראפט און ענערגיע פון כמעט יעדער לעבעדינער באשעפעניש.

הינט, מיט ארויסגעשטעקטע רויטע צינגער, זיינען געלעגען באהאלטען אין די שאטענדיגע ווינקלען, האהן געצויגען מיט די זייטען, געסלינעט און געפראכט פון די מיילער, און האבען זיך געפוילט א דרעה צו טאן אפצוטרייבען די בייזע פליגען וואס האבען ארומגעטאנצט אויף זיי.

פערד מיט פון־שטרוי געפלאכטענע היטלען אויף די קעפ האבען זיך מיער געשלעפט אין די וועגענער. די אויערען זייערע וואס האבען פון די לעכער פון די שטרויענע היטלען אויסגעקוקט ווי דערשראקענע ווענוריקעס, האבען זיך פויל געדרעהט, געקארטשעט און געטרייסעלט. אזוי ווי עס וואלט זיי ווער נאכלעסיג ערגע־וואו מיט א שטריקעל געצויגען. גאנץ אפט האט זיך א פערד אונטער א שווער באלאדענער משא ווי מיט א פראטעסט אויסגעצויגען אין מיטען גאס אויף די צעגליהעטע אנגעברענטע שטיינער, מענשען זיינען זיך צוזאמענגעקומען האבען גענערסען אויף דעם וואסער, דאס געמינטערט, גע'וויא'קעט און גע'צאיא'קעט צו דעם, מיט גוטען און מיט בייזען. און דאס האט געהויבען דעם קאפ, געקוקט מיט בייזקייט און פארוואורף פון די גרויסע פערדישע אויגען, און זיך פון פלאץ נים גערירט. את־א־דא בלייב איך אפילו ווען מיין טויט זאל זיין! און די פא־ביי־פאהרענדיגע חברים־פערד האבען מיט זייטיגע קנאה־בליקען צוגעשאקעלט מיט די קעפ. ווי זיי וואלטען מסכים געווען, אז אזוי דארף זיין. — גענוג! און אפגעהענדיג האבען זיי נאכלעסיג געדרעהט צוריק די קעפ, ווי זיי וואלטען פארשפראכען אז את־אט און זיי וועלען אויך מאכען דיזעלבע קונץ. נישטא שוין קיין קרעפטען אויסצוהאלטען!

די איינציגע וועלכע האבען זיך נים אונטערגעגעבען אונטער די פייערדיגע ריטער פון דער ברענענדיגער זון, זיינען געווען די מענשען־קינדער:

די דאזיגע בחירי היצורים האבען באדענדיג זיך אין ים פון קויטיגען שווייס, געארבייט, געפראצעוועט, זיך געפלאגטערט איינס אין'ם צווייטען, זיך פארקנוילט און אויפגעקנוילט אזוי ווי ווערים אין א לוזשע. געלאפען, געיאגט זיך, — געיאגט זיך ווי דעם טייוועל צו דעריאגען.

צו מיטאג צייט אבער, איז דער קאכעדיגער גיהנם שוין געווארען אזוי אונערטרעגליך, אז אפילו דיזע פאר'עקשנ'טע מענשען־ברואים האבען גענומען אויפגעבען זייער הארטנעקיגען קאמף. און ערשעפטע, אויסגעמוטשעטע, האבען זיי אנגעפאנגען זוכען פלעצער וואו זיך ערגיץ צו דערפרישען, וואו זיך ערגעץ צו דערמינטערען.

די מעהרער פארמעגליכערע. האבען פארלאזט די שטאדט מיט איהרע אנגעהיצטע שטיינערנע מויערען און גאסען, און זיינען ארויסגעפאהרען אין די פרייע פלעצער ביים ים. די ארעמערע האבען זיך מיט פרויען און קינדער און מיט די שטובינע שמאטעס געקליבען אין די שטאטגארטענס.

שטיל כמעט איז געווארען דער הו־הא, דער טומעל אין גאס. עס האבען זיך נאכלעסיג געשלעפט מענער, פרויען און קינ־

...הן — יעדען אויסדרוק פון
...ערניש, און מען זאל חלילה,
...דעם מינדסטען קרעכץ און
...סיסה־אטעמצוג פון דעם גע־
...עם קומען זיידעס און איי־
... און קינדער, מענער און
... זוצט און מען קיים באנא־
...זונגט אין כאר די תפילות,
...משטעד דארף זונגען. און
... ער ווערט פארברענט. און
...עם לאנג, לאנג, כדי נים צו־
...פארגעניגען. און מען געהט
...ך און מען קויפט פאר דער
...אר יעזוס'ען, וועלכער האט
...לאזט מקריב זיין פאר אונ־
...זונד.
...הרט זיך די אריסטאקראטי־
...ן, שטימונגספולע זיד. אבער
... וואשינגטאן — די האלב־
... האלב־נארדליכע רעזידענץ
...ן נים דערוואקסען. דערוויל
...ן נאך א דריי־פיער־טעגיגע
...ערס.
...ב גלייענט וועגען די נע־
...אין וואשינגטאן און מארנע
...ן מיר געקראכען אין קאפ.
...ן אזא זאך, וואס מען רופט:
...דעם ווייסען מענשען." אזוי
...ן דיפלאמאטישען לשון. דאס
...משא, וואס די ווייסע ציווי־
...יבע מענשהיים בעסט אויף

זיך, ווען זי בעהמט זיך ציוויליזירען די נים־ווייסע, נים־ציוויליזירטע און נים־קריסטליכע מענשהיים.

True translation filed with the Postmaster at New York City on August 1, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ווען ענגלאנד און פראנקרייך און איטאליען האבען זיך געשלאגען און געריסען פאר די דייטשע קאלאניעס, האבען זיי זיך דאס געשלאגען פאר דער מצוה צו טראגען די שווערע ציוויליזירטע לאסט. זיי האבען, חלילה, נים געמיינט די אייגענע טובה. זיי האבען זיך געשלאגען פאר א מצוה. און ווען דייטשלאנד האט, ווי מען זאגט, געקוילעט און געמארדעט און געריבעט די שווארצע אין איהרע אמאליגע קאלאניעס, האט זי אויך, נעבאך, ערפילט א שווערען חוב.

אט דאס רופען מיר די לאסט פון דעם ווייסען מענשען — „דהי וואיט מענ'ס בוירדען". און די מצוה איז אזא געשמאקע, אזא עולם־הבא'דיגע, אז אפילו די נים־ווייסע און נים־קריסטליכע יאפאנעזער האבען חשק באקומען זיך צו פארדינען דורך איהר דעם אייביגען גן־עדן. און דערפאר האט יאפאן אויף זיך גענומען די לאסט פון די בינעזישער פראווינץ שאנטונג און פון קארעא און פון אייניגע אינזלען, וואס האבען אמאל באלאנגט צו דייטשלאנד.

און אן אייגענע „לאסט" האט אויך אונזער אמעריקא. און דאס איז, ערשטענס, דער אינדיאנער און צווייטענס און הויפטזעכליך, דער נעגער.

און זעהט, וואס מיר זיינען זיך, נעבאך, אויסגעשטאנען פון דעם נעגער.

מיר האבען געמוזט שענקען שיפען נאך דער ווייטער אפריקא צו ברענגען אהער דעם נעגער. און ער, אין זיין שווארצער אומדאנקבארקייט, פלעגט אונז אויף להכעיס אויסשטארבען אין די טויזענדער אויף די שיפען, ווען מען האט איהם פארהונגערט און פארשמיסען.

און מיט ברייטהארציגע ארעמס האט מען די לעבעדיג־געבליבענע נעגערס געבראכט אויף די זידליכע בוימוואל־פלאנטאציעס, און מען האט געטאן אלעס מעגליכעס איהם צו ציוויליזירען. מען האט איהם געטויפט און מען האט איהם אויפ'ן פראקטישען אופן געלערנט די תורה, אז אין שווייס פון דיין אנגעזיכט און אין בלוט פון דיין הארץ וועסטו ערנעהערען דיין בעל־הבית, ביז דו וועסט נים אוועקפאלען אונטער זיין בייטש אדער צוריסען ווערען פון זיינע בלוט־הינט.

און נאכדעם האבען מיר געהאט א בירגער־קריעג צוליעב דער נעגערשער פרייהייט. און צוליעב דעם נעגער איז די זיד פון דעמאלט אן נאך אלץ ברוגז אויף דער נארד און עס איז געווארען א „סאליד סאוט", וועלכע שטימט נאר פאר די דעמאקראטען.

דאס איז געווען אמאל. און איצט טוט נעבאך די זיד אוים פון זיך דאס לעצטע העמד, כדי צו האבען באזונדערע קארס פאר נעגערס און צו זעהן א שעהנע, ביז טרערען ריהרענדע נעגער־לינטשעריי.

און דאס איז די לאסט פון דעם ווייסען מענשען אין אמעריקא און הויפטזעכליך אין אונזער זייט.

זיי זאלען זיין אפען פאר די פאבליק. אבער דאס מיינט אויך, אז די קורסען, וואס ווערען אנגעבאטען, זאלען אויסערוועהלט ווערען אין געמיינשאפט מיט די יוניאנס אדער אנדערע גרופען, וואס מאכען דיזע פאדערונגען; דאס זיי זאלען גיכער באפרידיגען די ווינשע פון די בירגער, וועלכע זיינען די צוקונפטיגע סטודענטען, ווי די ווינשע פון די באארדס אוו עדיוקיישאן. און דאס מיינט אויך, אז דאס לערנען און דיסקוסיאנען מוזען זיין פריי. א לעהרער דארף ניט זיין מסוגל צום שטאף-ווארט: „זאגט איהר אזוי, ווייל איהר דענקט, אז עס איז אזוי, אדער, ווייל אויב איהר וואלט אנדערש געזאגט, וואלט איהר פארלארען אייער דזשאב?" עס איז א טרויעריגער קאמענטאר אויף אמעריקאנער ערציהונג, אז עס איז נויטיג אנצואווייזען אויף אט די פארהעלטעניסע. אבער עס איז נויטיג. די באארדס אוו עדיוקיישאן אין א זעהר גרויסער צאהל פון אונזערע שטעדט קומערען זיך גארנים וועגען דער עפענטליכער מיינונג. זיי פארגעסען, אז זיי און די לעהרער זיינען איינפאך ברידער-דינער פון דעם פובליקום, און האנדלען, אזוי ווי זיי וואלטען געווען די אייגענטימער פון די סקולס און פון די געדאנקען פון די לעהרער. אין אזעלכע געמיינדען, איידער די צייט פון תו האבען אזעלכע יוניאן-ערציהערישע טעטיגקייטען אין די פאבליק סקולס, קען דערגרייכט ווערען, מוזען די ארבייטער און אנדערע ליבעראלע עלעמענטען פארזיכערען זיך מיט א ווירקזאמע רעפרעזענטאציאן אין די באארדס אוו עדיוקיישאן. דערווײלע וועלען די קלאסען, געבויט פון די יוניאנס אליין, דינען נאך א צוועק: צו דעמאנסטרירען די עקזיסטענץ פון א פאדערונג, וואס די סקולס דערווייל באפרידיגען נים. אבער אזעלכע קלאסען זאלען נאר זיין צייטליכע, פאר א ווײלע. די ריכטיגע לייזונג פון דער פראגע איז א פראגרעסיווער באארד אוו עדיוקיישאן, וואס זאל זיך צוהערען צו דעם, וואס דער עולם פארלאנגט".

צו ערקלעהרען אזעלכע מענשען מיט אזעלכע געדאנקען, מיט אזעלכע מיינונגען אלס רעאקציאנערען, דאס איז דאך אונזין. און ניט אומזיסט האבען אלע ביז איצטיגע קריטיקען פון דער זייט פון די ראדיקאלען געגען די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר ניט געהאט אויף איהר די מינדעסטע ווירקונג, אפגעשפרונגען פון איהר, ווי ארבעס פון וואנד, ווייל אין די מייסטע פון זיי איז געווען מעהר גאל, מעהר פארטייאיש, ווי דער אמת.

וויל מען באטראכטען און אפשעצען ריכטיג די א. פ. אוו ל. און איהר טעטיגקייט, דארף מען איהר ניט ערקלעהרען מחוץ למחנה פון אלץ, וואס איז פארטגעשריטען און ראדיקאל. ווייל זי איז פארטגעשריטען און זי איז ראדיקאל, אבער זי האט איהרע גאנץ אייגענע קאמפפס-מעטאדען, אום צו דערגרייכען דעם גרויסען ציעל, וואס איז דער ציעל פון אלע נאבעלע מענשען פון אלע צייטען.

די דאזיגע וועלט-אנשויאונג און קאמפפס-מעטאדען האבען געפונען זייער בעסטען אויסדרוק אין די פארהאנדלונגען פון דער לעצטער קאנווענשאן, ווי מיר וועלען עס זעהן אין די וויי טערע ארטיקלען.

ראסען שטרייט אין אמעריקא

פון נ. בוכוואלד

איך וויל ניט אננעהמען דעם פארטיגען, ראדיקאלען שטאנדפונקט אין דער פראגע פון ראסען-האס און ראסען-שטרייט. א פארטיגער שטאנדפונקט איז ניט אימער א גוטע זאך. אפטמאל פארצאמט ער דעם וועג צו אן אביעקטיווער, אונפארטייאישער באטראכטונג פון א סאציאלער ערשיינונג. אויך וויל איך דא ניט קאנקורירען מיט די שרייבער און כלל-טוער פון אלע קלאסען, וועלכע קאנען ניט נעפינען קיין צו שטארקע ווערטער אום אויסצודריקען זייער ענטריסטונג נעגען לינטשעריייען און גרופען צוזאמענשטויסען פון ראסען, ווען נאר אזעלכע קומען פאר. אין וועל אין דעם און אין א צווייטען ארטיקעל בלויז פרובירען באלייכטען די פראגע פון ראסען האס אין אמעריקא.

דער עכטער אמעריקאנער שטאלצירט מיט דער אבוועזענהייט פון ראסען און רעליגיעזע פארפאלגונגען אין זיין לאנד. לוים דעם עטיקעט פון דעם אמעריקאנעם איז עס זאגאר נישט שעהן, נישט אנשטענדיג צו באמערקען דעם אונטערשיעד פון רעליגיאן צווישען איין בירגער און דעם צווייטען, אדער צו דערמאנען די ראסען-אפשטאמונג פון א פריינד, א נעננער, א פאליטיקער אדער א פארברעכער.

איהר האט מסתמא באמערקט, אז ווען די צייטונגען ווילען שרייבען וועגען אידען, געברויכען זיי אזוינע אויסדריקע ווי „די איינוואהנער פון דער איסט-סייד", „די רוסישע אימיגראנטען", „די פרעמדע עלעמענטען", א. ז. וו.

דאך, איז עס קיין סוד ניט, און אונזערע אמעריקאנער פריינד וועלען זיך ניט באליידיגען ווען מיר וועלען עס זאגען, דאס די אמעריקאנער ווייזען אפטמאל יא ארויס ראסען-האס אין באצוג צו אידען, איטאליענער און אנדערע. דער פאקט, וואס מען לאזט אידען ניט אריין אין געוויסע האטעלס, אפארטמענט-הייזער, און זאגאר גאנצע נעגענדען, איז דער בעסטער באווייז, אז די ראסען-אומפארטייאישקייט פון דעם אמעריקאנער איז ניט אהן פנימות. „שיני", „גיני", „דעיגא", — דאס זיינען בערעדזאמע עדות, וועלכע מען קאן קוים אפשטרייטען.

אבער איין זאך מוז אנערקענט ווערען, דאס דער דורכשניטליכער אמעריקאנער איז העכסטענס טאלעראנט צו ניט-אמעריקאנער נאציאנאליטעטען, און די טאלעראנץ זיינע הים ער אפ ווי אן אויג אין קאפ.

דאס אלעס באציהט זיך אבער אויף איינגעוואנדערטע פרעמדע און אין באצוג צו זיי מעג מען זאגען, אז אין אמעריקא איז קיין ראסען-פראגע כמעט ווי נישטא. די אנגעוועהטאגטע ראסען-פראגע באציהט זיך אויף ע כ ט ע א מ ע ר י ק א נ ע ר, ג ע ב א ר ע נ ע א מ ע ר י ק א נ ע ר — אויף די נעגערס.

דא איז די געשיכטע גאר אנאנדערע. דא איז שוין דער אמעריקאנער, באזונדערס פון די דרום שטאאטען, גאנץ אויסגעשפראכען אין זיין האס און ניט-טאלעראנץ, און ניט נאר שעהמט ער זיך ניט מיט זיין שטעלונג צו די שווארצע — ער שטאלצירט מיט דעם, ער באטראכט עס אלס א טייל פון זיך, אלס א ווינקעלשטיין פון זיין וועלט-אנשויאונג.

אין די צפון שטאאטען זעהט מען דעם דאזיגען האס ניט ארויס שטארק. ערשטענס דערפאר, וואס די נעגערס זיינען דא ווענינ אין צאהל, צווייטענס, ווייל די היסטארישע געשעהעניסען אין אמעריקא האבען דא פאר די נעגערס געשאפען פארמעלע, לעגאלע גלייכהייט. סאציאל איז דא דער נעגער כמעט אזוי אפגעזונדערט און פונקט אזוי פאראכטעט ווי אין דער סאוטה, אבער פאליטיש איז ער א בירגער ווי אלע בירגער, און דאס איז נישט פון קליינער וויכטינקייט, ווייל די מוניציפאלע און שטאאטליכע אינסטיטוציעס, דורך זייער פרעסטיזש, באשיצען איהם פון פארפאלגונגען.

אין צווייטען ארטיקעל וועל איך באטראכטען די טעארעטישע באגרינדונג, וואס דער אמעריקאנער פון דער סויטה גיט אן אלס א פארטיידיגונג פון זיין שטעלונג צו די נעגערס. דא ח‍יל איך בלויז געבען עפיזאדען און איינדריקע, אום צו ווייזען אויף וויפיעל דער נעגער ווערט פארפאלגט און פאראכטעט.

ענטשולדיגט מיר פאר א שטיקעל אויטאביאגראפיע. איך האב געהאט די געלעגענהייט צו פארברענגען א יאהר צייט אלס סטודענט אין איינעם פון די אוניווערזיטעטען פון דער סויטה. איך האב געהאט א זעהר גוטע געלעגענהייט זיך נאהענט צוצוקוקען צו די באציהונגען צווישען די ווייסע און די שווארצע. אין מיינע פרייע שטונדען האב איך געארבייט אלס קאלעקטאר פאר אן „אינסטאלמענט" פעדלער, און אלע מיינע קאלעקשאנס זיינען געווען צווישען נעגערס. שבת האב איך געארבייט אין א גראסערי וואו די קאסטימער זיינען געווען נעגערס און ווייסע. דאס, צוזאמען מיט א גרויסער נייגעריגקייט צו שטודירען סאציאלע פארהעלטניסען, וועלכע זיינען פאר מיר געווען אי ניי, אי שפאנענד, אי אפשטויסענד, האט פארשארפט מיין בעאבאכטונגס-קראפט און איך האב אונטערגעכאפט א סך און א סך באדייטונגספולע קלייניגקייטען.

איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען מיין רשטען איינדרוק פון דער שווארץ-ווייסער וועלט. דאס איז געווען אין וואשינגטאן, וואו איך האב זיך איבערגעזעצט אויף אן אנדער טריין. איך בין אריין אין א וואגאן, וואו עס זיינען געזעסען בלויז נעגערס און נעגערטעס. איך האב זיך אוועקגעזעצט, פארטרויכערט א ליולקע (מעשה צוקינפטיגער סטודענט) און זיך גענומען צוקוקען צו די שווארצע מיט-רייזענדע. איך האב באמערקט, אז זיי קוקען אויף מיר מיט גרויס אומרוהיגקייט. זייערע פנים'ער האבען מיך ווי געבעטען, איך זאל ארויס פון דארטען און זיי אויפהערען פלאגען. איך האב אבער געוואלט זיך באפריינדען מיט זיי, בין איך צוגעגאנגען צו איינעם אן אלטען איינגעשרומפטען שווארצען און האב ביי איהם געבעטען א שוועבעלע. ער איז געווארען א דערשראקענער, האט עפעס אבגעהויבען מורמלען מיט א מאדנעם אקצענט, אויסציהענדיג איינינע ווערטער און שלינגענדיג אנדערע. איך האב בלויז פארשטאנען די ווערטער „וואיט מען". א קאנדוקטאר איז אריינגעקומען און האט אויף מיר אנגעשטעלט זיינע אויגען, אזוי ווי ער וואלט געפרעגט: „וואס טהוסטו דא?" איך האב זיין קוק ניט פארשטאנען און ער האט מיך טאקי געפרעגט וואס איך טו דא. מסתמא, האט ער געזאגט, בין איך פון דער נארטה און איך ווייס ניט, אז ווייסע און שווארצע פאהרען ניט אין די זעלבע וואגאנעס. איך בין ארויס פון וואגאן א צומישטער, און דעם גאנצען וועג האט מיך געמוטשעט מיין ערשטער איינדרוק פון דער סאוטה. איך האב שפעטער באמערקט, אז אויף דער טיר פון יעדען וואגאן געפינט זיך א שילד „וואיט" אדער „קאלארד". איך האב פארבראכט די איבריגע צייט פון מיין רייזע אין א צובראכענעם געמיטה.

אין דער סאוטה איז די וועלט איינגעטיילט אין צוויי העלפט — א שווארצע און א ווייסע. און די צוטיילונג איז שארפער און בולטער ווי די צוטיילונג אויף „אידיש" און „גוי'איש" און די באגריפען פון דעם אמאליגען אידען פון א אידישען קליין שטעדטעל. דער אמעריקאנער פון דער סאוטה איז א צווייענדיגע באשעפעניש, מיט א צווייענדיגער מאראל. ער איז העפליך ביז גאר, ווען עס קומט צו ווייסע מענשען, ער איז נאסט-פריינדליך, טאלעראנט, אפענהערציג און באציהט זיך צו דער ווייסער פרוי מיט א מיטעל-אלטערליכער עהרפורכט. קומט אבער צום נעגער, איז ער פרעך, ברוטאל, באליידיגענד, אונעהרליך — און דאס אלעס אויף א שטאלצען אופן, ווי ער וואלט מיט דעם ערפילט זיינע הייליגסטע פליכטען. ווייס — דאס איז דער יסוד פון גוטס, שווארץ — דער סימבאל פון אל-דאס-בייז. אין דער שפראך פון דער סאוטה געפינען מיר אזוינע אויסדריקע ווי „איך וועל דיך באהאנדלען ווייס", וואס מיינט, איך וועל דיך באהאנדלען עהרענהאפט. אויב מען וויל כאראקטעריזירען א זאך אלס שלעכט זאגט מען: „איט איז נאט פיט פאר עי וויטה מען". אויב מען באהאנדעלט א ווייסען שלעכט אין א קראם אדער ערגעץ וואו, שריים ער אויס אין גרוים באליידיגונג: „וואס דענקסטו בין איך, א נעגער?" „שמוציג ווי א נעגער", „נאריש ווי א נעגער", „ליגנעריש ווי א נעגער", „פויל ווי א נעגער" — דאס זיינען געוועהנליכע, נארמאלע אומגאנגס-אויסדריקע.

מען טיילט די נעגערס אפ פון די

שיסען מיר נעגערס

(פעליעטאן.)

פון א. וואהלינער

שיסען מיר נעגערס אין וואשינגטאן. און מיר שיסען זיי אין דער גאנצער לענג און ברייט פון אונזער „זיד". און מיר שיסען זיי אמאל אויך אין דעם נעגערשען גן-עדן — אין דער נארד.

אין דער אלטער ביבעל אונזערער שטעהט אזוי געשריבען:

און נח האט געהאט דריי זיהן: שם, חם און יפת. איז פון שם'ען ארויסגעקומען דאס אידישע פאלק, פון חם'ען — דער נעגער און פון יפת'ען — די אריסטאקראטיע פון דער מענשהייט, די ווייסע קריסטליכע פעלקער. און גאט האט אוועקגעשענקט די גאנצע וועלט צו יפת'ס קינדער, און יפת'ס קינדער מעהרען זיך, פרוכפערן זיך און פארשפרייטען ווייסע, קריסטליכע ליעבע. און אז זיי ווילען זיך אמוזירען אין די פאר מינוטען, וואס זיי רייסען אפ פון פארשפרייטען ליעבע און פריהייט אויף דער וועלט, מאכען זיי פאגראמען אויף אידען, אדער שיסען און לינטשען נעגערס.

אט, למשל, ווי לעצטע וואך אין וואשינגטאן.

True translation filed with the Postmaster at New York City on August 1, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

א פרעהליכע, טשיקאווע, אמוזאנטע שטאדט איז די דאזיגע הויפט-שטאדט אונזערע. דארט זיצט איצט צוריק אין „ווייסען הויז" וואודראו ווילסאן און ער קעמפט מיט'ן סענאט פאר דעם גערעכטען, דעמאקראטישען פריעדען, וואס איז נאר-וואס געמאכט געווארען אין פאריז. און ער קומט צו אמעריקא און זאגט איהר: אונזערע „באיס" האבען אויף די שלאכטפעלדער אוועקגעלעגט זייערע לעבענס, כדי די וועלט זאל זיין פריי און יעדער מענש און יעדעס פאלק זאל זיין גליקליך און זעלבסט-באשטימט. און ער זאגט אונז, אז אויב מיר וועלען נים מאכען א נאציאנען-ליגע, וואס זאל באשיצען אלעמען, וועלען מיר ברעכען דאס הארץ פון דער וועלט. און ער זאגט, אז...

... איז אינטערעסאנט, און עס ריהרט זיך ביז טרערען. און דו ביזט שטאלץ, וואס דו ביזט אן אמעריקאנער און האסט אויסגעקעמפט פריהייט און גלייכהייט פאר אלעמען. און טאמער ווערסטו מיעד פון שטאלץ זיין און דו האסט מעהר קיין כח נים געריהרט צו זיין ביז טרערען, האסטו אנדערע אמיוזעמענטס אין וואשינגטאן: דו געהסט ארויס און די שיסט נעגערס, אדער דו זעהסט צו, ווי אנדערע טוען עס.

א פרעהליכע, אינטערעסאנטע שטאדט, די דאזיגע שטאדט וואשינגטאן.

און אפילו איהר געאגראפישע לאגע איז אן אינטערעסאנטע. זי ליגט אויף דער גרעניץ פון דער נארד און זיד, אויף דער גרעניץ פון די זידליכע שטאאטען, וואס האבען בעת'ן בירגער קריעג געקעמפט פאר נעגער-שקלאפעריי, און אויף דער גרעניץ פון די נארדליכע שטאאטען, וועלכען האבען געשטריטען פאר נעגער-פריהייט. און אמאל גיט דא א וועה א ווינטעל פון דער נארד און דערפרישט אונז און מיר גורטען אן די לענדען און פרעגען: ווען דארף מען נאך באפרייען? און פארקערט, טרעפט אמאל, עס דערפיהלט זיך דא דער ריח פון דער זיד און עס בייסען די הענט צו לינטשען א נעגער. און אמאל קומט א ווירבעל-ווינד, וואו עס מישען זיך די ריחות פון דער נארד און פון דער זיד און דערמאלט באפרייען מיר וועלטען און מאכען אין דער זעלבער צייט פאגראמען אויף נעגערס — אט למשל, ווי לעצטע וואך.

דאס איז וואשינגטאן: נארד און דאך נים איננאנצען נארד; זיד און דאך נים אין גאנצען זיד.

ווארום אין די זידליכע שטאאטען טוט מען דאסזעלבע מיט מעהר געשמאק, מיט מעהר טאקט און מען האט מעהר הנאה פונ'ם נעגער. א יאגד אויף נעגערס איז דארט אן אינטערעסאנטע פארוויילונג, אבער צו ליבטשערייען קומט עס נים.

האט איהר אמאל געזעהן, ווי אמת'ע קונסט-מבינים האבען הנאה פון א געהויבענער בייסבאל-שפיעל, אדער פון א קאמף צווישען אזעלכע פויסטען-העלדען ווי ווילארד און דעמפסי, איהר זעהט: עס איז די אנגדולד פון א פארליעבטען, די ערווארטונג פון משיח'ן, דער טעם גן עדן און די ערהאבענהיים פון געטליכקיים.

האט איהר אמאל געזעהן, ווי א קאץ שפיעלט זיך מיט א מויז? איהר זעהט, אז דער מארד שמעקט דא מיט קונסט און מיט הימלישער גליקזעליגקיים. אבער דאס איז דאך די גרעסטע פראזא און דער אונקינסטלערישסטער פארגעניגען אין פארגלייך מיט א לינטשעריי.

אין אונזער זיד פיהרט מען זיך אזוי: מען לאזט וועגען דער לינטשעריי וויסען אין אלע צייטונגען. און מען באשרייבט מיט אלע אייגצעלהייטען, ווי עס וועט פארקומען און ווי דער קרבן פיהלט. און מען פאהרט זיך צונויף פון מיילען און מיילען ארום. און מען צאהלט פאר בילעטען. און מען שלאגט זיך פאר א בעסערען פלאץ, כדי וואכען

דער האלב-נאקעטע, פארשוויצטע, מיט בעקלעך, מיט קלומקעס און מיט קינדערשע ווינלעך, און אז מען האט זיך באגעגענט, האט איינער דעם צווייטען אנגעזאגט: „היים! שרעקליך! נאך הייסער ווי נעכטען!“ און יענער האט ווישענדיג זיך דעם שווייס געענטפערט: „א. געפערליך! עס וועט עפעס אויפרייסען! ר'שפילט זיך אזא פארעניגע! עס שרפה'ט!“

* * *

ביי פרידמאנען, דעם פאבריקאנט פון פרויען-קליידער, איז נאכמיטאג, די גאנצע פאבריק פארבליבען כמעט פוסט.

פרידמאן אליין, איז שוין לאנג ניט געווען אין שטאט. נאך אין אנפאנג זומער איז ער אוועקגעפאהרען מיט זיין פאמיליע אויף א דאטשע ערגעץ-וואו אויף די בערג ביים ברעג פון ים.

פון די אנגעשטעלטע זיינען א טייל צוריק פון מיטאג שוין ניט געקומען, און די איבריגע האבען זיך מיט צעבראסטעטע העמדער ארומגעשלעפט סאפענדיג, אדער ערגעץ וואו אין א ווינקעל זיך געקוויקט מיט א קאלטער גלאז ביער.

צווישען די מאשינען האט געהערשט א האלבע שטילקייט, א טייל פון די ארבייטער האבען געפעהלט, און די מאשינען זיינען געווען איבערגעדעקט מיט די פארטוכער און אויסגעקוקט ווי חולאים מיט פארבונדענע קעפ אין א שפיטאל. די איבריגע זיינען געזעסען פאר'חלש'טע, און האבען מיט אפגעלאזענע הענד און פיס אונרעגעלמעסיג געדרעהט די רעדלעך, אונטערשטופענדיג נאכלעסיג די וואארע.

אין א ווינקעל ביים פרעס-טיש איז געשטאנען דער אלטער שמערעל מיט'ן זוהן מיט זיינעם, א בחור; ביידע זיינען זיי געשטאנען מיט צעבראסטעטע בוזימער, מיט פארקאטשעטע ארבעל. ביי ביידען האט א קויטיגער געדיכטער שווייס גערונען פון די געזיכטער אין די העלזער אריין און פון די העלזער איבער די האריגע ברוסטען. און פון ביידען האט זיך אין דער אנגעהיצטער שטיקעניש פון פאבריק צעטראגען די שווערע פארדומפטע קלעפ פון די הייסע אנגעברענטע אייזענס.

דער אלטער האט געקלאפט און אויפ'ן געזיכט האט זיך געמערקט א מאדנע גלייכגילטיגקייט, א רוהיגקייט אזוי ווי עס וואלט נאר אין דער מעשי בראשית קיין שום נייעס און קיין שום ענטדעקונג ניט פארגעקומען. אלעס איז ווי געווענליך, און ווי עס באדארף צו זיין. זומער איז משנים קדמניות היים, און אז עס איז היים שוויצט מען. און די קלעפ פון'ם שווערען פרעס-אייזען זיינען ביי איהם דאריבער ארויסגעקומען רעגעלמעסיג. — קלאפ! קלאפ! אט ווי ער וואלט מיט יעדען קלאפ באשטעטיגט אן אלטען פאקט. — אט אזוי ניט אנדערש דארף עס זיין. — קלאפ! קלאפ!

דער זוהן אבער איז געשטאנען א פאר'כעס'טער, א פארגאלטער, אזוי ווי ער וואלט צו אימיצען שווערע טענות געהאט. און די קלעפ זיינען ביי איהם ארויסגעקומען אט שטארקער, אט שוואכער. גאנץ אפט האט ער זיך צוקלאפט מיט אזא ירגזון אז עס האט זיך געדאכט ווי ער וואלט אין אימיצען בשעת מעשה זיך שרעקליך נוקם געווען.

— ס'שרפה'ט ווי מיט פייער! — האט ער פלוצים אין מיטען בייז א זאג געטאן, — ס'טריקענט אוים די מארך פון די ביינער! מען וואלט באדארפט צו'ן אל-די-שווארצע יאהר אוועקלעגען און גאר געהען אהיים!...

— אט האסטו דיר נאר א נייעס! — האט דער פאטער אויף איהם אנגעשטעלט די מיעדע אויגען, — א היים! וואס הייסט א היים, וואס? עס ליגט נאך, כמעט, די גאנצע ארבייט, און עס איז שוין באלד נאכט, איז שוין. האסטו דיר, ימים טובים דיר נאר אין מיצקי-דעריגען, געהערט א געשעפט. וואס איז עפעס פלוצים, וואס?

— וואס איז עפעס פלוצים, וואס? — האט איהם דער זוהן נאכגעמאכט גאליג, — קארג זיך נאך היינט, הפנים, אנגעווארביים אין דער פארעניגע? — פלוצים, עס ברענט אוים די קליי פון די ביינער, אז שרפה'נען זאל עס מיט אלעם צוזאמען!..

ער האט א ווארף געטאן דאס פרעס-אייזען, איז צוגעגאנגען צום קראן, האט אונטערגעשטעלט דעם קאפ, און גענומען גיסען אויף זיך וואסער.

דער פאטער האט געקוקט אויף איהם פון זייט, און ווען דער זוהן האט זיך אומגעקערט צוריק צום טיש, האט ער איהם באטראכט, און אנגעהויבען פיהלען אויף איהם רחמנות'דיג.

— אט עס רעדט און האדי, — האט ער זיך געוועגדעט ווייך. — און וואס פאר אן ארבייט א שטייגער מיינסטו איז בעסער? וואס... וואס למשל וואלסטו דיר אויסגעקליבען? און א פעדלער, ארומגעהן מיט'ן פאק אויף די פלייצעס איז גוט? און א „פוש קארט“ איז בעסער? און ארבייטען ביי בלעך, צי ביי אייזען איז בעסער? קיין גרינגע פרנסות, מיין זוהן, איז ניטא. מען דארף אומעטום ארבייטען שווער אויפ'ן שטיקעל ברויט, הא?

— און... און וואס מיינסטו וואס, זיצען ביי דער מאשין איז אזוי גרינג? זיין א צושניידער, און שטעהן אזא טאג — א יאהר, אין דער היץ מיט'ן מעסער, און מיט דער...

— איך רעד מיט איהם וועגען באלע-באס, רעד איך מיט איהם, און ער ענטפערט וועגען דער מאשין, וועגען צושניידער!

— וועגען בא-לע-באס! — אט האסטו דיר א משל! א... א... איך מיין... א שעהנע מעשה כ'לעבען! דו ווייסט כאטש וואס דו רעדסט, צי דו ווייסט נים. ער וויל זיך גאר פארגלייכען צום באלע-באס וויל ער זיך! דער... דער באלעבאס... און ווידער צוריק שמועסענדיג מיינסטו, אז... אז א באלעבאס איז עפעס אזא גרינגער עסק? האבען צו טאן מיט אזוי פיעל מענשען, און מיט... חשבונות... און זאכענישען... און עסקים... גאר א קלייניגקיים, הא?...

— איך וואלט מיך פון דעסטוועגען מיט איהם געביטען — גיט דער זוהן א זאג ניפטיג:

— געביטען, געביטען! אט פארמאך שוין, איך בעט דיך, בעסער דיין פיסק! דו פארשטעהסט כאטש צו נייז? דער... דער באלעבאס!... ס'רעדט פאר פייער און פאר וואסער... געהערט איך בעט'יך. דער... דער באלעבאס!... איז וואס-זשע וואלסטו געוואלט א שטייגער, וואס? אדרבא, לאם איך הערען.. איך מיין אדרבא, וואס א שטייגער?... דער... באלעבאס!...

און עס דאכט זיך ווי דאס פרעס-אייזען ביים אלטען האלט אויך אין איין נאכזאגען: „אדרבא לאם איך הערען... וואס א שטייגער?... דער... באלעבאס!“...

אין מיטען אבער גיט ער זיך פלוצים א כאפ ווי פון א שווערער מחשבה. דאס פרעס-אייזען ביי איהם הויבט אן קלאפען ראפטאם, ראפטאם, און ער צושרייט זיך: „אט א משל נו! נעם בעסער און פרעס אונטער אט-א-די נאט א און הער זיך אויף צו חכמה'נען, הער זיך אויף!“

מיר חלום'ט זיך...

פון י. אדלער.

מיר חלום'ט: איך וואגעל אריין אין מיין שטעדטעל
און גרוים איז דער הורבן ארום;
און פוסט אלע געסלאך, פארברענט אלע שטיבלאך,
אך, טוים איז דאס שטעדטעל און שטום...

איך קוק אויפ'ן חורבן, איך זוך דארט א אידען,
איהם פרעגען וואס דא איז געשעהן;
אומזיסט איז מיין זוכען... ווי ס'וואלט אין דעם שטעדטעל
גאר קיין מאל א איד ניט געוועזן...

איך לאז זיך אוועק צו דעם אלטען בית מדרש,
עס טראגט זיך א קול פון דער ווייט;
איך קום צו און זעה: אויפ'ן דאך פון בית מדרש
עס שטעהט א ווארא'נע און שרייט...

מיך שוידערט... וואס איך און די שווארצע ווארא'נע,
מיר זיינען די איינציגע צוויי;
די איינציגע צוויי אין דעם חורב'ן שטעדטעל,
און טיעף ווי דער ים איז מיין וועה!

די טיר פון בית מדרש, זי הענגט אבגעבראכען,
איך געה ווי אן אבל, אריין;
שא-שטיל ווי א קבר... און ס'טאטשעט א פראגע:
„וואו קענען די אידען איצט זיין?...“

ווי גרוים איז דער הורבן! די וועגט אבגעריסען,
דער ארון הקודש צושטערט;
די שטענדערס צושמעטערט, דער עמוד צופיצעלט,
סמנים פון בלוט אויף דער ערד...

אין פאסען צופליקט איז דער ווייסער פרוכת,
אזוי ווי די לעבענס פון שטאדט;
און תורות אין מאנטלען פון זייד און פון סאמעט
געמאכט דא צו שאנד און צו שפאט...

אט ליגען צושטויבטע די הייליגע לוחות,
עס רייסט זיך פון אויג מיר א טרער...
עס זיינען די ווינקלען מיט שפינוועב באשפונען,
עס ברענט דער נר תמיד נישט מעהר...

איך וויין אויפ'ן חורבן... און ס'הארץ ווי פארשטיינערט,
עס פרעגט דאן א פראגע ביי גאט:
„גאט פון די וועלטען, צי איז דא געוועזען
דער מלאך-המות אין שטאדט?“

עס שווייגען די גרויע פארשלאסענע הימלען,
עס קומט ניט קיין ענטפער פון גאט...
נאר הויך אויפ'ן דאך שרייט נאך אלץ די ווארא'נע,
די איינציגע שטימע אין שטאדט...

א רייזע איבער מיין אייגענער קעשענע

(פעליעטאן)

פון א. קראפעווע.

אין דער נאטור געהט קיין זאך ניט פערלארען — האט אמאל געזאגט ניט קיין נארישער מענשעל, און עס שיינט אז ער האט געוואוסט וואס ער האט גערעדט.

נעהמט צום ביישפיעל די קעשענעס פון מיין פאר א יאהריגען לייכטען אויבער מאנטעל. ווען איך האב איהם לעצטען פריהלינג אנגעטהאן, האב איך אין די קעשענעס זיינע געפונען אלעס וואס איך האב דארטען פאר א יאהרען אריינגעלעגט; קיין זאך איז ניט פארלארען געגאנגען... קיין גרוים נחת האב איך אבער פון די געפונענע „אנטיקלאך“ ניט געהאט, ווייל זיי זיינען גאר ניט ווערטה געווען, און איך האב מיט זיי געמוזט טהאן דאס וואס א לענדלארד טהוט מיט זיינע שכנים וועלכע צאהלען איהם קיין רענט — איך האב זיי ארויסגעווארפען...

און זיי ארויסווארפענדיג האב איך זיך אנגעהויבען צו באטראכטען פאר א שטיקעל משוגענעם וואס איך האב זיי דארטען גאר אריינגעלייגט. שטעלט זיך פאר: קארטלאך פון אללרייטניקעס וועלכע האבען גע'חלש'ט אז איך זאל זייערע נעמען אריינשטעלען אין ציימונג דערפאר וואס זיי האבען געגעבען עטליכע סענט פאר א וואהלטהעטיגען צוועק; קאפיעס פון רעדען וועלכע רעווערענדס האבען געהאלטען וועגען פאטריאטיזמוס און וועגען אנדערע זאכען פון וואס דער קאפ האט מיר אנגעהויבען צו שווינדלען לעזענדיג; אן ערקלערונג פון מיין לענדלארד אז ער העכערט מיר אכט דאלאר א מאנאט מיט א ברירה אז איך זאל קענען די הויז קויפען, ווען ניט וועט ער מיר ארויסווארפען; אן איינלאדונג פון פאלים דעפארטמענט אום צו געבען אן אפענהערציגע ערקלערונג ווארום איך האב געלעזען א געוויסען ראדיקאלען זשורנאל א. ז. וו. איך האב זיך אלזא באטראכט פאר א שטיקעל משוגענעם פאר וואס איך האב דיזע אלע זאכען גאר אריינגעלייגט אין מיינע קעשענעס, אבער ווען איך האב אנגעהויבען אביסעל נאכצודענקען, האב איך געפונען א שטיקעל טרויסט אין דעם וואס איך בין ניט דער איינציגער וואס האב געהאלטען ווערטהלאזע זאכען... אט צום ביישפיעל האלטען אידען כלי קודש וועלכע זיינען גאר ניט ווערטה און מען גיט זיי נאך אפ כבוד; אט האלט מען סענאטארען, קאנגרעסלייטע, דזשאדזשעס, גובערנאטארען, אסעמבלי-מען, סיטי מעיארס און נאך אזעלכע וועלכע זיינען פאר די וועלכע האבען זיי ערוועהלט, גאר ניט ווערטה; אט האלט מען ציימונגען וועלכע פערניפטען די מחות פון די יעניגע וועלכע לעזען זיי, און מען האט זיי נאר אין קיין רעכטע הויז ניט געטארט אריינלאזען... ווי איהר זעהט, בין איך אלזא ניט דער איינציגער אין דיזען הינזיכט; עס זיינען דא מיליאנען אזעלכע משוגעים ווי איך בין און דאס איז א פיין שטיקעל טרויסט פאר מיר...

אלזא, ווייטער: אזוי וואנדערענדיג פון איין קעשענע צו דער צווייטער, בין איך ענדליך צוגעקומען צו מיין ליטערארישע קעשענע וואו איך האב געהאלטען מיינע אייגענע מאנוסקריפטען, און מאנוסקריפטען וועלכע זיינען מיר צוגעשיקט געווארען פון שרייבער און דיכטער כדי איך זאל זיי זאגען מיינע מבינות וועגען זייערע זאכען. דיזער פאקט איז, צו מיין גרויס איבערראשונג, געוועזען היבשלאך צוברענט — מסתמא צוברענט געווארען פון די פלאמען פון ליבע וועלכע האבען זיך געפונען אין די לידער פון די יונגע דיכטער וועלכע האבען מיר די לידער צוגעשיקט... אז דער גאנצער מאנטעל איז ניט פארניכטעט געווארען פון די פלאמען איז מסתמא געוועזען א נס פון דעם גאט פון רחמנות וועלכער האט וואהרשיינליך געוואוסט אז איך האב קיין אנדערען ניט, און — פיליכט זיינען די פלאמען דערשטיקט געווארען פון די גרויסע מאס וואסער וואס עס האט זיך געפונען אין עדיטאריעל פון א געוויסען אידישען שרייבער, וועלכען איך האב אין קעשענע געהאט... אבער מאכט ניט אוים וואס די אורזאכע איז געווען — מיין מאנטעל איז גערעטעט געווען, און דאס האט מיר געמאכט באגייסטערט, און

שטימונגען

פון בן הרב

געווידמעט מיין פריינד ב.

קייט האט ווי אין
נעשמידט. דאס
סען פון אלערליי
ון געפיהלען. איך
איך קען אבער
נבענס־זאפט, מיט
ט די נשמות, יע־
בע פילט אן אונ־
ועגליכקייט, וועל־
גרויסע באגעהר
יכעס, וויכטיגעס,
אונזערע הערצער
שאפען עמזואס
ק דער מענשהייט.
ן עס פעהלט מיר
כמעט לעבענסלאז
„פאהר אין קאנ־
„דארט, ארומ־
רייכקייט פון נא־
ט זיך ערהאלען;
וויעדער אנשעפען
טיגער טעטיגקייט.
כחות דארפסטו
עצען די ארבייט.
אלע מאל, דארפ־
הט דיין קערפער
אנגעגענען די נייע
ן אין טיר און וועל־
איבערלאזען פאר
דאך אונפראקטי־
פארלענגערען דעם
נייער צייט, און
דארפען צו קעמ־
ער פינסטערער רע־
גט זיך אן די נייע
ריינקומען אין אונ־
די, וועלכע קליי־
י מיסיאנערען פון
עסטו דארפען בא־
ר טעטיגקייט איז
ער נייער אנקומענ־
ון יענע פינסטערע
פאהר און זאמעל

אין קאנטרי, אין
לדיגע אוצרות פון
זיך דאך אזוי מיעד

וועלכע האט מיך
יין וויכטיגער אר־
נעהאלטען א לאנגע
אין א האספיטאל,
נאר צורודערט מיין
זיך נאך טיעפער
יין נשמה און האט
עמאכט, און דארום
דארום אזא פוסט־

ט ניט מעהר נתפעל
די וואונדער־שעה־
זיינען פון נאטור'ס

האנד געשאפען געווארען, און די בלוט אינ'ם קערפער פריהרט, כאטש די פייערינגע זון ווארפט פולע בונטען גאלדענע שטראהלען און ווארעמט אלעס און אלעמען.

איך קוק אויף די שעהנע, יום טוב־דיג אויסגעפוצטע בערג. איך קוק אויף די מיט גרין באדעקטע פעלדער, וועלכע ציהען זיך מיילען ווייט פאר דעם אויג און מיט זייער רייכקייט באצויבערען זיי יעדע מענשליכע נשמה. איך קוק אויף די שטאלצע בערג, אויף וועלכע עס ציהען זיך דורך געדיכטע וועלדער, און ווי שטאלץ די שטארקע דעמבע־ביימער קוקען אראפ אין די טהאלען און שפרייטען אויס זייערע גרויסע צווייגען, באדעקט מיט געדיכטע ווייכע בלעטער, אונטער וועמעס שוץ מען קען זיך אוועקלעגען און רוהען. איך קוק אויף דעם אלעמען; אמאל פלעגט מיין נשמה ווערען ווי־אויפגעטרייסעלט פון דעם געטליכען נענוס און מיין גאנצע בלוט פלעגט קאכען, זידען. דער גאנצער קערפער פלעגט ווי אנגעצונדען ווערען מיט א פארלאנג צו לויפען אויף די הויכע בערג, אויסמישען זיך מיט דעם גרויסען געדיכטען וואלד און ווערען א טייל פון דער שעהנקייט, רייכקייט פון דער נאטור, און יעצט קוק איך אויף דעם אלעמען און מיין נשמה איז קאלט. קיין ציטער, קיין באגייסטערונג, קיין רייץ זעה איך ניט אין יענע שעהנע, שטאלצע בערג; קיין באגייסטערונג רופען אין מיר ניט ארויס די געדיכטע וועלדער און פעלדער... און עס פארדריסט, עס טוט וועה. איך האב פארלארען דאס טייערסטע, דאס בעסטע, די נשמה־פעדים זיינען ניט מעהר עמפינדליך...

לעצטע נאכט האט די לבנה אין איהר פולער פראכט זיך צושוואומען אויף דעם קלארען בלויען הימעל, וועלכער איז געוועזן ווי מיט דיאמאנטען באשפרינקעלט. זי, די לבנה, האט אזוי גראציעז זיך געגליטשט איבער דעם הימעל, איהר זילבער־ליכט האט דאכט זיך געגלעט דעם קאפ, און סודות טיעפע, סודות ליבע געבראכט. אבער עס איז געווען נאר אויף א מאמענט, און גלייך האט וויעדער די גלייכגילטיגקייט ארייגעטראטען. קאלט האב איך געקוקט אויף דעם הימעל, אויף דער פולער רייכער לבנה; קיין ציטער איז מעהר ניט דורכגעלאפען מיין קערפער.

און אמאל פלעג איך דאך אזוי ליעבען די לבנה־נעכט אין דער קאנטרי. הויך אויף דעם בארג, גאר נאהענט צו די הימלען, פלעגט זיך מיר דאן אויסדאכטען, אז די זילבער־לבנה האט איהר היים געמאכט עקסטרא אויף דעם בארג, אום מען זאל זיין נאהענט צו איהר. עס פלעגט זיך מיר אויסדאכטען, אז איהר בישוף־ליכט האט זי נאר אהער געבראכט און די הארץ פלעגט אויפציטערען פון א גליקזעליגקייט, און די נשמה פלעגט ווי באגאסען ווערען מיט א זיסען באלזאם פון דער זילבער־ליכט פון דער לבנה, וועלכע האט מיט אזא רייכקייט געווארפען פון זיך. דאן האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז די לבנה איז נאהענט נעבען מיר, אז וואס איך דארף איז נאר אויסשטרעקען די האנט און איך וועל גלעטען איהר זילבער־פנים, און ווען איך האב געצויגען, נעשטרעקט די הענט, פלעגט זי, די מכשפה, אזוי ווי א הויב טאן זיך און אוועקרוקען זיך און באהאלטען זיך אויף א בוים צווישען די צווייגען, און דאן פלעגט א געוואלדיגער באגעהר מיך ארומכאפען צו כאפען די שטיפערקע, און א לעבעדיגער, פול מיט פייער, מיט לוסט, פלעג איך לויפען צום בוים. מיט איין שפרונג בין איך שוין געזעסען אויף דעם ערשטען צווייג און שטילערהייד האב איך זיך גע'גנב'עט פון צווייג צו צווייג, צו דער לבנה, וועלכע האט, דאכט זיך, ווי געוואונקען און געחנ'דעלט זיך צווישען די צווייגען; און טאקע אט דאן ווען איך בין געווען זיכער, אז נאך א סעקונדע און די שטיפערקע די לבנה וועט זיך פון מיינע הענט ניט אויסדרעהען, פלעגט זי זיך אוועקגליטשען און מאכען איהר היים אויפ'ן דאך פון שפייכלער, און פון דארט פלעגט זי ווארפען איהר כשוף־ליכט און וויעדער רייצען מיין נשמה און צינדען דארט ליידענשאפטען, פארלאנגען. אט אזוי האב איך געפיהלט, אט אזוי האט מיין נשמה זיך דאן געבאדען אין א געטליכען נענוס. און היינט איז אלעס אזוי פראסטיג און קאלט.

וואכעדיג־פראסטיג ווערט דאך דער לעבען אהן דער פאעטישער שעהנקייט. קאלט, פארפרוירען ווערט דער לעבען ווען אין דער נשמה ווערען אפגעשטארבען יענע חייס פארלאנגען, וועלכע ווארימען און ערגען אונזער בלוט.

מאנאטאנע־פינסטער ווערט דער לעבען ווען אין דער נשמה קלייבט זיך אריין דער פראסטיגער ווינטער, ווען דער נשמה־פייער געהט אויס, און עס ווילט זיך ניט אפשטארבען, עס ווילט זיך ניט ווערען פארטריקענט, עס ווילט זיך ניט ווערען פארוואנדעלט אין א פראסטער חיה!...

ווער וועט אנצינדען אין מיין הארצען א פייער פון פארלאנגען און גרויסע באגעהרען?! ווער וועט אויפטרייסלען מיין נשמה מיט דעם גרויסען וואונש צו טעטיגקייט און צום גרויסען שאפען?!

ווער וועט וועקען אין מיר יענע ענערגיע, יענע כחות, וועלכע וועלען מיך שטארק מאכען אראפצוטרייסלען פון זיך די יאוש־געדאנקען, וועלכע האבען מיין נשמה געפאנגען און אין מיין הארץ זייער היים געמאכט? ווער?

קורצע שמועסן

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

אראנדזשמענט קאמיטע פון דעם וויקטארי באל פון לאקאל 11 בראנזוויל. — אייער איינלאדונג צו אייער באנקעט פון 19־טען דזשוליי ערהאלטען, און מיר וואלטען זיכער געווען מיט אייך און זיך משמח געווען אויף אונזער אלעמענס שמחה, ווען ניט דער אויסערארדענטליך־שלעכטער וועטער לעצטען שבת. מיר זיינען זיכער, אז די שמחה איז געווען גרויס און שעהן, ווי זי האט נאר געקענט זיין אין אלע היבזיכטען. מיר וועלען עס גוט מאכען ביי א צווייטער געלעגנהייט, ווייל מיר זיינען זיכער, אז מיט דעם איצטיגען זיעג, גרויס ווי ער איז, האט זיך נאך ניט געענדיגט דער פארוועהרס־מארש פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן. עס וועלען נאך זיין קעמפע, עס וועלען נאך זיין זיעגע, און עס וועלען נאך זיין שמחות ביי אייך.

מ. ס—ן. — אייער אבת־וויציגער בריוועל האט אזוי אפעלירט צו אונז, אז ווען דאס ליעד וואלט אפילו געווען, חלילה, א שוואכע, וואלטען מיר דאך געהאט א גרויסען חשק עס צו פארעפענטליכען. אין דער אמת'ן, ווי קען מען א מענשען ענטזאגען בלויז א שטיקעלע „גערעכטיגקייט", כאטש פארלאנגען האט ער געקענט „א קאלאניע אין אפריקא", א שטיק „דייטשלאנד" און ז. וו.? אט די געמעסיגקייט אייערע וואלט געוואלדיג צו אונז אפעלירט אפילו דאן, ווען דאס געדיכט וואלט צו אונז ווייניג־וואס אפעלירט. אבער, צום גליק, אי אונז אט דער שווערער קאמף פארשפארט געבליבען. אייער געדיכט איז ווירקליך גוט. עס איז אין איהם אי א געדאנק אי שעהנקייט. יע, מיר האבען זיך דערוואוסט אויף עטוואס רעכטס פון אייך, און עס וועט קירצליך פארעפענטליכט ווערען.

ה. א. — אט איז דער אינהאלט פון אייער ערצעהלונג: א מענש מיינט, אז ער האט שווינדזוכט, פיהלט ער זיך פארצווייפעלט. געהט ער צו א פראפעסאר, געפינט ער אויס, אז ער האט געהאט א טעות. דאס דערצעהלט איהר אויף פיעלע, פיעלע זייטען; אפעלירען מיר צו אייך, איז דאס א יושר אזוי צו פייניגען דעם לעזער? נאטירליך, אז מען מוז פייניגען די לעזער צוליעב א גוטען צוועק, איז עס ניט אזוי געפעהרליך. למשל, ווען איהר העלפט די לעזער דורך אייער שילדערונג ארייגצובליקען אין די נשמה פון דעם פארצווייפעלטען און אין די נשמות פון זיין פרוי און קינדער, וואלט עס שוין געלוינט אייער מיה און דעם לעזער'ס. אבער פון דעם אלעם איז אין אייער ערצעהלונג קיין סמן ניטא. ביי אייך שרייט נאר א מענש מיט משוגה'דיגע קולות. און די געשרייען זיינען פוסטע, אהן א נשמה. זיי מאכען קיין ווירקונג ניט. זיי גיבען קיינעם ניט קיין באגריף פון זיין צושטערטען גייסטיגען צושטאנד. מיר גיבען אייך אלעם דאס צו ערקלערען, כדי איהר זאלט איינמאל פאר אלע מאל פארשטעהן, אז עס איז ניט גלאט אזוי א קאפריז פון אונזער זייט ניט צו דרוקען פון

אב איך זיך גענומען
„אונשטערבליכקייט"
און טאקע מיינע איי־
משטערבליכקייטען",
וען שווער צו לעזען,
ענע זאכען, ווייל לע־
האנדשריפט איזפאר
ד.... דער זעצער טוט
מיר, און — מיט
וט פייער צו שארע,
אר קען איך קיינמאל
ט; די זעצער דער־
יג...
רעדאקטאר שרייען
גוואלדען, זידלען די
דאס קען איך ניט,
יין „גדול"; איך קען
אליידינגע ווען מיינע
יים ווי געהעריג איז...

טיקעל געשריבען מיט
אבען, נור דער נאמען
איז נעווען אונטערגע־
זיג. איך האב אנגע־

המט זיך די זון? יער
פען? די זון וועלכע
וועלכע פארשווינדעט
נאכט, איז א גרויסע
י שייגט ווארפט זי
ער ערד, און מאכבע
וארפט איהרע שטרא־
. אלזא, די זון איז א
אט דיזע גרויסע זאך
ר זאלען אפילו וויסען
אשאפען, פרעגט זיך

ווידער: ווער האט באשאפען דעם וואס האט די זון באשאפען? מוזען מיר אלזא גלויבען אז גאט האט איהר באשאפען. שטעלט זיך ווידער די פראגע: ווער האט באשאפען גאט? אבי ווער האט דאך דאס ניט געקענט טהאן!

„געוועהנליך, ווען מיר זאלען שוין וויסען ווער עס האט באשאפען גאט, וואלט געווען לייכטער פאר אונז צו פארשטעהן ווער עס האט באשאפען די ביליאנען און ביליאסען שטערען און די אנדערע זאכען וועלכע מען זעהט אין הימעל. דאן וואלטען מיר אויך געקענט בעגרייפען ווער עס האט באשאפען די ערד מיט אלע מענשען א. ז. וו. אט דיזע פראגע האט מיר שטענדיג געבויערט דעם קאפ און זי לאזט מיר ניט רוהען. זי איז א זעהר וויכטיגע פראגע און עס איז ווערט אז מען זאל זיך וועגען איהר פערטיפען. ווען מען זאל דאס טאקע אויסגעפינען, וואלט מיר ארונטערגענאנגען א גרויסער קלאפאט פון קאפ, און צווייטענס וואלט איך אפשר געקענט דאן מאכען א לעבען, ווייל די געדאנקען באדערען מיר זעהר פיעל און איך קען קיין רזשאב ניט אנהאלטען; טראכטענדיג וועגען דעם ביי דער מאשין, שטעך איך זיך אריין א נאדעל אין פינגער און איך ווער פערבלוטיגט".

האנקעל ציניגעקי".

דער שרייבער פון דיעזען ארטיקעל האט מיר, אין א בעזונדער בריוועל, געבעטען זיך צו ווענדען וועגען דעם צו די יונגע אידישע ריכטער וועלכע זיינען מענשען וואס זוכען אלע מאל די געהיימניסע אין די הימלען, און זיי רעדען אימער מיט א זון און לבנה און שטערן שפראך...

אבגעפערטיגט זיך מיט דיעזען ארטיקעל, האב איך ווייטער גענומען צו די מאנוסקריפטען.

און אט זיינען קורצע שורות. קורצע שורות האב איך ליעב, אויב זיי זיינען נור ניט דעקאדענטיש און משוגע... אין קורצע שורות שרייבט מען פאעזי, דריקט מען אויס הויכע געפיהלען, גרויסע געדאנקען — געדאנקען און געפיהלען פון ליבע, פון פרייהייט, פון גלייכהייט און פון ברידערליכקייט. איך האב אלזא, גלייך ארייגעווארפען מיינע בליקען אין דיעזע קורצע שורות און איך האב אנגעהויבען צו לעזען:

„דער שטערען"

„ער זאגט אז די וועלט האט איהם
לאנג שוין
אלס גלענצענדען שטערן בעטראכט.
אויב יא, האט די וועלט אין איהם
אימער
א ריעזיגען טעות געמאכט.
ווייל גרויס איז א שטערן פון ווייטען,
פון נאהענטען — א פונק בלויז, און
שעהן;
דאך ער קוקט אויס גרויס פון דער
ווייטען,
פון נאהענט איז ער העסליך און קליין".

וועל, קיין פיעל פאעזי איז אין דאס קליינע געדיכט ניטא. אזוי איז מיין מיינונג. וואס דענקט איהר וועגען דעם? לויט מיינע אנזיכטען זיינען אבער אין דיעזע צייליען דא א סך פונקען פון אמת, ווייל, לויט מיין וויסען געפינען זיך אזעלכע מענשען: וועלכע האלטען זיך פאר „שטערען" און דענקען אז מען דארף זיך קניען פאר זיי. עס קען זיין אז די וועלט וואלט זיי פאר קיין גרויסע שטערען ניט געהאלטען ווען זיי, די „שטערען", וואלטען ניט געשריבען די אדווערטיי־מענטס פאר זיך אין די צייטונגען... אבער, ניט דא סאיז די פראגע. דענקט איהר אז דאס איז א גוטע שטיקעל פאעזי אדער ניט? דאס איז די וויכטיגקייט פון דעם!

אלזא ווייטער:

ווידער קורצע שורות, און — ווידער האט מיר א צופ געטאן צו לעזען עס און איך לעז:

„הער אויף קלעהרען, פראזען קלעפען,
גיעב עס בעסער אפ.
קען מען דען געדאנקען שעפען
פון א פוסטע קאפ?
דאך, ווילסט א טשייניק האקען,
זאגען אויך דיין ווארט,
כאפ זיך צו צו דיין קאלטשאקען,
דארטען איז דיין ארט..."

ניט קיין שלעכט געדיכטעל, שיינט מיר, אבער, וועמען מיינט ער? מיינט ער דאס יענעם אידעל וועלכער בלאפט אין „יענער" צייטונג און גיסט שוועבעל און פעך אויף אלע די וועלכע זיינען ניט מיט אקלטשאקען און זיינע אונטערפיהרער? זאל ער דאס מיינען יענעם אידליק וועלכער וואלט פאר א ביסעל כבוד און קעש דיענען אפילו דעם טייפעל? אז ער מיינט אימיצען — דאס איז זיכער. אבער, וואס איז דער אונטערשיעד וועמען ער מיינט דאס, אזוי לאנג ווי דאס געדיכט געפעהלט אייך איז שוין גוט [illegible] איך וואיל באקומען, [illegible]

א צווייטען פּאַקעט רעסיטס
פון פּוילען יעצט ערהאַלטען

די באַנק אוו יונייטעד סטייטס

האָט יעצט ווידער ערהאלטען נאָך א פּאקעט מיט רעסיטס מיט אונטערשריפטען און גרוסען פון פא־ מיליעס און פריינד אין פוילען, וועלכע האבען באקומען דאָס געלד וואס זייערע אמעריקאנער קרובים האבען גע־ שיקט דורך

מר. ס. לייאָנעל מארקוס

וויט די לעצטע אייניגע מאָנאטען. און אזוי ווייט ווי מיר ווייסען איז דיעזע

די איינציגע באנק אין ניו יארק

צו ערהאלטען רעסיטס. דאָ איז איינער פון די רעסיטס.


17 № [redacted] [redacted]
Rubli [redacted]
na rachunek Wp. C. Lionel Marcus w Paryżu
otrzymałem i z odbioru niniejszem kwituję
Warszawa, d. 28 Maja 1919 r.
M Kukulski Telef 10-82.
Kalmen Heinovif ... w lutym 1918 r. wypłacono ...

דאָס באווייזט, אז מר. ס. לייאָנעל מארקוס אינטערעסירט זיך פערזענליך אין דער לאגע פון אייערע ליידענדע קרובים און טוט אלעס מעגליכע אויסצוצאָהלען אייער געלד ניט נאָר צו די ריכטיגע קרובים שנעל און פּינקטליך זאנדערן ער גיט זיך די גרעסטע מיה זיי צו העלפען מיט ווארט און טאט.

ניט נאָר איז מר. מארקוס באקאנט מיט יעדען ארט, יעדע שטאָדט אן פוילען, ליטא, רומעניען, גאליציען, עסטרייך און אנדערע געגענדען אין יוראפּ, זאנדערן

צעהנדליגע טויזענדער אונגליקליכע

ליידענדע אין יענע טיילען קענען איהם און ווייסען אויף ווי ווייט ער האָט זיך געאָפּפערט זיי איבערצושיקען אייערגעלד.

מר. מארקוס איז ניט קיין נייער מענש דארט. ער דארף ניט זוכען און פרעגען. ער האָט די יאהרען עקספּיריענס און קיין שטונדע ווערט פארלוירען איבערצוגעבען אייער געלד.

אייערע קרובים קוקען ארויס אויף אייך איהר זאָלט זיי רעטען פון הונגער.

שיקט זיי געלד היינט — דורך פּאָסט אָדער טעלעגראַפיש

לעגט ניט אָפּ אויף שפּעטער — ביי דעם הונגעריגען איז א טאָג א יאהר.

סאסייעטיס און לאנדסלייט פאראיינען, וועלכע ווילען שטיצען זייערע ליידענדע ברידער אין זייערע שטעדטלעך דורך. מר. מארקוס זיינען ספּעציעל געלאדען צו קומען אין באנק וועגען אינפארמיישאן.

די יעניגע וועלכע וואוינען אין די קאונטריס זאלען שרייבען צו דער באנק וועגען אלע איינצעלהייטען און איהר וועט ער־ האלטען אן אויספיהרליכען אנטווארט זאפארט און גאנץ פריי.

געלד קען געשיקט ווערען דורך איינע פון די דריי ברענטשעס פון

די באַנק אוו יונייטעד סטייטס

ילענסי סט. | 5טע עוועניו און 32טע סט. | מעדיסאָן עוו. און 116טע סט.

THE BANK OF UNITED STATES, 77-79 DELANCEY ST. 5th AVENUE at 3
MADISON AVE. at 116th ST. NEW YO

אונז גערופען. מיר האבען שוין איינינע זאכען פון אייך צוריקבעקומען, וויל מיר האבען אין זיי ניט געזעהן קיין שפור פון מאלינקייט פון פעהיגקייט, און איהר מוט אונז אויך צו להכעיס, און שרייבט און שיקט ווייטער. זעט דאס דאס מאל אונזער ערקלערונג האבען די נויטיגע ווירקונג? דעם מאנוסקריפט שיקען מיר אייך צוריק, און לייענט איהם איבער נאך אמאל אין דעם ליכט פון אונזער קורצער און מילדער קריטיק.

ע. ד. נ. — איבערגעלייענט דעם גאנצען פּאַפיער בריעף, און מיר געפינען דאס כאטש כמעט געדרעכט אין אלע פונקטען, דאך גלויבען מיר ביט, אויך איצט איז דאס געווען אזוי נויטיג? פארקעהרט, מיר גלויבען, אז פון א נעגעסען שטאנדפונקט וואלט עס געווען גלייכער צו איגנארירען די גאנץ אומבאגרינדעטע און אומגערעכטע אטאקע. וואס אנבאלאנגט דעם פונקט וועגען דעם באשלוס פון דעם דזשענעראל סטרייק און ווי ער איז דורכגעפיהרט געווארען, איז אייער ארגומענט ניט שטארק איבערצייגענד. אבער וואס טויג דאס דעבאטירען איצט? איצט איז די צייט ארויסצושטעלען א פאראייניגטען פראנט אין דער פראגע און איהר ניט קאליע מאכען דורך די מינדסטע אומאייניגקייט. אטאקירען איצט די יעניגע, וועלכע קענען איצט זיין פון זעהר גרויסען נוצען איז געווים זעהר און זעהר ניט קלוג, און ניט רעכט צו מוני און בילינגס, פאר וועמען אין דעם איצטיגען מאמענט איז די הויפטזאך, ווי גיכער ארויסצוקומען אויף די ליכטיגע וועלט פון דער העלע, אין וועלכער די הימלע-שרייענדע אומגערעכטיגקייט האט זיי ארויינגעשלידערט. צוליעב דעם גרונד וועט אייער אגענער בריעף ניט פארעפענטליכט ווערען.

ס. ק. — יע, מיר האבען ערהאלטען דעם סטייטמענט פון א גרופע פון איטאליענער סאציאליסטען, אין וועלכער זיי האבען שטארק פראטעסטירט געגען דעם גאנצען אויפטו פון דער לוקס-קאמיטע אין באצוג צו דער רענד סקול, און מיר האלטען איהם פארעפענטליכט אויך, וויל דער סטייטמענט באווייזט, אז נאך איז דא א געפיהל פון גערעכטיגקייט ביי פיילע מענשען, אבער גראדע באלד איז אונטערגעשפרונגען אונטערמויער מיט זיין באוויזעטען בריעף און זיין שטארקע פארטיידיגונג אין קאורט, און די לאגע האט זיך צוליעב דעם באדייטענד געענדערט: די רעאקציע האט געקראגען איבער'ן קאפ. דערצו נאך איז דער סטייטמענט געווען פארעפענטליכט כמעט אין דער גאנצער קאפיטאליסטישער פרעסע, דעריבער האבען מיר זיך ערלויבט איהם ניט צו פארעפענטליכען, וויל מיר זיינען אין די לעצטע פאר וואכען געווען גאנץ געענגט אין פלאץ. בשום אופן אבער דארפט איהר עס ניט אויסטייטשען, אז מיר האלטען דעם סטייטמענט פאר ניט וויכטיג. פארקעהרט, דער סטייטמענט איז זעהר וויכטיג, און די נעשאנעל סיוויל ליבערטיס ביורא האט צו אלע איהרע גרויסע פארדיענסטען אין דער זאך פון פרייהייט נאך איין גוטען אויפטו צו איהר קרעדיט.

נ. — ניין, עס איז אונז ניט געפעלען. פערזענליך, ווען עס וועט אויסקומען, וועלען מיר אייך ערקלערען, וואס אייגענטליך מיר האבען אויסצוזעצען געגען אזא סארט שרייבען. נעמט ניט פאר אומגוט.

True translation filed with the Postmaster at New York City, on August 1, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th. 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דעם צווייטען מאל ווען איהר נעהמט אין רענדסקול, קויפט

„סאוויעט רוסלאנד“

דעם אפיציעלען ארגאן פון דער רוסישער סאוויעט-רעגירונג ביורא.

אין דעם וועכענטליכען מאגאזין קענט איהר לעזען דעם אמת וועגען רוסלאנד. ער קאסט צעהן סענט. ער דרוקט אפיציעלע נייעס פון אלע פאסירונגען אין רוסלאנד און אויך ערקלעהרונגען פון אמעריקאנער און אנדערע וואס האבען געווייזט אין רוסלאנד זינד דער גרויסער פראלעטארישער רעוואלוציאן.

לעזט ווי די באהאנדלונגען פון די אידען אין רוסלאנד האט זיך געביטען צו בעסער אונטער די סאוויעטען.

סובסקריפשאן פרייז — $2.50 פאר א האלב יאהר.

צו באקומען אויף אלע ניוס-סטענדס. 10 סענט.

$1.25 פאר דריי מאנאטען.

נומער 9, וועלכער איז ערשיענען היינט, ענטהאלט פאלגענדעס:

דער אמת וועגען די רוסישע סאוויעטען — מ. פהיליפס פריים.
אין סעמיאנאוו'ס גן-עדן.
אמעריקא'ס נויט אין רוסישער רויהע מאטעריאלען.
איטאליען געגען דער רוסישער אונטערנעהמונג.
"די נאציאנאליזירונג פון די פרויען."
עדיטאריעלעס און אנדערע זאכען.

אדרעס:

SOVIET RUSSIA,
110 West 40th St., Room 303, New York City.

יוניאנס קומען צו הילף די רענד סקול

די רענד סקוהל מעלדעט, דאס איינינע יוניאנס האבען זיך שוין אפגערופען איהר צו העלפען אין איהר קאמפף געגען די פארפאלגונגען, וואס ווערען גענען איהר געמאכט פון דעם רעאקציאנערען „רעפאבליקען יוניאן ליעג קלאב“, פון דער לוסק אונטערזוכונגס-קאמיטע און פון אטוירני דזשענעראל פון ניו יארק סטייט.

אין א רעזאלוציאן, וואס די אינטערנעשאנאל פאר ווארקערס יוניאן האט לעצטענס אנגענומען, ווערט צווישען אנדערעס געזאגט:

„די רענד סקוהל איז א געזעצליכע אינסטיטוציע, געשאפען פאר'ן צוועק אויפצוקלעהרען די ארבייטער איבער סאציאלע און עקאנאמישע פראגען, און אזא אויפקלעהרונג איז פון גרויס וויכטיגקייט פאר די ארבייטער-מאסען.“

אין דער רעזאלוציע ווערט אויסגעדריקט א שטארקער פראטעסט געגען די אלע פארפאלגונגען געגען דער רענד-סקוהל, געגען די אלע שרעקליכע מעשיות וואס ווערען פארשפרייט וועגען איהר, און די יוניאן פארפליכטעט זיך צו העלפען די רענד סקוהל מאראליש און פינאנציעל. די רעזאלוציע דריקט אויך אויס די האפנונג, אז אלע אנדערע יוניאנס וועלען טאן דאס זעלביגע.

א צווייטע רעזאלוציע פון דעם זעלבען כאראקטער איז אנגענומען געווארען פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון די „יונייטעד קלאטה העט און קעפמייקערס יוניאן אוו נארטה אמעריקא“.

אין דער רעזאלוציע ווערט געזאגט, דאס מיט די אטאקען געגען דער רענד-סקוהל איז מען אויסען צו פארניכטען די פרייהייט פון ערציהען און צו שעדיגען די אויפקלעהרונגס-ארבייט צווישען די ארבייטער. אין עס ווערט אויסגעדריקט אין דער רעזאלוציע א העפטיגער פּראטעסט געגען די אלע פארפאלגונגען. די אטאקען אויף דער רענד-סקוהל, ווערט געזאגט, איז אן אנגריף אויף דער ארבייטער-באוועגונג, און די יוניאן פארפליכטעט זיך צו העלפען די רענד סקוהל מיט אלע מעגליכקייטען.

די בעאמטע און די אויפזעהער פון דער רענד-סקוהל שלאפען אויך ניט. אלעס ווערט געטאן ניט צו דערלאזען די רעאקציע אזוי אונפארשעהמט בושעווען. גליקליכערווייזע האט זיך מיט דער קיים פזוראינטערעסירט דער באוואוסטער לאיער סעמיועל אונטערמייער און ער האט שארף ארויסגעטראטען געגען אלע פארפאלגער פון דער רענד סקוהל. ער האט זיך אונטערנומען זיי אלעמען צו ברענגען צו פאראנטווארטליכקייט דורכ'ן געריכט. דאס אבער דארף קאסטען א סך געלד, און די רענד סקוהל אפעלירט צו אלע יוניאנס און ראדיקאלע ארגאניזאציאנען נאך הילף.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז עס איז נויטיג, דאס אלע ראדיקאלע ארגאניזאציאנען זאלען זיך באלד אפרופען און שטעלען די רענד סקוהל זיך פארטיידיגען געגען אלע אנגריפען פון'ם ראדיקאלען געדאנק.

* * *

עס פרעהט אונז צו מעלדען, דאס מיטוואך האט די רענד סקוהל געוואונען אין געריכט. דזשאדזש מעקעוואי, פון סופרים קאורט, האט אינגאנצען ארויסגעווארפען די קיים פון אטוירני דזשענעראל ניומאן, וועלכער האט זיך פארמאסטען די רענד סקוהל צו פארמאכען. אבער די זאך איז נאך ניט געענדיגט; די פארפאלגונגען געגען דער רענד סקוהל וועלען געווים ווייטער אנגעהן, אי מצד דעם אטוירני דזשענעראל און אי מצד דער לוסק קאמיטע. די סקוהל נויטיגט זיך, אלזא, איצט הילף איצט פונקט ווי פריהער, און זאלען דעריבער אונזערע יוניאנס טאן זייער פליכט.

קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשעלעס אין פולען גאנג.

דער סטרייק פון די קלאוקמאכער אין לאס אנדזשעלעס געהט אן נאך מיט מעהר פרישקייט ווי פריהער, און ער וועט זיכער געוואונען ווערען.

מיר האבען שוין פריהער אויפמערקזאם געמאכט אין דער „גערעכטיגקייט“, אז די באסעס פון יענער שטאדט זוכען צו ברענגען אהין קלאוקמאכער פון אנדערע שטעדט. מיר ווארנען נאך א מאל אונזערע מעמבערס, אז זיי זאלען איצט ניט פאהרען קיין לאס אנדזשעלעס צו דער ארבייט.

ווי די לעזער וועלען זעהן אין א צווייטען פלאץ אין דער צייטונג, האבען די קלאוק-מאנופעקטשורערס פון לאס אנדזשעלעס געזוכט צו פארשפרייטען א קלאנג, אז דער דארטיגער סטרייק האט ניט די צושטימונג פון אונזער אינטערנעשאנאל און אויך ניט פון די קערפערשאפטען פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר. ביידע זאכען זיינען, נאטירליך, ניט אמת. אונזער אינטערנעשאנאל שטיצט דעם סטרייק, און אויך דער סענטראל לייבאר קאונסיל פון יענער שטאדט האט דעם סטרייק פאלשטענדיג אינדאסירט. די פאלגענדע טעלעגראמע, וואס איז אנגעקומען אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל דעם מאנטאג אין דער פריה, וועט דאס באשטעטיגען:

„אב. באראף, סעקר. אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, 31 יוניאן סקווער, ניו יארק סיטי.

דער לאס אנדזשעלעסער סענטראל לייבאר קאונסיל, אויף זיין רעגעלען מיטינג, פרייטאג, דעם 25טען דזשולי, האט אינדאסירט דעם סטרייק פון לאקאל 52 א. ל. ג. וו. י. מיר וועלען מאכען אלע אנשטרענגונגען צו מאכען דעם סטרייק ערפאלגרייך.

דזש. ב. דייעל, ארגאנייזער.

די טעלעגראמע רעדט פאר זיך אליין און אירגענד וועלכע פרושים זיינען איבעריג.

קלאוק פינישערס לאקאל 9

א דזשענעראל מעמבער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען שבת, דעם 16טען אויגוסט אין

קופער יוניאן

(8טע סטריט און 3טע עוו.)

זעהר וויכטיג. וואטשט ווייטערע אנאנסמענטס.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

דזש. האלפערן, מענעדזשער.

קלאוקמאכער!

אלע די וואס ארבייטען אין אינדעפענדענט שעפער פון דער 15טער סטריט און העכער, זיינען געבעטען צו ברענגען זייערע קאמפליינס אין 40 איסט 23טע סטריט, אויפ'ן ערשטען פלאאר, אונטער דעם מענעדזשמענט פון ברודער ד. ניסענעוויטש.

אלע די וואס ארבייטען אין אינדעפענדענט שעפער פון דער 15טער סטריט ארונטער זיינען געבעטען צו מאכען זייערע קאמפליינס אין דעם דאון-טאונער אפיס אין 35 א. 2טע סט. ווי בעפאר.

דזשאינט באארד קלאוק סקוירט און ריפער מאכער יוניאן.

ל. לאנגער, סעק.

לייִדיס טיילאָרס און אָלטעריישאָן ארבייטער
לאָקאַל 80.

א דזשענעראל מעמבער מיטינג
ווערען אפּגעהאלטען ווערען

דינסטאג, דעם 5טען אויגוסט, 8 אוהר אבענד
אין מאונט מאָריס האָל, 1362 5טע עוועניו

צו דיסקוטירען די פאָדערונגען פון דעם נייעם אגרימענט, וועלכער וועט אין גיכען דאַרפען אריין אין קראַפט מיט די בעלי־הבתים פון אונזער טרייד.

יעדער מעמבער זאל זיך מאכען צו אויפגאבע צו קומען צו דיעזען העכסטע וויכטיגען מיטינג.

עקזעקוטיוו באָארד לאָקאל 80
ה. הילפּמאן, סעקרעטער

...זאַמינערס,
...ערס, בושלערס יוניאָן, לאָקאל 82 א. ל. ג. וו. י.
...יסט 1טע סט. טעל. סטייוועסאנט 7787

גענעראל מעמבער מיטינג
...אונזער יוניאן, וועט אפגעהאלטען ווערען
...ג, 7.30 אוהר אבענד, אויגוסט 4, 1919
אין 62 איסט 4טע סטריט

...עכען די ווייטערע אויפגאבען און ארבייט פון אונ־ ...צו מאכען אונזער ארגאניזאציאן פעסט און זיכער ...די בעסטע נוצען פון אונזערע מעמבערס.

...מיטינגען זיינען די ערשטע וואס אונזער יוניאן האט זינט דעם גע־ ... איהר זייט דארום געבעטען צו זעהן אז אונזערע מעמבערס ...נאך נייע יוניאן ליים, זאלען געוועהנט ווערען צו אטנערען רע־ ...מעמבער מיטינגס.

...עקזעקוטיוו באָארד לאָקאל 82
...לאט, סעק. מ. י. אשפיז, מענעדזשער

---

4 זאכען מוזט איהר האָבען
אום הנאה צו האָבען פון אייער וואַקיישאָן

גוטע, געזונטע לופט, שעהנע געגענד, גוטע, פרישע און געשמאַקע עסענס, באַקאַנטע און אנגענעהמע געזעל־שאפט.

דאָס אלעס זיינט איהר זיכער צו האָבען ווען איהר פאָהרט אויף אייער וואַקיישאָן צו אייער באקאנטען

A. ELLNER & M.WANGEL'S FLEISCHER HOUSE

דער פּלאַץ געפינט זיך אין שעהנסטע און העכסטע מאונטיין געגענד. ד... הויז און קאָטעדזשעס זיינען איינגעפיקסט מיט אלע מאָדערנע אימפּרואוומענטס... געפינט זיך בלויז 10 מינוטען גאנג פון סטיישאָן, אייגענע קיה טשיקענס או... גארטען וואס סופּלייט אין גאנצען דאס מילכיגע, פלייש, אייער און ועדזשע... טייבעלס. די עסענס ווערען געקאָכט פון אן עקספּערט שעף. פיעלע אמיוז... מענטס, בייטהינג און פישינג, דענס האָל, פול און ביליארד קאסינא, מיוזיק בי... די מאָהלצייטען, טענים קאורט, לייברערי, א. ז. וו.

פאר פאָלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט דער מענעדזשינג פּראָפּ... רייעטאָר, א. עללנער. פאר מעהר איינצעלהייטען אדרעסירט צו

A. ELLNER, FERNDALE, SULLIVAN COUNTY, BOX B.

...אוק פינישערס פון לאָקאל 9
אויפמערקזאם

...פינישערס וועלכע האָבען קיין פּלעצער צו דער... ...ינען אויפגעפאָדערט צו קומען באלד אין אונזער ...צווייטע עוועניו, וואו איהר וועט קריגען פּלע־ ...ר ארבייט.

...ריגען יעדען טאג קאלס פאר פינישערס, פון פיעלע ...אבעל פירמעס. דארום איז יעדער פינישער אויפ־ ...ט ניט ארום צו געהן אין די גאסען אדער אין די שע־ ...אליין א דזשאב. דער יעניגער פינישער וועלכער ...געהן זוכען א דזשאב, וועט ניט קריגען קיין וואָר־ ...

...טשערלייט! מיר אפּעלירען צו אייך, דאס ...ט טאָן אייער פליכט און לאָזט קיין פינישער ארביי־ ...א ווארקינג קארד פאר דעם זעלבען שאפּ.

...קינג קארדס קען מען קריגען נאָר אין לאָקאל.

...י עקזעקוטיוו באָארד לאָקאל 9
דזש. האלפּערן, מענעדזשער.

די יוניאן־קאָאָפּעראטיוו סאָסייעטי
לאָקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך

ווייט לילי טהעע
קאָלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשא...

טעלעפאָן גרעמערסי 2441
די לענאַרד פּרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ...

ריזע ציימונג
ווי אויך פיעלע אַנדערע אידישע און ענ־ לישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אָפּ־טו־דייט פּרינטינג קאָ.
195 קאַנעל סט. ניו יארק
טעלעפאָן 5425 פרענקלין.

טשאטהאם פּרינטינג קאָ.
2 איסט בראָדוויי
קריגט אונזער עסטימייט.

י. קראוז
בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פּ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאָן סטריט. ניו יארק

A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484־90 6טע עוועניו,
ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.



בּאַרנעט
ל. בעקער

אפּטאָמעטריסט און אָפּטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

...און סקוירט פרעסערס יוניאן לאָקאל 35
אויפמערקזאם!

...אלע פרעסערס זיינען אויפגעפאָדערט מעהר ...צו געהן סיי אין פּארק און סיי אין 5טע עוועניו. ...די וועלכע זוכען דזשאָבס זאָלען זיך קומען רע־ ...סטרירען אין דער יוניאן.

...י מעמבערס, וואס וועלען זיך ניט רעדזשיס־ ...רען, וועלען ניט קריגען קיין קאַרדס צו געהן ...ער ארבייט.

...עקזעקוטיוו באָארד אף לאָקאל 35
דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.

SUMMIT HOUSE, Greene County, N. Y. EAST WINDHAM,

„דער פּעריל פון די קעטסקילס", 2900 פוס הויך, אימער קאלטע ווינטלא... פינף סטייטס קען מען דאָרט זעהן מיט דער נאקעטער אויג. מאָדערנע אי... פּרואוומענטס, בייטהינג, שיפּינג און פישען אין דער „זילבער־לייק".

פּרייזען זעהר מעסיג. ווארום ניט פאַרברייגגען אייער וואַקיישאָן מיט אונ... שרייבט צו אלעקם מ. קאפּשטיין, פּראָפּ.

וויכטיג פאר שאפ טשערליים און מיטגליעדער פון דער קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן

יעדער ארבייטער וואס קומט ארויף אין א שאפ ארביי־טען מוז האבען א ווארקינג קארד אויף וועלכער עס זאל זיין אויפגעשריבען דער נאמען פון דעם מעמבער, און אויך דער נאמען פון דער פירמא. קיין אנדער ווארקינג קארד איז ניט גילטיג.

* * *

ווארקינג קארדס דארפען בלויז געביטען ווערען ווען מען געהט ארויף אויף א נייעם פלאץ צו דער ארבייט.

* * *

ווען איהר געהט ארויף אויף א נייעם פלאץ צו דער אר־בייט און געהט ארויסנעהמען א נייע ווארקינג קארד, מוזט איהר ברענגען די פריהערדיגע ווארקינג קארד, ווען ניט, וועט איהר קיין נייע ווארקינג קארד ניט באקומען.

* * *

פון מאנטאג, דעם 21טען דזשולייי, וועלען פארלויפיג ווארקינג קארדס ארויסגעגעבען ווערען אין די אפיסעס פון די לאקאל יוניאנס. יעדער מעמבער זאל זיך ווענדען צו זיין לאקאל יוניאן נאך א ווארקינג קארד.

* * *

מיר מאכען אויפמערקזאם אלע אונזערע מעמבערס אז סטאפען פון דער ארבייט אהן אן ארדער פון דער יוניאן איז א פארברעכען געגען דער יוניאן. לעזט דורך דעם פאלגענ־דען פאראגראף פון אונזער אינטערנעשיאנעל קאנסטיטו־שאן:

„אונטער קיינע אומשטענדען טאהט איהר ניט סטאפען פון דער ארבייט אדער ארויסגעהן אין סטרייק אהן א בע־פעהל פון דער יוניאן. יעדער אונגעזעצליכער סטרייק איז א פארברעכען געגען דער יוניאן."

וויכטיג פאר די קלאוקמאכער!

אלע קלאוק־מאכער, וואס האבען נאך ניט קיין פלעצער צו דער ארבייט, ווערען אויפגעפא־דערט צו קומען יעדען טאג אין זייערע לאקאל אפיסעס און פון דארט וועלען זיי געשיקט ווע־רען ארבייטען.

די מאנופעקטשורערס, וואס וועלען דארפען האבען ארביי־טער, וועלען אפרופען די יוניאן אפיסעס און די נוי־טיגע מענשען פארלאנגען.

געדענקט זשע, שוועסטער און ברידער, אז אויב איהר דארפט א פלאץ צו דער ארבייט געהט אין אייערע לאקאל יוניאנס

צו געהן איבער די גאסען זוכען דזשאבס, איז ניט קיין גוטע פאליסי.

דזשוינט באארד קלאוק' סקוירט
און ריפער מאכער יוניאן

מ. זיגמאן, דזשענ. מענעדזשער.

וויכטיגע בעקאנטמאכונג!

צו אלע שאפ טשערלייטע פון דער

ווייסט און דרעס־ מאכער יוניאן

לאקאל 25

אנפאנגענדיג מיט דעם 1טען אויגוסט, 1919, מוזען אלע מיטגליעדער פון אונזער יוניאן מאכען זייערע צאהלונגען אויף די גרינע קארדס וואס ווערען יעצט ארויסגעגעבען פון רעקארד דעפארטמענט, פאר דעם נעקסטען האלב־יאהר —

דאס איז א יוניאן־ביכעל און ווארקינג־קארד צו דער זעלבער צייט

דער קאליר באצייכענט אויף ווי לאנג די קארד איז גוט. נאר מעמבערס וואס וועלען האבען די גרינע קארדס, וועלען באטראכט ווערען אלס גוטשטעהענד, און נאר די וועלען זיין בארעכטיגט צו פרעפערענס אין קריגען ארבייט.

יעדער טשערמאן ווערט דאריבער באאויפטראגט צו אינסטרואירען אלע ארבייטער פון שאפ באלד אפצוצאהלען אלע זייערע שולדען — דיוס און אסעסמענטס — און קריגען א גרינע קארד.

מיט גרוס,

עקז. באארד ליידיס וויסט און דרעסמייקערס
יוניאן, לאקאל 25 א. ל. ג. וו. י.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

דער

ארבייטער רינג

איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.

דער ארבייטער רינג איז ניט בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעל־שאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שטיצט אייך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמ־בערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמ־פעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N. Y.

לעזער פון „גערעכטיגקייט", פאטראנייזט אונזערע אדווערטייזער!

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). צו מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק. און וועל איהר ניט פאר־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 30. New York, Friday, Aug. 8, 1919. פרייטאג, דער 8טער אויגוסט PRICE 3 CENTS

ווידער א גרויסער זיעג אין שיקאגא

א גלענצענדער סעטעלמענט אין דער סקוירט און דרעס אינדוסטרי.— נאך אייניגע קאנפערענצען קומט פרעזידענט שלעזינגער צו א פריעדליכען אויסגלייך מיט צוויי אסאסיאיישאנס פון מאנופעקטשורערס. — די יוניאן ווערט פאלשטענדיג אנערקענט. — די ארבייטער באקומען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, א מינימום סקייל און נאך אנדערע פארבאסערונגען. — די ארבייטער־מיידלעך הייסען גוט דעם אגרימענט אויף א זעהר ענטוזיאסטישען מיטינג אין עמפייר טעאטער. — פרעזידענט שלעזינגער און ארגאנייזער האכמאן באקומען שעהנע בלומען־בוקעטען אלס אויסדרוק פון אנערקענונג. — די גאנצע שיקאגא׳ער ארבייטער־וועלט פרעהט זיך מיט׳ן גרויסען זיעג!

און אזוי געהען מיר אימער פארווערטס, פון זיעג צו זיעג! עס געהט ניט אוועק א וואך, מיר זאלען ניט האבען צו בעריכטען פון א נייעם זיעג, פון איינגענומענע נייע פאזיציעס.

דעם מאל איז דאס די סקוירט און דרעס אינדוסטרי פון שיקאגא.

אונזערע מיטגליעדער געדענקען נאך גוט דעם הארטנעקיגען קאמף, וואס מיר האבען דארט געהאט מיט א יאהר צוריק, וועלכען מיר זיינען געצוואונגען געווען אויפצוגעבען אין מיטען צוליעב די „אינדזשאנקשאנס", די פארפאלגונגען פון די געריכטען; די בעלי בתים האבען זיך דעמאלט געפרעהט, זיי האבען געמיינט אז די אינדוסטריע וועט שוין אייביג בלייבען ניט ארגאניזירט. אבער זייער שמחה האט ניט לאנג אנגעהאלטען. די ארבייטער האבען זיך דעמאלט טאקע צוריקגעקערט אין די שעפער געשלאגענע, פארלארענע, זיי זיינען אבער פארבליבען אין הארצען געטרייע יוניאן־לייט, וועלכע האבען געווארט אויף דער ערשטער געלעגענהייט זיך ווידער צו ארגאניזירען, ווידער צו קעמפפען פאר זייערע רעכטע און פאר׳ן רעכט צו האבען אן ארגאניזאציאן.

און זיי האבען ניט לאנג געדארפט ווארטען. עס איז אריבער בלויז איין יאהר צייט און די געלעגענהייט איז געקומען. אויפ׳ן רוף פון דער יוניאן האבען זיך די ארבייטער מאסענווייז ווידער אנגעשלאסען אן דער ארגאניזאציאן. עס האט זיי ניט אפגעשראקען די צרות וואס זיי האבען געליטען מיט א יאהר צוריק, דער אויסגעשריי: „עס לעבע די יוניאן!" האט גאר אויף דאס ניי אלעמען באגייסטערט. און ווען פרעזידענט שלעזינגער איז גלייך נאכ׳ן זיעג אין קליוולאנד געקומען אין שיקאגא, האבען שוין דארטען די סקוירט, וועיסט און דרעסמאנופעקטשורערס געפיהלט, אז דעם מאל וועלען „אינדזשאנקשאנס" שוין אויך ניט העלפען! און ווילענדיג אדער ניט ווילענדיג, האבען זיי געמוזט קומען מיט איהם און א ספעציעלער קאמיטע פון לאקאל 100 צום גרינעם טיש און אנפאנגען פארהאנדלונגען דורך קאנפערענצען. עטליכע קאנפערענצען זיינען אפגעהאלטען געווארען און דער רעזולטאט איז א גלענצענדער.

אט זיינען די הויפט פונקטען פונ׳ם אגרימענט צווישען דער יוניאן און די צוויי אסאסיאיישאנס:

1) פאלשטענדיגע אנערקענונג פון דער יוניאן.
2) 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.
3) טאים און א האלב פאר אווערטיים ארבייט.
4) 6 און א האלב ליגעל האלידעיס.
5) פרייז קאמיטעס און שאפ טשערלייטע אין יעדען שאפ.
6) א מאשינערי צו סעטלען דיספיוטס אין די שעפער.
7) גלייכע צוטיילונג פון דער ארבייט.
8) די פאלגענדע מינימום סקיילס:

קאטערס 39 דאלאר א וואך.
דרייפערס 23 דאלאר א וואך.
העמסטיטשערס 20 דאלאר א וואך.
עקזאמינערס 20 דאלאר א וואך.
פינישערס 17 דאלאר א וואך.
באטאם בייסטערס, 17 דאל. א וואך.
קלינערס 14 דאלאר א וואך.
סעמפעל מייקערס 26 דאלאר א וואך.
אפרייטארס, שטיק ארבייט 85 סענט א שטונדע.
פרעסערס, שטיק ארבייט, 95 סענט א שטונדע.
פינישערינס, שטיק ארבייט, 60 סענט א שטונדע.

9) די שטיק ארבייטער קריגען געריזט אויף די ארבייט וואס איז געסעטעלט געווארען ביז אהער פון 5 ביז 20 סענט אויף יעדען גארמענט אויף די פריהערדיגע פרייזען.
10) די וואך ארבייטער קריגען געריזט פון 2 ביז 5 דאלאר א וואך אויף זייערע פריהערדיגע פארדינסטען.

פרייטאג נאכמיטאג דעם 1טען אויגוסט, האבען זיך פארזאמעלט די דרעס און סקוירט מייקערס פון לאקאל 100 אין עמפייר טעאטער, צו פייערען דעם זיעג פון זייער יוניאן און צו ראטיפיצירען דעם אגרימענט וואס איז געשלאסען געווארען מיט די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאנס פון זייער אינדוסטריע.

אזוי ווי אין שיקאגא געהט אן א קאר סטרייק, זיינען נאהענט פון 15 הונדערט מעמבערס געקומען אויף טראקס, אויטאמאבילס און צופוס פון מיילען ווייט, צו זיין אנוועזענד ביי דיעזע אינטערעסאנטע פייערונג אין דעם עמפייר טעאטער.

אויף די פנים׳ער פון די מיידלעך, וועלכע שטעהען מיט דער יוניאן זייט זי האט זיך ארגאניזירט, האט גערוהט א צופרידענער שמייכעל, וועלכער האט געוויזען אז זיי באגרייפען די וויכטיגקייט פון זייער פיאנערען־ארבייט צו קעמפפען און לײדען און ברענגען די יוניאן צו דער מדרגה, אין וועלכער זי געפינט זיך היינט.

די גרויסע צאהל אנוועזענדע, פון וועלכע 90 פראצענט זיינען געוועזען יונגע מיידלעך און פרויען, האבען ארויסגעציינט זייער באגייסטערונג דורך אפטע און שטארקע אפלאדיסמענטען פאר די בעאמטע און פיהרער פון דער יוניאן און זייער אנערקענונג האבען זיי ארויסגעוויזען צו זיי דורך שעהנע גרויסע בוקעטען בלומען, מיט וועלכע זיי האבען פרעזענטירט פרעזידענט שלעזינגער און דזשוליוס האכמאן, דעם אינטערנעשיאנאל ארגאנייזער.

פרעז. שלעזינגער האט באקומען א שטורעמדיגע אוואציע. אזוי גיך ווי ער האט זיך באוויזען אויף דער פלאטפארם פון טעאטער האט אויסגעבראכען א דונערדיגער אפלאז.

דער טשערמאן פון דעם היסטארישען מיטינג איז געוועזען וויס פרעזידענט ה.

(שלוס אויף זייטע 2.)

רעינקאוט מאכער זיעגרייך שוין צוריק ביי דער ארבייט

דער גענעראל סטרייק פון די רעינקאוטמאכער יוג. לאק. 20, איז געענדיגט. מיט דער אויסנאמע פון א צוויי שעפער אין ניו יארק, זיינען שוין אלע סטרייקער זיעגרייך צוריק ביי דער ארבייט. און ווען מיר זאגען זיעגרייך, מיינט עס אין פולען זינען פון ווארט. דורך דעם קורצען סטרייק האבען די רעינקאוטמאכער פון ניו יארק געוואונען דיזעלביגע באדינגונגען ווי אונזערע בראווע קלאוקמאכער.

אט זיינען די הויפט פונקטען:

1) וואך־ארבייט.
2) א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.
3) א מינימום סקייל פון 44 דאלאר א וואך פאר אפרייטארס און סעמענטערס. 39 דאלאר א וואך פאר קאטערס, 38 דאלאר א וואך פאר פרעסערס און 25 דאלאר פאר באטאן נעהער.

באמערקענסווערט איז דער פאקט, וואס דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען אין די ארומיגע שטעדטלעך גראדע אזוי גוט ווי אין ניו יארק. אין אלע דיעזע רעינקאוט שעפער וועט מען איצט ארבייטען אונטער דיזעלביגע ארבייטס־באדינגונגען. די יוניאן איז פאלשטענדיג אנערקענט און מען קען ערווארטען, אז אין דעם טרייד וועט איצט זיין פולע 100 פראצענט יוניאן. עס איז ווירקליך א גרויסער זיעג און די בעאמטע פון לאקאל 20 אין די פיהרער פון סטרייק מעגען זיך ווירקליך גראטולירען!

דער רעינקאוט מאכער סטרייק איז נאך לעצטען שבת ערקלערט געווארען אפיציעל אלס געענדיגט. די דזשענעראל סטרייק קאמיטע איז אויפגעלעזט געווארען און דיעזע קאמיטע איז באדאנקט געווארען פאר דער טיכטיגער ארבייט דורך דער צייט פון סטרייק. אויף אנאנדער פלאץ אין דער צייטונג ווערען דערמאנט אלע די וואס האבען געהאלפען דעם סטרייק אזוי שנעל געווינען.

דער עקזעקוטיוו באארד פון דער יוניאן איז שוין צוריק ביי זיין נארמאלער ארבייט. אין די רייהען פון די מיטגליעדער הערשט גרויס צופרידענהייט. די מיטגליעדער האבען גרויס צוטרויען צו די בעאמטע פון דער יוניאן און לאקאל 20 וועט איצט זיך נעמען באפעסטיגען נאך מעהר, ווי ער איז דאס געוועזען איידער ווען פריהער.

מ. פינקעלשטיין ווערט טשיעף קלוירק פון לאק. 25

ברודער מאקס פינקעלשטיין, וואס איז פאר די לעצטע עטליכע יאהר געווען מענעדזשער פונ׳ם פראטעקטיוו דיוויזשאן פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן, איז דעם דינסטאג אווענט אנגעשטעלט געווארען אלס טשיעף קלוירק פון דער וועיסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25. דאס איז געטאן געווארען דינסטאג אווענט, ביי דעם מיטינג פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד פון דער יוניאן. ברודער פינקעלשטיין וועט האבען אונטער זיין אויפזיכט אלע אסאסיאיישאן שעפער פון דער יוניאן.

מיר ווינשען גליק ברודער פינקעלשטיין אין זיין נייעם אפיס. לויט ווי מיר וויסען, האט ער גאנץ גוט געמאכט אלס טשיעף פון „פראטעקטיוו דיוויזשאן" אין דער קלאוקמאכער יוניאן און עס איז צו האפען אז ער וועט זיכער אויך גוט מאכען אין דער וועיסט מאכער יוניאן. ער האט א סך ערפאהרונג אין דער ארבייט און מיט דעם ברידערליכען מיטארבייטען פונ׳ם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 וועט ער זיכער זיין ערפאלגרייך אין זיין נייעם וויכטיגען אפיס.

אינהאלט־פארצייכניס

נומער 30 („גערעכטיגקייט").

זייט 2. די וואך — ש. יאנאווסקי.
זייט 3. אונזער ערפאלג אין דער קארסעט אינדוסטרי — סאול זיידמאן. דער מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער.
זייט 4. א שטימע פון פילאדעלפיא — א. סילווער. אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17 — דזש. העללער.
זייט 5. עניינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — א סטעף רעפארטער. שטערבליכקייט אין אמעריקא — דר. מאקס געטנער.
זייט 6. דריי מיטינגען פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 7. די אויפלעבונג פון די רעינקאוט־מאכער לאקאלס — ל. פינקעלשטיין. ליעבע אדער האס? — (פעליעטאן)—עליאס ליבערמאן.
זייט 8. לינדעלין — יאנאס ליע. אידיש, פון זישא לאנדוי.
זייט 9. דער מענש ביי׳ם ים (געדיכט) — מ. סילווערמאן. וועגען קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשעלאס.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר — ש. יאנאווסקי.
זייט 12. די טעאטער זייט פון דער נעגער־פראגע — נ. בוכוואלד. הימעל, ערד און בינא (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. ער ליעבט די היץ (הומארעסקע) — באנקיר פאן יאסעלדארף.
זייט 14. קאנגרעסלייט מיט יוניאן ביכלאך אין קעשענע — ב. מיימאן. נו, א וואך! דר. ק. לעא.
זייט 15. סאפא, די גרויסע גריכישע פאעטעסע — דר. אסתר לוריע.
זייט 16. קורצע שמועסען.
זייט 17. ווי ארויסצונעהמען סימיזען פייפערס.
זייטען 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. דער קלאוקמאכער סטרייק אין טאראנטא. דער וועיסט סטרייק אין סקענעקטעדי געסעטעלט. ווי עס לעבט זיך אין דער יוניאן הויז פון לאקאל 25. — די ס. פ.

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

מיס מארגארעט באנפיעלד. די באַ־ריהמטע ענגלישע ארבייטער־פיה־רערין אין דער יוניטי הויז.

(א כאראקטער בילד).

צווישען די עטליכע געצעהלטע פרויען, וואס האבען אויסגעגעבען זייער גאנצען לעבען. געווידמעט זייער גאנצע ענערגיע צו די אינטערעסען פון די ארבייטער־מאַסען. פארנעמט איינעם פון די אנגעזעהענ־סטע פלעצער די באקאנטע פיהרערין און וועג־ווייזערין פון דער בריטישער ארגאני־זירטער ארבייטערשאפט. מיס מארגארעט באנפיעלד.

מיס באנפיעלד געפינט זיך איצט דא אין אמעריקא. זי איז אהער געשיקט גע־ווארען פון דער בריטישער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אלס פארטרעטער צו דער קאנווענשאן פון דער „אמעריקאן פעדע־ריישאן אוו לייבאר“. וואס איז ניט לאנג צוריק אפגעהאלטען געווארען אין אטלאנ־טיק סיטי.

איהר רעדע אויף דער דאזיגער קאנ־ווענשאן און איהר פריהערדיגע רעדע אויף דער קאנווענשאן פון דער „נעשאנאל וויי־מענס טרייד יוניאן ליגע“. וואס איז אפ־געהאלטען געווארען אין פילאדעלפיא, אין אנהויב יוני, האבען ארויסגערופען גרויס אינטערעס אין די ארבייטער קרייזען פון אמעריקא און ענגלאנד. אבער ניט בלויז ארבייטער אליין האבען זיך אינטערעס־זאם צוגעהערט צו דעם וואס מיס באנ־פיעלד האט זיי געהאט צו זאגען. אפילו די קאפיטאליסטישע פרעסע, דא און אין ענגלאנד, האט ניט געקאנט פארשווייגען מיס באנפיעלד'ס שארפע אטאקען אויף דער גאנצער הערשענדער פאליטישער און עקאנאמישער וועלט־ארדנונג. מיס באנ־פיעלד'ס ארויסטרעט אויף דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן מיט דער ערנסטער, היי־סער און פעסטער פאדערונג פאר א ראַ־דיקאלען און גרינדליכען איבערבוי פון דער גאנצער איצטיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג, אנהויבענדיג מיט דער באלדי־גער נאציאנאליזירונג פון אלע לאנדס־רייכטימער און ענדיגענדיג מיט דער פאלשטענדיגער אפשאפונג פון אלע איצ־טיגע פאליטישע און עקאנאמישע קלאַ־סען־און ראסען אונטערשיעדען און גרע־ניצען, — אט די פאדערונג איהרע האט געמאכט א טיעפען רושם ניט בלויז אויף די דעלעגאטען פון דער אמ. פעד. אוו לייבאר קאנווענשאן, וועלכע האבען ביז היינט פון קיין איין רעדנער אויף קיין איינער פון זייערע פריהערדיגע עטליכע־און־דרייסיג קאנווענשאנס קיינמאל ניט גע־הערט, נאר די גאנצע אמעריקאנער עפענט־ליכע מיינונג איז אויפגערודערט געווארען פון מיס באנפיעלד'ס שארפער און גע־וואגטער רעדע אויף יענער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי.

עס וועט פאר אונזערע לעזער זיכער זיין אינטערעסאנט זיך אביסעל נעהענ־טער צו באקענען מיט דער דאזיגער מערקווירדיגער ארבייטער־פיהרערין און פרייהייטס־קעמפערין.

איך האב געהאט דעם גוטען מזל זיך צו טרעפען מיט מיס באנפיעלד אין דער „יוניטי הויז“ פון דער וויייסט מאכער יו־ניאן, וואו מיס באנפיעלד איז געווען א גאסט אויף א פאר טעג, און וואו זי האט — אגב אורחא — געהאלטען צוויי זעהר אינטערעסאנטע און באלעהרענדע פאר־טראגען; איינעם — איבער דער ארביי־טער באוועגונג אין ענגלאנד, און דעם צווייטען איבער דער קאאפעראטיווער באוועגונג אין ענגלאנד און אין אנדערע לענדער. עס איז איבעריג צו זאגען, אז די עטליכע הונדערט מיידלאך, וואס געפי־נען זיך איצט אין דער יוניטי הויז, האבען מיט גרויס געשפאנטקייט זיך צוגעהערט צו מיס באנפיעלד'ס פארטראגען און הא־בען פון זיי א סך געלערנט און שטארק הנאה געהאט. עס זאל דא אויך דערמאנט ווערען, אז א גרויסען דאנק פאר דעם דאזיגען גייסטיגען נענוס און פארגעניגען, וואס מיס באנפיעלד'ס לעקציעס האבען פארשאפט די הונדערטער מיידלאך אין דער „יוניטי הויז“, קומט מיס דזשוליעט סטיוארט פאינטץ. עס איז געווען איהר באמיהונג וואס האט פארשאפט דער „יוניטי הויז“ דעם כבוד און פארגניגען צו האבען מיס באנפיעלד ביי זיך אלס גאסט אויף צוויי טעג.

דער גליקליכער צופאל פון באגעגענען זיך מיט מיס באנפיעלד אין דער „יוניטי הויז“ האט מיר געגעבען די מעגליכקייט ניט נאר צו האבען מיט איהר א לאנגען פריוואטען געשפרעך וועגען איהר אליין, וועגען איהר לעבען, איהרע אידעען, שטרעבונגען און מיינונגען, און וועגען איהר עפענטליכער טעטיגקייט אין דער בריטישער ארבייטער באוועגונג, נאר איך האב דארט אויך געהאט די זעלטענע גע־לעגענהייט אליין זיך צו צוקוקען צו איהר ארט אויפפיהרען זיך, צו איהר באנעהמען זיך מיט מענשען, מיט פשוט'ע ארביי־טער מיידלאך — די קינדער פון פאלק.

דער איינדרוק, וואס זי האט געמאכט אויף אונז און אויף יעדען איינעם אין דער „יוניטי הויז“ איז דער זעלבער איינדרוק, וואס זי מאכט אויף אלע מענשען, וואס זעהן זי און הערען זי רעדען — נעמליך: א מענש מיט א קליינעם גוף און פון א ניט־באזונדערס איינדרוקספולען אויס־זעהן, אבער מיט א גרויסער, ברייטער און טיעפער נשמה, וועלכע קוקט פריי און דרייסט ארויס פון איהרע שעהנע שוואר־צע אויגען, פול מיט לעבען און ענערגיע. ווען זי רעדט צו אייך קוקט זי אייך גלייך אין די אויגען, ווי זי וואלט וועלען אריינקוקען צו אייך אין מוח און אין הארץ צו זעהן צו איהר פארשטעהט וואס זי מיינט און צו איהר פיהלט דאס זעל־בע וואס זי פיהלט וועגען דעם געגענ־שטאנד, וועגען וועלכען זי רעדט. און טאמער איז זי אין ספק צו איהר האט זי ריכטיג פארשטאנען, פוילט זי זיך ניט אבערצו'חזר'ען איהר געדאנק נאך אמאל און נאך אמאל, איהם קלארער מאכען און פארטייטשען, און מיט אזוי פיעל הארץ און געפיהל, אז איהר מוזט ניט נאר זי פארשטעהן, נאר — אויך מיט איהר מיטפיהלען. אין אזא מאמענט דערמאנט זי אייך אן א פרומען, פייערדיגען און עכט־רעליגיעזען מיסיאנער.

מיס באנפיעלד איז א פרוי אין די מיטעלע יאהרען, קליין געוואקסען, מיט א מערקווירדיג־ענערגישער באוועגליכ־קייט פון קערפער. איהר קיילעכיג געזיכט און איהרע צוויי שווארצע לעבהאפטע אויגען מיט זייער אייביג־מילדען און פריינדליכען אויסדרוק געווינען פאר איהר יעדענס צוטרויען פון'ם ערשטען בליק אויף איהר געזיכט. איהר קליידונג איז זעהר איינפאך אבער גאנץ נעט. איהר אלגעמיינע באנעהמונג, סאי אין עס־צי־מער, סאי אין א קליינער גרופע פון נאַ־הענטע פריינד און באקאנטע, און סאי אין א גרעסערער געזעלשאפט פון פרעמ־דע, אומבאהאלפענע מענשען, איז תמיד א לייכטע, ברייוליכע און פריי פון אלע צערעמאניעס. ווען איהר פארברענגט אין איהר געזעלשאפט נאר איין האלב ! שטונ־דע דערפיהלט איהר זיך פריי און היימיש, אזוי ווי איהר וואלט שוין געווען מיט איהר באקאנט און זאגאר באפריינ־דעט א גאנץ לאנגע צייט. בכלל, איז איהר האלטונג אזוי ווי די פון א גאנץ געוועהנליכער און יונגער ארבייטער־מיי־דעל. אין די פאר טעג, וואס זי האט פאר־בראכט אין דער „יוניטי הויז“ האט זי זיך לעבהאפטיג באטייליגט אין אלע פאר־וויילונגען און שפיעלען, וועלכע נאר מיס לוסיע רעטינג, די באגאבטע און ביי אלע־מען באליעבטע לעהרערין און גימנאסטיק־אונטערריכטערין אין דער „יוניטי הויז“, איז פעהיג צו ערפינדען. מיס באנפיעלד האט זיך באטייליגט אין אלע טענץ, געזאנ־גען, גימנאסטישע איבונגען און אלע אנ־דערע שפיעלען צוגלייך מיט אלעמען (די קינדער אריינגערעכענט), נאר זי האט גע־טאנצט, געזונגען און געשפרונגען מעהר פון א סך אנדערע מיידלעך, וועלכע זיינען געבליבען הינטערשטעליג, ווייל ס'האט זיי פשוט אויסגעפעהלט די נויטיגע כוחות און זיי האבען זיך געמוזט אויעקזעצען אפרוהען. צו ענד פון'ם טאג, ווען אפילו די גאט־געבענשטע בריה'שע מיס רעטינג אליין, וועלכע זעהט אויס אזוי ווי זי וואלט געווען געמאכט פון שטאל און באַ־וועגט זיך ווי אויף פרוזשינעס, — אפילו ווען אט די מיס רעטינג איז נאך איהר טאג ארבייט געווען מיעד און פארמא־טערט, איז מיס באנפיעלד געבליבען פונקט אזוי פריש און מונטער ווי אין דער פריה, און האט דעם זעלבען אווענט געהאלטען אן ערנסטען פארטראג פאר די פארזאמעלטע 450 „יוניטי“ מיידלעך, און האט גערעדט מעהר ווי א שעה צייט.

קענט איהר דאך אפשר מיינען, אז דערמיט האט זיך שוין געענדיגט מיס באנפיעלד'ס טאג ארבייט אין דער „יוניטי הויז“? האט איהר א טעות! ערשט ארום עלף א זייגער אין אווענט, נאכדעם ווי עס האט זיך געענדיגט דער פארטראג מיט די דיסקוסיעס, ווען ס'איז אויסגע־לאשען געווארען די עלעקטרישע באלייכ־טונג, און דער עולם איז זיך פאנאנדער־געגאנגען שלאפען, — ערשט דעמאלט האט זיך מיס באנפיעלד, מיט א גרופע נאהענטע פריינד און באקאנטע, אונטער דער פיהרערשאפט פון מיס פאינטץ, פאר־קליבען אין א ווייטען ווינקעל, כדי ניט צו שטערען די וואס זיינען געגאנגען שלאפען, און ביי דער ליכט פון א לאמ־טערן האט די גאנצע גרופע מיידלעך, מיט דער געבוירענער ענגלענדערין אין מיטען, געזונגען רוסישע, אוקראינישע און אידי־שע ליעדלעך ביז שפעט אין דער נאכט. מיס באנפיעלד האט דערביי ארויסגעווי־זען גרויס אינטערעס און א באזונדער ליעבשאפט פאר די מעלאדיען און מאטי־ווען פון די רוסישע פאלקס ליעדער. „אט די ליעדער“ — האט מיר מיס באנפיעלד געזאגט, — „רעדען צום הארצען און זיי דערצעהלען א שטיק נאך ניט־געשריבענע רוסישע היסטאריע!“

מיס באנפיעלד איז געבוירען געווא־רען אין א קליין שטעדטיל אין ענגלאנד. צו עלף יאהר האט זי פארלאזט די שולע און איז געגאנגען ארבייטען אין א פאב־ריק פון קליידער. איהרע פארדינסטען זיינען דעמאלט געווען אזעלכע קלעגלי־כע, אז זי האט קוים מיט זיי געקענט ער־נעהרען איהר אייגענעם יונגען קערפער. געארבייט האט זי א 70 שטונדען א וואך. אין עטליכע יאהר ארום, ווען זי איז אלט געווארען א יאהר 15, האט זי זיך פאראינטערעסירט מיט דער טרייד־יו־ניאניסטישער באוועגונג, האט אנגעהויבען צו נעמען אן אקטיווען אנטייל אין דער דאזיגער באוועגונג, און האט אין דער זעלבער צייט א סך געלערנט און א סך געלעזען. צו 19 יאהר האט זי שוין פארנומען אן אמט אין איהר פאך־ארגא־ניזאציע; עס פארשטעהט זיך — ניט קיין באצאהלטען אמט; אין יענע יאהרען האט מען נאך ניט געוואוסט פון צאהלען שכירות צו יוניאן־באאמטע. זי האט דא־ריבער בייטאג געארבייט אין פאבריק און ביינאכט אין דער יוניאן. די יוניאן־ארבייט, די מיטינגען און פארזאמלונגען האבען צוגענומען אויך איהרע זונטאגס און ימים טובים. סונדעסטוועגען האט זי געפונען צייט אויך צו שרייבען אגיטאַ־ציאנס ארטיקלען אין די ענגלישע פאך־צייטונגען און זשורנאלען. אויך פון אט דער ארבייט האט זי, פארשטעהט זיך, וועניג וואס פארדינט. דערפאר אבער האט זי איצט די גרויסע באלוינונג פון זיין איינע פון די ענגלישע טרייד־יוניאַ־ניסטישע פיאנערען, איינע פון די וויכ־טיגסטע אויפבויער פון דער גרויסער ענג־לישער ארבייטער באוועגונג און ארביי־טער פארטיי, וועלכע איז היינט־צו־טאג די מעכטיגסטע באוועגונג און די שטארק־סטע פאליטישע פארטיי ניט נאר אין ענגלאנד, נאר אויף דער גאנצער וועלט. ניט אומזיסט פראפעצייהען היינט די פאליטישע נביאים, אז אין דער נאַר נאהענטער צוקונפט וועט די ענגלישע ארבייטער־פארטיי איבערנעמען די רעגי־רונגס־לייצעס אין איהרע הענד, און ווע־רען די פאקטישע רעגירערין איבער גאנץ גרויס־בריטאניען. וואס פאר א ווירקונג דאס וועט האבען אויף די ארבייטער־מאַ־סען פון אלע לענדער איז ניט שווער זיך משער צו זיין.

און אין אט דער גרויסער אונשעצבא־רער ארבייט האט מיס באנפיעלד א גאנץ היבשען חלק. איז דאס ניט א רייכע באַ־לוינונג פאר איהרע לאנגע יאהרען פון מיה, אנשטרענגונג און שווערע הארא־וואניע ?

אויסער איהרע אונצעהליגע פארבינ־דונגען מיט א סך גרעסערע און קלענערע ענגלישע ארבייטער־ארגאניזאציעס, פאר־נעהמט היינט מיס באנפיעלד דעם וויכטי־גען אמט פון געהילפס־סעקרעטערין אין דער ענגלישער „נעשאנעל פעדערייששאן אוו וויםען ווארקערס“, און איז א מיט־גליעד פון דער פארלאמענט קאמיטע פון'ם „טרייד יוניאן קאנגרעס“.

ווי געזאגט איז מיס באנפיעלד איצט פארהעלטניסמעסיג נאך א יונגע פרוי; און זי טוט און וועט נאך לאנג טאן א סך גרויסע און ניצליכע ארבייט פאר די ארבייטער־מאסען אין ענגלאנד און אוי־סער ענגלאנד. אבי געזונט און לאנגע יאהרען!

מאַגען מאַטיווען.

עקס־לאקס איז א גוטע זאך,
זים ווי פאַמעראַנצען
ווען די קינדער זעהען עקס־לאקס,
זינגען זיי און טאַנצען.

גיעב אונז עקס־לאקס, מאַמעניו,
ליארמען זיי און שרייען,
דאס וועט אונז פון מאַגען־קרעמפּף,
פון מאַגען־וועה בעפרייען.

און די מאַמע מיט פערשטאַנד
לאַזט זיך לאַנג ניט בעטען;
זי קויפט א באַקסעלע עקס־לאקס
און גיט זיי צו טאַבלעטען.

פילאַדעלפיא! פילאַדעלפיא!

שאַפּ טשערלייט, אויפמערקזאַם!

איהר מוזט זעהן אז אלע ארבייטער פון אייער שאַפּ זאלען האבען רויטע קארדס וועלכע זיינען א צייכען אז די מעמבערס זיינען גוטשטע־הענד.

קיינע אנדערע טאַרען נישט אנערקענט ווע־רען ביז זיי האבען ניט קיין לעטער פון דער יוניאַן. קיינע קארדס וועלען נישט געביטען ווערען ביז אלע טעקסעס וועלען נישט באצאהלט ווערען.

זעהט אלע ארבייטער זאלען אטענדען די יו־ניאַן מיטינגען.

מיט גרוס,

דזשאַינט באַארד קלאָוס און סקוירט מאַכער יוניאַן און פילאַדעלפיא